STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01747

# IN A FREMDN DOR

Mordecai Strigler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג „יידישער פאָלקספאַרבאַנד“

פראַנקרייך

מרדכי שטריגלער

# אין אַ פרעמדן דור

# לידער און פאָעמען

*Tous droits de traduction réservés pour tous les pays.*

מ ר ד כ י   ש ט ר י ג ל ע ר

# אין אַ פֿרעמדן דור

## לידער און פּאָעמען

פֿאַרלאַג / יידישער פֿאָלקס-פֿאַרבאַנד
פּ אַ ר י ז   1 9 4 7

*Mordechaï Sztrigler*

# *In a fremden dor*

*(Dans une autre génération)* *Poèmes*

**EDITIONS DE L'UNION POPULAIRE JUIVE DE FRANCE**

**1947**

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון
חבר יוסף קאָט , ראָאַן (פראַנקרייך)

גערדרוקט אין 3.100 . עקזעמפּלאַרן ●
100 פון זיי אין אַ לוקסוס־אויסגאַבע ●
500 — אויף בעסער פּאַפּיר און נומע־
רירט ● הויפּט־פאַרקויף : יידישער
פאָלקס־פאַרבאַנד, פּאַריז־3, 10 ביס רי
עלזעוויר ● איבערדרוקן דאָס בוך אָדער
טיילן דערפון אָן דער דערלויבעניש
פון מחבר איז שטרענג פאַרבאָטן



# אינהאלט:


פון מחבר — — — — — — — — 8

## 1. איז אַ דור פאַרגאַנגען...

אַ לעבן אַזוינס — — — — — — — — 17

פון מיין שטעטל — — — — — — — 34

ר׳ אפרימקע איז עולה קיין ארץ־ישראל — — — — — 46

## 2. פון אונזערע טעג...

אַ שעה מיט דער אייגענער וויזיע... — — — — — 105

שורות... (פון בוך „נביאיש״) — — — — — 109

צו די וואָס זענען נאָכנישט געבוירן — — — — — 113

קאַפּיטלען פון בוך „אַ וועלט גייט אונטער״:

דערנאָך... — — — — — — — — 119

און אַזוי איז עס צוגעגאַנגען... — — — — — 129

און אַזוי האָט אַ שבתדיקע עדה אַוועקגעשפּרייזט צו גאָט... 135

אין טאָג פון אומגערעכטן משפט — — — — — 145

דער לעצטער ייד אין געטאָ — — — — — — 157

שלמה דער סטאָלער דערציילט... — — — — — 164

צו אייך הונגעריקע און שקלאַפן מידע... — — — 174

אַ מענטש איז זיך מתודה... — — — — — — 183

## 3. מיט זיך אַליין...

צו איינער אַזאַ... (פון ציקל „נישט געשריבענע בריוו״)

צו איינער — — — — — — — — 197

אָ, זיץ נאָך דאָ ביי מיר אַ ווײַלע — — — — — 197

צו דיר... — — — — — — — — — 198

און אַז נאָך אַ געפּיל איז געשטאָרבן — — — — — 199
דיינע אויגן האָבן היינט אַ בריוו געשריבן — — — — 201
צו איינער אַזאַ, וואָס כ׳ווייס נישט איר נאָמען — — — — 202
ווען דו קומסט היינט!... — — — — — — — — 203
און ס׳זאָל אפילו אמת זיין... — — — — — — — 205
יעדער מענטש ווערט אַמאָל אויך מיד — — — — — 206
ווייל איך אַמאָל אין שטילע שעהן — — — — — — 207
אַזעלכע געשיכטעס פּאַסירן אָפט — — — — — — 208
וועלן אויף וועגן צוריק אויפוואַקסן גראָזן — — — — 209
דאָס וואָס ס׳איז געשען... — — — — — — — 210
דאָס פענסטער איז ביי מיר היינט אָפן — — — — — 211
כ׳לייג מיינע טעג דיר צופוסנס... — — — — — — 211
און אויך אַ סך־הכל מוז מען מאַכן — — — — — — 212

## אין דיינע טויערן, פּאַריז

לידער פון אַ פרעמדן — — — — — — — — 214

## ווען מיר איז יאושדיק...

ווען מיר ווערט יאושדיק — — — — — — — 222
די טעג מיינע זענען — — — — — — — — 222
אַ טרינקט מיין ליד — — — — — — — — 223
ביי מיר קומט איר יום־טוב זוכן — — — — — — 224
כ׳ווייס אַז איר האָט ליב געזאַנג — — — — — — 225
כ׳בין ביי מיינע יאָרן בלויז אַ גאַסט — — — — — 225
מיר זאָגט מען — — — — — — — — — 226
געוויין איז די ברכה — — — — — — — — 227
אָט זע, אַ דור איז פאַרגאַנגען — — — — — — 227
וויי, וויי, ווער וועט וויינען?... — — — — — — 228
יאוש... (פון אַ צוריקגעקומענעם משוגע׳ס רייד) — — — 228
ס׳וועט קיינער נישט קומען — — — — — — 235

וואָלט איך אין האַרץ... — — — — — — 236
צום פרעגצייכן — — — — — — — — 237
זע דו האָסט אַ לעבן לאַנג — — — — — — 238
כ׳וועל דערציילן אין אַלע טויערן — — — — — 238
אומזיסט — — — — — — — — — — 239
היינט ווען כ׳בין שוין רואיק — — — — — 240
און כ׳ווייס ס׳וועט קומען — — — — — — 240
און כ׳ווייס נאָך אויך — — — — — — — 243
און אַז קיינער וועט מער נישט — — — — — 244
פאַר וועמען? — — — — — — — — 245
ס׳קלאַפּט נישט קיינער אין דער טיר — — — — 245
פאַרן אָפּענעם פענסטער — — — — — — 246
כ׳האָב מיין גאָט פאַרלוירן — — — — — — 247
שרייבט דאָ אַ מענטש — — — — — — — 248
דערקלערונגען — — — — — — — — 251

# פון מחבר:

דאָס דאָזיקע בוך לידער און פּאָעמען באַשטייט טיילווייז פון קלײנע פראַגמענטן, פון פאַרשידענע ווערק, אָנגעשריבן אין די קאַשמאַר-יאָרן.

שרייבנדיק האָט דער מחבר דאַן נישט געקענט טראַכטן אַז די שריפטן וועלן אַמאָל צוזאַמען מיט אים זען די ליכטיקע וועלט. ער האָט געשריבן ווייל עס האָט אין יענע גרויל-טעג געמוזט געשריבן ווערן, איבערצולאָזן אַ עכאָ פון דעם וואָס ס'איז געשען פאַר די קומענדיקע צייטן; פאַר די וואָס זענען לעבנגעבליבן. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער קריגס-צייט זענען אַזוי אַרום אויפגעוואַקסן צענדליקער בענדער, פול מיט דערשטיקטן אויפברויז, פּיבער און געוויין; געשריבן — זייענדיק אין די הענט פון תליון און וואַרטנדיק יעדע מינוט אויפן טויט... יעדעס מאָל זענען אַנדערע טיילן פון זיי פאַרניכטעט געוואָרן, אויפן זעלבן אָרט ווו אויך ער איז באַשטימט געווען פאַרניכטעט צו ווערן. שטענדיק אָבער האָט דער גורל געטיילט זיין אורטייל אויף דער העלפט; אַזוי איז עס געשען אין די ערשטע קריגס-טעג, ווען ער איז אַריינגעפאַלן מיט זיינע מאַנוסקריפּטן — אַ יאָרנלאַנגע אַרבעט — אין די הענט פון דער לובלינער געסטאַפּאָ... און ווען גוטע מענטשן האָבן אים געפינען אַ האַלב-טויטן און צעשניטענעם אין אַ שטאָט-ווינקל, איז זיי נאָך געלינגען אים צוריקצוברענגען צום לעבן; בלויז די ווערק זיינע זענען פאַרבליבן אין די הענקערס הענט...

שפּעטער, ווען ער האָט מיט פיינלעכער פּינקטלעכקייט נאָטירט אַלץ וואָס ס'געשעט מיט דעם יידישן פּוילן און ס'זענען דערפון אַרויסגעקומען אַ קאַסטן מיט שריפטן — האָט ער עס באַגראָבן אין אַ פוירישער שטוב, נעבן זיין לאַגער און ביז־איצט ווייסט ער נישט וואָס ס'איז דערמיט געשען... די לעצטע ווערק זיינע, געשריבענע אין די לאַגערן אַרום די „יודענריינע" שטעט, האָט ער באַוויזן אויפצוהיטן ביז דער שוועל פון מיידאַנעקער קאַז-קאַמער; פון דאָרט איז ער אַרויס אַ נאַקעטער און געלאָזט די שטיקער געשריי אין יענעם אָרט ווו זיי זענען אַוועק אין פלאַם צוזאַמען מיט זיינע שוועסטער, ברידער און חברים...

אין דעם שוידערלעכן לאַגער פון דער סקאַרזשיסקער אַמוניציע-פאַב-

ריק „ווערק צע" האָט ער אויפסניי געגומען שרייבן. דער טרויער נאָך די פאַרברענטע ווערק איז געווען אַזוי שטאַרק ווי נאָך יינגע, פאַרשנטעטענע קינדער וואָס האָבן דאָס פּנים פון דער וועלט נאָך נישט געזען... און ער האָט זיך באַמיט אַ טייל פון זיי אַרויסצורופן צוריק פון חרובן זכרון אַרויס — אָבער ס'האָט אים ווידער אַ צוגעהעמערטער צוג אַוועקגעשלעפּט פון דאָרט אַן אַ איינציקער, אַנגעשריבענער שורה... דאָס זעלבע האָט זיך אי־בערגעחזרט אין בוכענוואַלד... אַזוי ווי די געהיימע האַנט פון דער באַ־שערטקייט וואָלט זיך פאַרליבט צו פאַרניכטן ביי אים אַלץ, וואָס ס'איז געשריבן געוואָרן אין די מינוטן פון אייגנהויטיקן, טויזנטער מאָל איוב'־דיקן צער און ווייטיק.

בלויז ער אַליין איז געבליבן מיט זיין איינגעמידטן טרויער איבער זיין אויסגעשאָכטן פאָלק און אָן דעם פייערדיקן אויפבריל פון די פרישע, שוידערדיקע וווּנדן אַרוים...

האָט ער רעזיגנירט פון ראַנגלען זיך מיטן גורל. שוין זענען אין אים אויפגעקומען געדאַנקען נישט מער אָנצוהייבן מיט דעם, וואָס האָט צו־גענומען ביי אים אַזויפיל צייט, סכנה שבסכנה'דיקע טעג און יאָרן... גאַנ־צע טיילן זענען אָבער געבליבן שטעקן אין זיין פאַריאושטן מח. זיי האָבן זיך דאָרט ווידער גענומען גרופּירן שורותווייז, געוואַקסן און געוואַקסן ביז עס איז זיי ענג געוואָרן אין די קליינע קעמערלעך פון אַ אויפגערעגט־מידן מענטשס טראַכט און מיט פאַרויסע טריט געשפּרייזט צו יענעם טאָג ווען זיי וועלן קענען אין מוזן אַרויספּלאַצן...

די באַפרייונג האָט אים געטראָפן מיט ליידיקע הענט, אָן דעם גרויסן באַגאַזש מיט כתבים, וואָס ער האָט אָנגעמיט און אַרויסגעבלוטיקט פון זיך אַרוים. ער האָט דאַן שוין אויך געזען זיין וועג אין לעבעדיקן, אַקטיווו־צאַפּלדיקן קאַמף פאַרן אויפלעבן פון דאָס ניי, פאַרן אויפרייסן די קייטן פון שוידערלעכן, יידישן סך־הכל; ער האָט עס אויך אָנגעהויבן צו טון אויף דעם קללה'דיקן דייטשן באָדן, ווי וועלנדיק אַנטלויפן פון זיין גרוי־זאַמעם פעדער־חוב... מיט געוואָלט האָט ער געפּרווווט צושטאָפּן יענע אָפענע מאַגונג אין זיין האַרץ און טויב געמאַכט זיין געהער פאַר די מי־ליאָנען זעאונגען און געפילן, וואָס האָבן צוריק אויפגעשטורעמט אין אים, זיך אויסגעלשונט זייער אייגענע שפּראַך און זיך געריסן דורך אַלץ אין אים צום געזען און געהערט ווערן...

איז פאַר אים געבליבן איינער פון די צוויי וועגן : פאַרגעסן... אַלץ פאַרגעסן אָדער צוצושמידן דאָס גאַנצע ביסל יינג־געבליבענע לעבן צו דעם טרויעריקסטן שרייב־טיש פון אַלע צייטן...

מיט נאַאיווער קינדישקייט האָט ער זיך נאָך געוואָלט איינרעדן אַז ער האָט דעם אויסוואַל אין די הענט, אַז ער קען נאָך באַשטימען... דאַן ווען די פּלוצים־אויפגעוואַכטע זכרונות פון פאַרטייע, האָבן שוין לאַנג

אַרויפגעלייגט זייער גזירה אויף זיינע קומענדיקע טעג, נעכט און יאָרן... און אַנטלויפן פאַר זיי איז נישט מעגלעך געווען...

עס וועט דער מחבר קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם טאָג, ווען דער שליח פון די, וואָס וואַרטן אויפן וואָרט פון יענע טעג האָט זיך באַוויזן אין אַ אַמעריקאַנער מונדיר און אים פאַרהאַלטן אין מיטן זיין אויסמיידנדיקן לויף : שרייב ! און ס׳איז גענוג געווען בלויז דער ערשטער באַטראַכט, דער ערשטער אָנהייב — מיטן שרייבן אַ בריוו צו ה. לייוויקן, אַז אַלע צוימען זאָלן אויפגעבראָכן ווערן... קיין צוריק איז שוין מער נישט מעגלעך געווען. ס׳זענען געקומען טעג און נעכט, צווישן דעם שכורען נאָך-באַפרייונגס-האַרמידער פון בוכענוואַלד, ווען ער איז געזעסן — און די שורות פון יענע פאַרלוירנגעגאַנגענע כתבים און געפילן האָבן זיך אַליין אַרויסגעגאָסן אויפן פאַפיר... ס׳האָט אויסגעזען אַזוי ווי זיי פרעגן אַפילו נישט נאָך אים אַליין, נאָך זיין סטיל... און דערציילן, און פאַרשרייבן וואָס זיי ווילן און וויאַזוי זיי ווילן... און אַזוי־אַרום האָבן זיי זיך פאַרמערט, גייענדיק אויף זייער אייגענעם, פון פריער־באַשטימטן וועג...

ס׳זענען אַזוי־אַרום אויפגעקומען די ערשטע, פאַרעפנטלעכטע כראָניק-פאָעמעס, די ערשטע קאַפיטלען פון ווערק „אַ וועלט גייט אונטער...” די ערשטע רויע נאָטיצן פאַר אַ גאַנצע ריי ווערק.

און ווען דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן קיין פאַריז און דאָס לעבן האָט אים אויפגעצווונגען זיך אַרויפצוכאַפן אויף דער „נאָרמאַלן” וואָגן פון דער צייט, האָט ער אָבער שטענדיק געשפירט דאָס נישט-נאַטירלעכע פון אַזאַ וועלן איבערגיין צום טאָג-טעגלעכן, איידער ער האָט באַצאָלט זיין גרויסן, שווערן חוב... ס׳האָט פון אים אַרויסגעשריגן דורך זיינע טאָג-טעגלעכע צייטונגס-אַרטיקלען, פון זיין מינוט-מינוטדיקער באַשעפטיקונג אַרויס — — — און אין די נעכט — פאַריזער אויפגעהייטערטע און צעליכטן-אָנגעצינדענע נעכט ! — האָט עס אים אַוועקגעשלעפט אין ווינקל, ווי איינעם וואָס האָט נאָך דערווייל דאָ גאָרנישט וואָס צו טון מיט אָט דעם פרעמדן, נאָרמאַליזירטן דור... אין זיין אָפגעזונדערטקייט האָט ער ווייטער געגראָבן אין די קברים פון פאַרגאַנגענעם, געלעבט מיט זיין דור, דעם פאַרשוווּנדענעם און אָפגעמעקטן און פאַר אים — ווי פאַר זיך און זיין פאַרפייניקט לעבן פון פריער — געזוכט אַ ניצוץ פון אַ תיקון...

זענען געקומען די ערשטע ביכער פון דער גרויס-פאַרמאָסטענער סעריע „אויסגעברענטע ליכט”, זענען פיבערדיק אָנגעשריבן געוואָרן גרויסע טיילן פון צענדליקער אַנדערע אַרבעטן און ערשט דאַן האָט ער דערזען אַז ער שטייט פאַר דעם מיסטיש-פאַרהוילענעם אָנהייב... אַז ס׳איז בלויז געעפנט געוואָרן די ערשטע טיר צום גרויסן, טונקעלן לאַבירינט...

***

און אַז שרייבן — אינמיטן דעם טעגלעך-אַקטועלן, פריש-צאַפלדיקן

און געוויינלעכן — זעט פֿאַר זיך דער מחבר צוויי קאַרדינאַלע ליניעס: באַהאַלטן דעם הויך פֿון פֿאַרגאַנגענעם, אויסגעלאָשענעם דור מיט זיינע ליידן און פֿריידן, עליות און ירידות — ווי אַ שטיק פֿון אונזער איך וואָס וועט שוין מער קיינמאָל לעבעדיק נישט ווערן אין דער פֿאָרם ווי עס איז געווען. אַלס רעזולטאַט דערפֿון קומט אַרויס פֿון אונטער זיין פֿעדער זיין בוך „מספורי זקן מנעוריו" (אין העברעאיש). אַ גרויסער ראָמאַן „פֿון אַן אונטערגעגאַנגענעם דור" און אַנדערע זאַכן וואָס דרימלען נאָך אין פֿאַרטראַכטע פּלענער.

ער ווייסט שוין אויך אַז ער וועט מוזן קומען מיט זיין עדות-זאָגן, מיטן געשטאַלטן יענע אימה-יאָרן מיט זייער גאַנצן ווי און גרויל אין אַלערליי פֿאָרמען און געשטאַלטן. די ווערק וואָס דערשיינען אָדער וועלן דערשיינען אין קורצן זענען דערווייל נאָר דער נישט-סיסטעמאַטישער אָנהייב, דער ערשטער אויפֿגלי צו דער גרויסער אויפֿגאַבע...

***

אין דאָזיקן בוך זענען אַריינגעגעבן געוואָרן קליינע שפּליטערן פֿון דריי פֿאַרשידנאַרטיקע צייטן:

אַ קליינער רים פֿונם דור וואָס איז פֿאַרגאַנגען; איינציקע קאַפּיטלען, איבערדערמאָנונגען פֿון שריפֿטן אינמיטן אַ וועלט וואָס גייט אונטער און עטלעכע שטימונגען פֿון אַ מענטש, וואָס איז אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ דור וואָס איז אים נאָך פֿרעמד און נישט-צוגעוואַקסן צו זיין גייס-טיקער הויט; וואָס ברענט נאָך מיט יענעם ווי פֿונם נעכטן און יידישן אַמאָל...

דאָס אַלץ איז געשריבן געוואָרן אין די ערשטע פֿאַר חדשים נאָך דער באַפֿרייונג און אַזוי צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק. עס זענען דערווייל פֿאַרלאָפֿן לאַנגע חדשים, אין וועלכע דער מחבר האָט אָנגעהויבן אַנדערש צו קוקן אויף געוויסע דערשיינונגען אין לעבן. ער האָט אויך גענומען מיט אַ קריטיש אויג אויפֿכאַפּן שורה נאָך שורה, געוואָלט זיי איבערגע-שטאַלטן, איבערפֿאָרמען לויט דעם, וואָס ער האַלט יעצט פֿאַר קינסטלע-רישער פֿילבאַרקייט... האָט ער פֿון אַ סך דאָ-געדרוקטע קאַפּיטלען אַרויס-געשניטן שטיקער, וואָס בלייבן נאָך מיט זייער ערשטן אויסגעשריי און וואָרטן... ס'זענען געקומען אַ סך ספֿיקות און נישט געלאָזט שוין איצט פֿאַרעפֿנטלעכן פֿאַרשידענע טיילן, וואָס מוזן אפֿשר אויסוואַרטן ביז אַ מעגלעכער צייט... ער האָט זיך אויך דערשראָקן פֿאַר געוויסע טיילן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין יענע צייטן און היינט קענען זיי אַריינפֿאַלן אינ'ם גרילץ פֿון בלוטיקן שונד, פֿאַר וועלכן אַ עדות-חוב מוז אויסגעהיטן ווערן... דאָס האַרץ האָט אים אָבער נישט געלאָזט ענדערן אויך די איבערגעלאָזטע... בלייבן זיי כמעט אַזוי ווי זיי זענען אַרויסגעקומען דורך די אונטערוועגן פֿון זיין פֿעדער, מיטן חותם פֿון די ערשטע אימפּולסן,

אין שורות געשריבענע פון אַ מענטש, וואָס איז געשלײדערט געוואָרן דורך קאַטאַקליזמען אין אַ פרעמדן דור אַריין...

***

דערשײַנט דאָס בוך אין די טעג ווען דער ייִדישער גורל און די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן ווייטער ווי אַ פאָלק הענגט אין דעם פֿאַר־נעפּלטן ספק פון דער נאָך־חורבנדיקער בין־השמשות וועלט... און עס באַאומרואיקט דעם מחבר דאָס געפיל, וואָס ער האָט אין דאָזיקן בוך נישט געבראַנגט צום אויסדרוק :

די זאָרג פאַר דער ווייטערצייונג פון יידישן פאָלק, זײַן קולטור. און די בענקשאַפט צו זען עס איבערגעפלאַנצט אויף אַ געזונטן, אייגע־נעם באָדן... מוז ער עס כאָטש אַרײַנפלעכטן אין די ציטערדיקע, לעצטע שורות זײַנע. ער ווייסט, אַז ס'איז נישט מעגלעך צו ראַנגלען זיך, צום אָנהייבן אויפסניי — אָן דעם עלעמענטאַרסטן וואָס אַ פאָלק דאַרף האָבן... עס וועלן אפשר אַלע קרבנות און אָנשטרענגונגען זײַן אומזיס־טע, אויב זיי וועלן נישט אויסגעטראָגן ווערן אין אונזער יידישער היים אָדער אין איר אָנלען... זאָלן זשע די דאָזיקע שורות זײַן דער הוב־מאָנער ביי אים און ביי אַלע וואָס טראַכטן ערנסט וועגן גורל פון יידישן פאָלק און זײַן קולטור.

טייל קאַפּיטלען פון דאָזיקן בוך זענען פאַר אים דער ביישפיל ווי אַזוי מען קען אַדורכטראָגן געדאַנקען איבער די שווערסטע צייטן, איבער אַלע צייט־פייערן און זיי דערפירן ביז רעאַלן ווידער־אויפשפּראָץ.

איז עס פאַר אים ווי אַ סימבאָל אין די שווערע טעג פון דויערנדיקן קאַמף פאַר אונזער אַנטגילטיקער באַפרייונג און פאַר אַ זעלבסטשטענ־דיק, יידיש ארץ־ישראל. זאָל דאָס באַהויכן מיט אַ זין דאָס אויפהיטן דעם זכרון פון אונזער געוועזן ביז צו אונזער זיכערן ווייטער זײַן.

פאַריז, אין מערץ 1947.

# אין אַ דור פאַרגאַנגען...

(אויטאָביאָגראַפיש)

געשריבן אין פאָלקסטימלעכן
פויליש־יידישן סטיל —
קהלת־זאַמאָשטש אַ שפּראַכלעכע מצבה.

# אַ לעבּן אַזוינס...

מיין הרובער היים — מיט ציטער.

א.

אַ געזינדל אַ גרויס געווען אין שטוב —
ביי מיין טאַטן דעם דאָרפס־פּאַכטער!
זיבן טעכטער — ווי די ביימער אין וואַלד
און איך, דער בן־יחיד, דער אַכטער...

האָט דער טאַטע ביי זיך באַשלאָסן:
— ס'זאָל די וועלט זיך איבערקערן!
זיבן טעכטער — ביי דער אַרבעט —
זאָל דער זון אַ רב כאָטש ווערן!

בפרט אַז דער „רבי" האָט פאַרהערט
און צעזיפּצט זיך מיט אַ וואַזשנע טאָן:
אָוואַ, אַ יינגאַטש האָסטו!
וועט ער לערנען — וואַקסט אַ גאון!

...זענען די שוועסטער געבליבן אין דאָרף:
— אַ דאגה דאָרט מיט דער חברה מיידן!
בלויז מיך, דעם שווייגער און שקאָץ
שיקט מען לערנען צום זיידן.

ב.

דער זיידע אין בילגאָריי שטאַרבט אַוועק —
נעמט אונטער די פליגל מיך דער פעטער
וועמענס טעכטער ס'וואַשן זיך מיט זייף
און די בנים ליינען בלעטער...

דעם פעטערס טעכטער זענען דאַר און גרין
נאָר זיי לערנען זיך אין „שקאָלעס"
און מיינע שוועסטערן — אַרבעטן אין דאָרף
נאָר מיידן דערפאַר — אין זיבן פאָלעס!

בינ'ך שטענדיק פאַרטראַכט, פאַרקלערט:
ס'ציט די היים און איר אַרום: די פעדער!
און אַז מ'האָט די גמרא נישט אין זין —
שנײדט דער רבי מיט כעס די לעדער!

באַקום איך פײַנט די פרעמדע שטאָט
און אַ אומעט נעמט מיך פרעסן
און װיפל שטראָפרײד כ'הער נישט אויס —
אַ טאָג אין חדר נישט אויסגעזעסן!

נאָר ס'שמײכלט בײם פעטער די געלע באָרד:
„— ייד, וואָס רעדט איר דען אַ סך !?
זיבן יאָר קוים האָט אַ יינגל —
און געדענקט בעל־פּה שוין רוב תנ"ך !...

נאָר אַז אַ יינגל אַ מאָדנע איז'ס
דאָס װעט שוין דערפאַר נישט לײקענען קײנער
שרײַ און שלאָג... און רעד אַרײַן —
נישטאָ דאָס מין — ער זאָל װײנען!

און אַ יינגל, הע — אַ װילדער עקשן!
װיל זיך גאָרנישט בײם מלמד פרעגן...
לערנט ער, דאַװנט... שטענדיק אײנס:
האָט זיך שטענדיק זײַנע װעגן!

... איז דערװײל אַ שׂרפה בײ אונז אין דאָרף
און מ'קומט אַרױס — קוים מיט די העמדער...
בין איך בײם פעטער שוין אױס גאַסט —
און אַרום מיר װערט אַלס פרעמדער...

נאָר — אַז מ'שמועסט אַמאָל פון נסים
געשעען מיט מיר נסים ממש:
דער טאַטע טוט אַ שפּײ אויפן דאָרף
און מיר ציען זיך קײן זאַמאָשטש...

ג.

אַ שטיבעלע דאָרט אין געסל —
מײַן זאַמאָשטשער הײם, די נײַע
נאָר צופרידן בין איך דאָך:
אַה! אַ מחיה!

כאָטש: אויך דאָ — אַ חדר,
אַ מלמד, אַ גמרא, מוסר־ספרים
און דינים... דינים — אַ ים!
און עבֿרות... עבֿרות — חמרים!

דערפאַר אָבער: דערפֿער אַרום!
מיט פורלעך, גויים און חזירים
און אַז כ'מאַך אין מאַרק אַ שפּאַציר —
פּרעגט'ס דעם טאַטן דאָרט בחרם!

נאָר — אַ שטאָט מיט גרויסע מיילער :
איז'ן דעם טאַטן דערציילן געקומען:
— ס'איז מיטן בן־יחיד גאָרנישט גוט —
ביים קצב'ס בנים לערנט ער שווימען!

און אויב אפילו ער לערנט אַזוי —
וועט ער קיין רב נישט זיין אויף זיכער!
ווייל — טפו! טפו! טפו!
די שמד'ניקעס גיבן אים טריפה ביכער!

איז דער טאַטע צום רבין אַוועק
און יענער האָט בלויז איין טענה:
„השגחה מוז דער קונדס האָבן —
טאָ זאָל ער לערנען מיט די יינגלעך זיינע!"

איז אַ סוף מיט דער ליבער פריי
ווי דעם רבינ'ס בנים מוז איך קנעלן
און פּנחס מלמד איז אַ קפדן —
אים מוזטו ווייל געפעלן!

און אויב אַפילו דעם רבינ'ס בנים —
ווייזען אַמאָל, שפּרינגען, שטיפן
מוז איך אָבער איינזען צווישן אונז
דעם גרויסן תהום און דעם טיפן:

„— ווי ?" האָט פּנחס אין מיר געקנעלט —
„פאַר זיי האָבן געפּלייסט זיך אַ קייט פון אבות
און דו — אַ פּויערים־שטאַם!
אַ וואַזשנער יחוס — אָן קאַטאָוועס!..."

פאָלג איך די עצה פון בייזן רבין
און נעם אין תורה־יים זיך שווימען
ביז צווישן חסידים האָב איך אַ שם —
פאַר אַ ווידן יינגל דאָן באַקומען...

ד.

בין איך צען יאָר אַלט —
נעמט אין שטוב אַנדערש ווערן
די שוועסטער וואַקסן, ווערן עלטער —
און אַ „תכלית" מוז מען קלערן...

קומט פ'שלימזל נאָך דערצו:
קיין פּרנסה... קאָנקורענטן!
און דעם טאַטנס האָר גרויען —
די קנייטשן אויפן שטערן ביי אים דערקענט'ן...

נעמט מיין יינגע שוועסטער רוכטשע
און באַשליסט אַ שניידערין צו ווערן
כאַטש — דער טאַטע... כמורנע שוויגט ער
און אין אויג גלאַנצן טרערן...

און — נאָך רוכטשען — פייגע; נאָך פייגען — שרה
— אַ גאַנצע שטוב מיט פינגערהוטן!
און פון „פּאַריין" — רייד אַזוינע —
וואָס קאָכן אין טאַטן אויף די בלוטן...

צו „קידוש" איז מען אין פּאַריינען
אוןביים שבת־טיש — נישט איינצוזיצן!
און ווען רבין, וועגן חסידים —
ווייסט שוין פייגע מענגען וויצן...

נאָר — אָן אַ פּרוטה ! אַז בלויז די מיידלעך
גיבן צו פּרנסה אים צושטייער
ווערן זיי די מורא אָן
און פילן זיך אַלס פרייער, פרייער...

...פּנחס מלמד דערשמעקט דערווייל
אַז מיטן צאָלן איז העט נישט גלאַטיק
— וואָס־זשע שטופּט זיך צו נגידים
דער מילכיקער דאָרט, דער דאָרפס־לאַטעק!?

און ווען כ'בין איינמאָל אַהיימגעקומען
מיטן רבינס אָנצוגעהערעניש — שוין פון וואָכן
האָב איך ס'ערשטע מאָל אין לעבן —
אין אַ געוויין אויסגעבראָכן — — —

ה.

קיין מלמד־געלט צום צאָלן —
קען דער טאַטע נישט פאַרדינען
און די שוועסטער? גראָשנס קליינע!
ביי שלעפּערדיקע ניי־מאַשינען...

גיי איך נישט אין חדר מער
און שעם זיך צו קוקן גלייך אין אויגן
ס'קוקט דער טאַטע פאַר זיך פינסטער
און די מאַמע — טיפגעבויגן...

און די שוועסטער ווערן דרייסטער:
קיין העלער דעם מלמד נישט צו געבן!
אַ יינגל וועט שרייבן אפילו נישט קענען
און באַדויערן דערנאָך ס'גאַנצע לעבן!

און נאָך און נאָך רייד אַזוינע
וועגן מיר און דעם גורל מיינעם,
פונזייערטוועגן באַשטייען זיי: אין שקאָלע!
און כ'זאָל נעמען ביכער ליינען!

נאָר ס'האָט דער טאַטע אין חסידים־שטיבל
עמעצן זיין צער פאַרטרויט
און ס'האָט דער שוחט, הערשל —
אַרויסגעהויבן פון דער נויט...

ז.

אַ גאַנצן טאָג זיץ איך אין פּאָליש
גריבל אין ש"ס זיך, זוך אין ספרים
און הערשל שוחט — אַ ייד אַ חלוש —
האָט אַ חבר — פאַר מיינע יאָרן.

יאָסל, הערשלס עלטסטער בחור
ער זאָל דאָס מיין חבר זיין אויף ווייטער
איך — אַ יינגל, אין־זיך־פאַרטראַכטער
און ער — אַ וווילער, אַ פאַרשייטער...

מוז איך יאָסלען מוסר־זאָגן
אים צום לערנען צוצוציען
דערפאַר וועט הערשל פאַר מיר קלערן —
אַ תכלית פאַר מיר זיך באַמיען

נאָר — יאָסל! הע, הע — יאָסל!
יאָסל איז מיט צוויי יאָר עלטער
גלויבט ער אַז אויך שוין איך
בין ווי ער שוין — אַ פאַרשטעלטער!

יאָסל טראָגט אין די טאַשן גאָר
שמ"ר'ס „אינטערעסאַנטע ראָמאַנען"
און איין גאָט ווייסט נאָר בלויז
אַז כ'האָב נאָך גאָרנישט דערפון פאַרשטאַנען...

לערן איך און לערן בלויז
און הערשל דערקלערט די שווערע שטעלן
רייס איך יאָסלען אויבעט מיט —
אַבי זיין פאָטער צו ווילגעפעלן...

ז.

זיך איך אַזוי אין קיעלצער פּאָליש
זיך און קנעל זיך אַזוי פלייסיק
עלף יאָר שוין געוואָרן —
אויף דער וועלט איז ניינצנאיינאונדרייסיק

טוט עס פון דעם ווייטן וואָלין
צוויי בחורים, שוואַרצע, צו אונז צו טראָגן
קלעפּן זיי קווּיטלעך אויף די ווענט:
שבת וועלן זיי אַ דרשה זאָגן...

וועמען אַרט עס, ווער זשע קלערט עס —
וואָס צוויי שוואַרצע וואַנדערער ווילן?
דאַרף אָבער איינער דאַווענען שפּעט —
מוז איך גיין אים שאַפּן תפילין!

הער איך אוים די מעשה׳ס זייערע
ווי מ׳וואָלט געעפנט אויגן ביי אַ בלינדן
קלעפּ איך שוין אין די דרשנים:
אַ פייער אין האַרץ האָבן זיי צעצינדן!

קומט זייער רבי נאָך צו פאָרן
אַ הויכער ייד מיט בייזע ברעמען
זאָגט ער פייער־דרשות אין שול
אויף אַזעלכע בייזע, מאָדנע טעמען

מאָגער איז ער, הויך און בלייך...
בלויז אין קול: אַ בייזע גבורה!
און אָן דרך־ארץ פאַר שיין און רייך —
שפּייט דעם אמת זיי אין צורה...

„אַ שטאָט" — זאָגט ער — איז דאָ אַ גראָבע
וויל ער דאָ ס׳עם־הארצות לינדן
און אַז מ׳וויל נישט — ר׳פרעגט נישט קיינעם!
אַ ישיבה אין שטעטל וויל ער גרינדן...

און אויגן האָט ער, גרוי און שטעכיק
און אַ באָרד האָט ער — לאַנג און שפּיציק
און אַ שפּראַך — מעסערשניטן!
און ער אינגאַנצן — כעס׳דיק, היציק...

באַקומט אַ מורא פאַר אים ס׳שטעטל
און פאַר די אויגן, וואָס קענען מענטשן שטעכן
און ווילנס שטאַרקע, נשמות גראָבע
קען איין וואָרט זיינס איבערברעכן

קומען פראָווינצער יינגלעך... אַ פּליסטער:
— ס'איז דאָך ער, ר' מענדל אַדעסער!
און ער פּאַקט מיר אין אַ ווינקל
און נעמט מיך באַלד אויפן שאַרף פון מעסער:

„ווילט איר, בחור, לעבן אַנדערש
ווי זיי אין שטעטל, די גראָבע פליגל
וווּ ייִד זיין הייסט: מסחר, שווינדל
און ייִדישקייט: משאָלנט און קישקע־קוגל?

ווילט איר ווי אָט די אַלע וואַקסן
אַ דיק ווייב האָבן און מיט איר שלאָפן?
און די טעג, לייִדיק־פוילע ביי פורלעך
מעלה־גרהן מעשיות מיט די שטאָט־שאַלאָפים...

אָדער ווילט איר שענער'ס, ווילט איר העכער'ס
ווילט איר מיטן ווילן זיך פאַרמעסטן
אַ קאַמף קעגן חסרונות, קעגן שטראָם פון לעבן
פונם קלענסטן ביזן גרעסטן?..."

און אַ דאַנק ר' מענדל'ס מילדן צאָרן
בין איך אַ „מוסרניק" דאַן געוואָרן — — —

ח.

ווי די זיפים צו שאולן אַמאָל —
איז מען ר' מענדלען געקומען זאָגן:
ס'האָט נעכטן דער מתמיד מאָטל, יאָ
פון ביבליאָטעק אַ ביכל אַהיימגעטראָגן...

און ביינאַכט ווען דער טאַטע איז נישטאָ
לייענט ער ביכער, זוכט אין בלעטער
מיט איין גאָט נאָכנישט גוט באַקאַנט —
און זוכט שוין קאָנטשאַפט מיט נייע געטער...

...זיץ איך ביינאַכט אַמאָל אַזוי
און לייען אין ווינקל אַ ביכל לידער
אָט לייג איך עס פון האַנט אַרויס
און כאַפּ עס באַלד אין האַנט ווידער

די שוועסטער — ערגעץ אויף שפּאַציר
די מאַמע אויף אַ שמועס ביי אַ שכנה
און דער טאַטע איז אַוועק אין דאָרף
אויפן שפּור פון אַמאָליקע עסקים זיינע

האָט די מאַמע אָנגעזאָגט:
ס'ט הערן ווען ס'קומט נאָך עמעץ!
נאָך איך בין דאָ איינגאַנצן פאַרכאַפּט —
און בין פויל צו הייבן הויך די ברעמען — — —

שפּיר איך אַ באַריר פון אַ האַנט
און כ'וועד איין שטיק ציטער
ר' מענדלס אויגן שטעכן טיף
און זיין שמייכל — פיאָלון־ביטער — — —

שלאָגט זיך אָן בליק אויף בליק
מיינער — שוואך און זיינער — שטאַרק
גליטשט אַ וואָרט זיך דורך מיין קעל
פאַרשטיקט עס זיך אין געוואָרג

...לייענט ר' מענדל שטאַרק פאַרטיפט —
אין די בלעטער פון מיין גנבה
און חדושט זיך, פאַר זיך שטיל:
ווער איז דאָס פאַר איינער, לייוויק?

נאָר כ'שווייג יעצט ווי אַ שטומער —
כ'קען ר' מענדלען ווי מיינע פינגער:
אַ זינד ביי אים אַ איבריק וואָרט;
האַסט פאַרביסן העזה־צינגער...

לייגט ער צוריק אַוועק דאָס בוך
און גייט מיט צער־טריט שטיל אַרויס
נאָר זיין שאָטן אויף דער וואַנט —
בלייבט ביי מיר צוויי מאָל גרויס

כ'וויים אַז היינט איז דאָ געשען —
אַ זאַך אַ גרויסע, אַ שרעקלעך־נייע
ווייל ס'האָט געוויינט ר' מענדל'ס טריט —
ווי געוועז וואָלט דאָ מיין לויה — — —

כ'וויים אַז מאָרגן, אוי אַ טאָג!
וועט אַ משפט מיט זיך ברענגען
און כ'בעט ביי יעדן רגע נאַכט —
זי זאָל בלייבן מיט מיר לענגער...

נאָר די שעהן האָבן ווען —
משוגע־שנעל אַקייגנצולויפן
און די נאַכט פאַריאָגט עס פון דער שוועל
— פריי־געריוויש אויף אַלע הויפן — — —

ט.

אין ישיבה פרי שווייגט אַלס צו מיר —
ס'האָט אָנגעהויבן זיך דער הרם!
ס'קוועלן פריי די קנאה־קעפ —
און ס'שעמען זייטיק זיך חברים...

ס'שפּרייזט ר' מענדל אויף און אָפּ
און בייסט די לאַנגע באָרד־שפּיצן
אין מיין ווינקל איז שטיל און לער —
מ'האָט מורא נעבן מיר צו זיצן...

די „עלטערע" בחורים דאָ —
וואַרפֿן אויף מיר בייזע בליקן
און איך גרייט זיך אין מיר טיף
איבערצורייסן אַלע בריקן — — —

כ'בייג דעם קאָפּ טיפֿער אַראָפּ:
כ'וויל נישט זען און הערן קיינעם!
כ'קלער בלויז ווען דער טאַטע קומט
און וואָס מ'זאָגט די פֿרומע שכנים...

באַלד שטעלן טריט זיך אָפּ...
אַ האַנט פֿאַרשטעלט די שריפֿט פֿון ספֿר
ר' מענדל? דאָס האַרץ צעשפּרינגט
און האַסטיק פּלאַפּלט ביי מיר דער דפֿק...

ער רופֿט מיך מיט אַ פֿינגער שטום
און איך שפּרייז נעבן אים פֿאַרביסן:
איך וויל לערנען אָבער ליינען אויך!
אויב ער וויל — טאָ זאָל ער וויסן!

ר' מענדל שפּרייזט פֿון שוועל פֿאָרויס
גרויסע שריט — ווי זיין שטייגער
און הונדערט בליקן לויפֿן נאָך
פֿול מיט יראה און מיט נייגער

אַ טיר אין זייט טוט אַ גרילץ
אַ שימל וואַרפֿט זיך מיר אין אָרעם
די טישן פֿול מיט חלב־טרערן
און די שראַנק געפּראָפּט מיט געלע ספֿרים

דער פֿינטשעווער זיצט שוין דאָ פֿאַרטראַכט
און ס'וויגט אַ שאָטן דער לודמירער
און דער גאַנצער פּאָליש קרעכצט אַ ניגון
ווי ער וואָלט באַקלאָגט אונז אַלע אין פֿירן...

זעצט ר' מענדל זיך אינמיטן
בלייבן ביידע ווי פֿאַרשטאַרטע
בלויז פֿון איינעמ'ס גרינעם אַקסל —
גאַפֿט אַ האַנט, אַ אָפּגעדאַרטע — — —

כ'ווייס דאָ גייט מען וועגן גורל
אויף טרויער־שאָלן און לעבנס־שיידן;
אַז דאָ האָט ראשית דער גיהנם
און ס'גוססט דער חשק צום גן־עדן — — —

נאָר ס'ציט מיך דאָך זייער מרה־שחורה
און ס'בליט אין מיר זייער יאוש־ברום
און כ'ווייס אַז ליידיק וועט זיין דער טאָג
אָן זייער בלייבן ליפ־פאַרקרום...

נאָר שוין צעפייערט זיך דער חלל
ר' מענדל קנעט פון לופט זיך שלאַנגען
ער רעט און שרייט און קאָכט פון כעס
און קען צום עיקר נישט דערלאַנגען.

...ס'איז אַ שאָד אים מיין נשמה
געגלייבט אַזוי און גלייבט נאָך ווייטער
נסיונות?... ער קען עס אויך —
ווער איז דען שוין אויסגעלייטערט?

אַ ווילן אָבער דאַרף מען האָבן
גבורות מוז מען דערצו באַווייזן
דער נסיון קומט פון פלייש און בלוט
זיין באַצווינגונג — פון שטאָל און אייזן...

...וויל ער איינס בלויז ביי מיר, ר' מענדל:
אַ תקיעת־כף זאָל איך אים געבן
מיינע ביכער זאָל איך ביי אים פאַרברענען
און אַ בוך נישט ליינען ס'גאַנצע לעבן...

און טאָמער פיל איך אַז כ'בין שוואַך
און וועל מוזן מיין שבועה ברעכן
זאָל איך מער די ישיבה־שוועל —
מיט מיין טריט נישט פאַרשוועכן — — —

...דריי הענט האָבן צו מיר געשטרעקט —
און מיט זייער בלייבקייט מיך געשראָקן
איך האָב מורא צו בלייבן אָן זיי אַליין
און דאָרט אין ווינקל... די ביכער לאָקן...

וועל איך שוין נישט וויסן קיינמאָל
וויאַזוי כ'בין שטיל אַרויס
און ס'לאַכט דער טראָטואַר מיט אַ לאַנגער צונג:
— אַלץ איז אויס! אַלץ איז אויס — — —

י.

די מאַמע האָט געווײנט שטיל אין זיך
און דרײַ מאָל, זאָרגעוודיק מיך לײַכט באַשפּיגן
און דער טאַטע — כמורנע ווי אַ טײַך
האָט שטיל אין זיך אַרײַנגעשוויגן...

כ'בין בלײַך געוואָרן די לעצטע טעג
און די מאַמע זאָרגט: כ'וועל איבערקרענקען!
רעדט דער טאַטע נישט קיין וואָרט —
כאָטש ער קען עס מיר נישט שענקען

נאָר עקשנות איז זײַן טבע:
און ס'געפעלט אים וואָס כ'בין אין אים געראָטן
און בייז איז ער: כ'בין אַ טאַטע!
און ר' מענדל מיט אים האָט זיך נישט באַראָטן...

אין שטוב די נויט איז שוין שטאַרק
ביי די שוועסטער גליט בלויז די פאַנטאַזיע
מ'עט אַרבעטן וויפל כח ס'איז נאָר דאָ —
און שיקן מאָטלען אין גימנאַזיע!

נאָר כ'ווייס שוין וואָס ס'הייסט מיידלעך —
וואָס מוזן אַליין פאַר זיך טראַכטן
פאַרשווינד איך אין „שטיבל" אויף גאַנצע טעג —
און שלײַך אַרײַן זיך, ערשט פאַרנאַכטן.

זיץ איך און לערן וואָס כ'וויל —
קיינער קומט קיין דעה זאָגן!
כ'בין איינער אַליין מיטן הונגער בלויז
וואָס העצט קייגן מיר מײַן קליינעם מאָגן...

י"א.

יעדן טאָג דורך דער שויב —
זע איך ישיבה־יינגלעך קופּעס גיין
פאַרבענקט זיך נאָכן גמרא־טומל
און ס'דריקט נאָך מער די אומעט־פּיין

קינדער פון רייכע, זאַטע סוחרים
מיטן גליק פון שטוב־פּאַרמעג
פירן פרעמדע יינגלעך מיט זיך
— געקומענע לערנען און עסן טעג

אין ישיבה — מיינע תלמידים געווען
מיט מיינע דרייצן יאָר אין'זיי געקנעלט
מיט האַרץ און פרומע גאָט־כוונות
אָפּגעזאָגט זיך פון אַ גראָשן געלט

היינט גייען זיי אין דער זאַטער שטוב
און לאַכן פון מיר דורך די שויבן:
— אפּקורוס איינער — האָסט דעם סוף!
מ'וועט דיך מער שוין נישט לויבן!

איך קוק זיך אפילו צו זיי נישט אום
און ברום זיך ווייטער פונם ספר —
בלויז אין מיר ווײנט עס שטום
— וואָס בין איך שולדיק, אַז כ'בין רייפער?!

זיי זענען אַלע עלטער פאַר מיר
און דאָך געמוזט הערן מיינע שיעורים
און ס'האָט דער טאַטע דעם אָפּגעריבענעם שטאָלץ
אונטער דער נאָז גערוקט די גבירים

היינט האָב איך גערויבט זיין פרייד
און קען פאַרן ברויט אים נישט באַצאָלן
און אין שטוב די מאַמע שיילט שוין דין —
צו וועטשערע — די קאַרטאָפל־שאָלן — — —

באַשלים איך איינמאָל ביי זיך פעסט:
כ'וועל אַוועק אין אַ ישיבה, ווייט!
נישט ליגן וועל איך צולאַסט אויף קיינעם
ווייט פון באַדויער, ווייט פון רייד...

...האָט די מאַמע געווישט אַ טרער
און דער טאַטע — צום רב, אַ בריוו מיר נעמען!
און די שוועסטער... זייערע בליקן —
ווי זיי ברענען! ווי זיי קלעמען! — — —

י"ב

לוצק! מיין ערשטער עטאַפּ אין פרעמד
וו אַ גרויסע מויער האָט מיך איינגעשלינגען
האָט'ן אין די נעכט ביכער געליינט
און בייטאָג, ביי דער גמרא, לידער געזינגען

נאָר גרייט איז'ן שטענדיק גרייט
פאַרן ראש־ישיבה, וואָס באַפּט פאַרהערן
און אָנווייזן אומעטום ווו ס'שטייט
מוזטו גלייך ווי די גרעסטע בערן

נאָר דאָך איז נישט צופרידן דער משגיח:
— פּוילישער! מ'זאָגט, איר קלערט אוים לידער!
און ס'זאָגן עדות באַגלויבטע יידן:
מיטן שטאָט־אפּקורוס זענט איר גוטע ברידער

בר־מצוה געוואָרן שוין אַ צייט
און ס'איז דער „יצר" שוין נישקשה
שטעלסטו אים קיין ווידערשטאַנד —
וואַקסט פון דיר דער גרעסטע רשע..."

מוז איך מיינע עברות זען פאַרריכטן :
אָט לייענסטו אַ בוך, אָט זעסטו אַ פרוי
און קיין תשובה העלפט נישט איינעם
וואָס שמועסט מיט אַ כופר, אַ מין, אַ גוי...

הויב איך אָן פרומער ווערן
לערן ביז די ווייסע פאַרטאָגן
און שריי אָן אויף זיך אַליין
ווען ביים נשמה־לעפעלע נעמט עס נאָגן

און דער שטן, אוי דער שטן !
ווי ער פאַרשפּריט דאָס זיינע נעצן !
כ'דערוויש דעם גנב אומעטום
ביים לערנען, אויפשטיין און זיך זעצן...

זאָר — אויב קאַמף — בין איך גרייט
און איך קען זיך ווידערשטעלן !
גישט ביים זאַמאָשטשער געטראָפן ס'אָרט
צו טון, ווי ס'וועט אים ווילגעפעלן !

בחורים פיר שלאָפן מיר ביי אַ ייד
זאָגן די טעכטער : דער קליינער — דער שענסטער !
וויל איינע אין שפּאַס, טון אַ גלעט —
שפּרינג איך ביינאַכט דורכן פענסטער...

ר"ג

פאָרט אַ יינגל איבער דער וועלט
איבער וואָלין, פּאָליעסיע, זאָגט'ר דרשות
איז אַן ענגשאַפט... אַ געדראַנג
און די היץ... איבעראַל — חלשות !

וואָס זשע וויל אַזעלכעס אַ יינגל?
פאַר זיין ישיבה גראָשנס זאַמלען ?
אָדער וויל ער טאַקע גאָר באַווייזן
אַז „נאָך איז ישראל נישט קיין אלמן" ?

און אפשר — רעכט ער אָפּ דאָ „גלות"
ווי אָרעמע צדיקים פון פאַרצייטנס ?
אָדער זוכט ער מקרב צו זיין די יינגלעך
וואָס זענען געבליבן פון דער ווייטנס ?

וואָס איר ווילט קענט איר זאַגן !
ווייל אַלץ האָט דער בחור דאַן אין זינען
אָט האָט אַ מקובל אַ „זוהר" באַוויזן
און זיין נשמה האָט דאָרט זיך אָפּגעפינען

און אַז „חקירה" שטייט אין אַלמער —
מוז דער בחור צו די ספרים טרעפן !
לוצאַטו... רמב"ם... ר' יוסף אַלבו...
אַ נייע וועלט טוט זיך אַן עפן !

און איבער ספרים, איבער תורה
איבער „קבלה", איבער חקירה
קומט הלוי, אלקביץ, אלחריזי —
ס'וואַכט אויף פון שלאָף די מלכה שירה

און צוטומלט איז דער בחור
ס'רוישט און צאַפּלט ביי אים אין זינען
פּאָרט ער אַרום זוכן אַ תיקון —
וועט ער אין בית־מדרש אים געפינען ?

## י"ד

בריסק... אַ שטאָט מיט מויערן
און אויף באַטאָרי גאַס — עילויים
רעדן חברים צו דעם בחור
אין בריסקער ישיבה זאָל ער שוין רוען !

נפטר געוואָרן דער „ראש", דער „אמרי משה"
וויל לייבעלע עילוי — מ'זאָל אים קריינען !
איז דער רב נישט צופרידן
האַלט מען שבת אויף דאָס ליינען !

ברענגט דער רב א ראש־ישיבה
פון מירער ישיבה, צי דאָרט פון ראַדין
האַלטן בחורים : אַ פאַרגלייך צו לייבלען !
אויך אַ למדן ! אויך אַ ידען !

ווערט אַ שטרייק אין ישיבה :
נישט דעם רב און נישט דעם נייעם !
זאָגט דער רב נישט זיינע שיעורים —
טרינקט מען ביים ראש נישט קיין „לחיים"

אָקופּירט מען די ישיבה אַמאָל
שבת פאַרטאָג — אַ מנין מאַכן
און אַז „ער" וועט קומען — נאָך אַלעם !
וועט שוין זיין פון וואָס צו לאַכן

גערענק איך : מ'ליינט שוין !
מ'רופט לייבלען אויף צו מפטיר
און אויף דער שוועל : דער ראש־ישיבה...
אַ דערשראָקענער... אַ פאַרגאַפטער...

און ס'ציטערן ביי אים פון נאָז די לעבער
און שטיל ווערט — מ'הערט זיין אָטעם
און שוואַרץ ווערט ער — די קאַפּאָטע !
און כמאַרע ווערט ער — בלויזער שאָטן !

און שפּרייזן שפּרייזט ער גלייך צום מזרח
ווי גאָרנישט געזען און נישט געהערט — — —
ווערן אַנדערע דערשראָקן, בלייך
און קנאים שמייכלען אין די בערד...

נאָר די שטילקייט — זי דערדריקט...
עפּעס איז נישט גוט צו מאַכן !
די שטימונג איז געבליבן אין דערמיט
נישט צום וויינען, נישט צום לאַכן

און פאַרשעמט שאַרט דער עולם
צו דער גרויסער ישיבה־טיר
בלויז איך, פרעמדער, נייער —
קען פון אָרט נישט טון קיין ריר

און דאָרט אויבן — אַ שוואַרצער פלעק
געלענט אין שטענדער אויף די פויסטן
האָט אַ טרויער אויף מיר געיאָגט
נישט צום טרייסטן, נישט צום טרייסטן...

יד.

און ס'וואַנדערט זיך דער בחור ווייטער
זוכנדיק זיין נשמה־תיקון
ווייל ימים ספרים העלפן גאָרניט
דעם טרויער וואָס טוט זיין נשמה דריקן

דער עלנט ווערט זיין צווייטע מאַמע
ליטווישע שטעטלעך — זיינע שוועסטער, ברידער
און אַ נאָנטער פריינט — דאָס ביכל
אין וועלכן ר'פאַרשרייבט געדאַנקען, לידער...

און קלעצק... באַראַנאָוויטש און מיר...
שטעט פאַרשלינגט ער און ווערט פאַרשלינגען
ווייל נאָך אַלץ ציטערט דער בחור
ווען ער הערט ביי גמרות זינגען...

שרייבט ער תורה, איז מחדש
שרייבט אַ פּירוש אויף ש״ס, תנ״ך
נאָר — אַ נייעס ; גאָר אַ נייעס !
ער הויבט אָן מיט יידיש־שפּראַך !

ט״ו

זעכצן יאָר. אַלט־געזעסן איז דער בחור
און אין דער היים — מ׳בענקט סכנות !
און פון טאַטן — דער בריוו איז טרערן :
המ... מכח סמיכה אויף רבנות...

פּאָרט דער היימלאָזער בחור ערגעץ
נעמט אין אַ שטאָט און לאָזט זיך קריינען
זאָל דער טאַטע אַ טרייסט זיך האָבן
— אַ בן־יחיד — אַ „מורנו״...

און בשעת דאָרט אין דעם שטעטל
פרייט אַ ייד זיך מיט זיין בן־יחיד
פייפט דער זון ביי זיך אין האַרצן
אויף דער „הוראה״ גאַנץ צולהכעיס

שוין קלערט ער פּלענער גאַנצע
ווי אַזוי פון קוואַל אַוועקצוציען
נאָר — די היים... טאַטע־מאַמע —
פאַר זיי דערוויייל — פּתח־שין !

לאָזט ער זיך אַזוי דערווייל
איבער וואָלין און פּאָליעסיען
ווער מיר היים ! ווער מיר נאָנטע !
ער פאַרליבט זיך אין די קרעסן !

ט״ז

וואַרשע ! אָט האָט אַ פּינטל מיך גערופן...
העי, מיין נשמה מוז דאָרטן שטעקן !
אַ שטאָט מיט קלוגע, דיכטער, דענקער
און דער סאַמע עיקר : ביבליאָטעקן !

און מיין ציל ווייסעך קלאָר
און מיין וועג איז שוין זיכער
כ׳האָב מיט דער פעדער אָנגעהויבן
און אין פּעקל : געשריבענע ביכער !

און אין וואַרשע, אין בוידעם־שטיבל
לעזט מיין גוף זיך אויף איינגאַנצן
ס׳לויפן פאַר מיר פאַרביי די דורות —
און בעל־שם׳ס פאַר מיר, אין עקזאַלטירטן טאַנצן

אַמאָל לעב איך אין טאָלעדאָס געטאָ —
און אַמאָל טו איך אַלס „צוגלער" רייטן
אַמאָל בין איך צווישן שבתי־צבי־לייט —
און אַמאָל זינג איך מיטן בעש"טס צייטן

אויס וואַנדערער איבער בלאָטע־זאַמדן —
צווישן הויקערדיקע שטעטלעך, געפּקעס!
דורות ווערן מיינע וואַנדער־וועגן —
געלע היטעלעך, רויטע פּרעסקעס

שאול מורטיירא, מנשה בן ישראל
אליהו פון איזמיר, אליהו ווידאיש
און איבער אַלעם, איבער אַלעם —
דער נייער קלאַנג פון פרישן יידיש

אויף נייע וועגן אָנגעשטויסן —
כאָטש צווישן ספרים אַ שטויב פון שטויבן
און אין די אָדערן זינגט אַ שירה
צום נייעם לעבן פון טיפן גלויבן

כ'ווייס אַז קליין איז מיין שטיבל
אָבער וועלטן גאַנצע קענען דאָ הויזן
ווער פרעגט דעם שטויב אויף טאָוולען
אַז אין האַרץ צעבליען רויזן? — — —

אַ טעמפּאָ צערייסט דעם אומעט־גליווער
גיט מיר פליגל און כ'וועל פליען!
און פון ישיבה — חברים בענקען...
וויל איך אַ פאָדעם אַהין פאַרציען!...

בין איך מער שוין נישט קיין יינגל
נאָר ציגל, גראַניט פאַר נייע דורות
כאָטש אַ חלום, אַ פרישער גלגול —
פון אַלטן ישיבה־אפּיקורוס — — —

# פון מיין שטעטל

א.

מיין שטעטל קענט איר אודאי פון הערן
— ווער האָט דערפון נישט געהערט ?
כאָטש — אַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך
ווי יעדער קהילה אויף פוילנס ערד

ווייל אַ שטעטל מיט מקוה און באָד
מיט רב־מחלוקת און אַ שוחט
האָט עס אָבער מזל געהאַט צו האָבן
אַ יידישן שרייבער ביי זיך אויבעט...

האָט מיין שטעטל לאָקאַלע גאוה :
לייביש פּרץ ! שלמה עטינגער !
און חכמים, גריבלער גייען ווייטער :
דובנער מגיד ! קאַשטאַן זינגער !

און אַז מ'וויל איז דאָ מיט וואָס —
אַזאַ שטעטל גערעכט צו געבן
אויב יידן האָבן אַ קולטור —
האָט זאַמאָשטש געהאָלפן זי אויפלעבן !...

ב.

אויף די מצבות אינם שטעטל
האָבן די יחוסים אַראָפּגעשריגן :
פאַרבייגייער צו ! פאָרשער איינער !
זע די גדולים וואָס ביי אונז דאָ ליגן...

ישראל זאַמושטש — דער „נצח ישראל"...
ר' הערשל מהאַמבורג — דער „אַרי שבחבורה"
און דער ערשטער בעל־שם פון פויזן —
דער מקובל „יואל בר' אורי" — — — —

נתן זאַמאָשטשער — דער מפרש
און ר' יוסף — דער „משנת חכמים"
און אַ גאַנצע רבנים־פּלעיאַדע
פון די הויכגעלערנטערס זאָמען...

בײַ די װענט פֿון בית־המדרש —
ספֿרים װי אין הײליקן „אקדמות"
זאַמאָשטשער מחברים — גאָר בראש !
זאַמאָשטשער מדפּיסים... זאַמאָשטשער „הסכּמות" !

און אַז ס'קומען די השׂכּלה־שטראַלן —
װערט זאַמאָשטש דאָס ערשטע „מקום"
קומט יאַנקל רײַפֿמאַן פֿון שעברעשין
און װערט דער „שושנת העמקים" — — —

און גבריאל יהודה ליכטנפֿעלד
און אַלעקסאַנדער צעדערבוים — דער אר"ז
אַ פּלעיאַדע ! ביז צום לעצטן —
ביז לוקסעמבורג, הובערמאַן און פּרץ...

און דאָך אַ שטעטל װי אַלע שטעטלעך
מיט אַ קהלה, אַ רב, אַ דײַן
און אַ רבי װאָס פֿירט מחלוקת
און חסידים װאָס נאַשן בײַ אים שיריים

נאָר אַז טויט איז שוין ס'שטעטל
און אַז די הײזקעס זענען שוין פֿאַרשװוּנדן
פֿיל איך ערשט װי מײַן נשמה —
איז צו יענער צײַט צוגעבונדן...

ז.

געדענק איך : נו, אַ חדר...
און מײַן רבי — דער װײסער מעכל
און די רביצין — אַ העלפֿט פּרנסה :
זי באַקט קיכלעך אין אַ בלעכל...

איז דער רבי פֿאַרכמורעט שטענדיק :
אַ בעל־תנ"ך און אַ גאַנצער חוקר
לאַכן חסידים אין די פּויסטן :
אַ נײַע תורה װיל ער, דער הױקער !

און בײַם רבין — קאַסטנס ספֿרים :
דעם ראַדזינער רבינס „טהרות"־בענדער.
און ערגעץ טיפֿער אינעם קאַסטן —
רײזע־באַשרײַבונגען פֿון װײַטע לענדער

און דעם רבינס זון, שלמה
הינקענדיק און בלינדלעך צוזאַמען
שלינגט פֿון קאַסטן אָן אױפֿהער —
ביכער לײַנט ער גאַנצע ימים !

זאָגט׳ן דעם טאַטן אויפן אויער:
דיין בחור וועט דאָרט קאַליע ווערן
אָנשטאָט גמרא און מפרשים —
קען ער דאָרט אפיקורסות הערן

... און שלמה האָט אַ ווייב שוין אויך
און ווי דער פאָטער — אויך מלמד
און ווי דער פאָטער — אַ „ראַדזינער״
און טראָגט אויך שבת — אַ הוט פון סאַמעט

נאָר — יידן! אוי האָבן אַ נאָז די יידן!
האָט מען באַלד געטון דערשמעקן
אַז די מלמדים די ראַדזינער —
טוען עפּעס נאָך פאַרדעקן...

יענע יאָרן: נישט לאַנג געווען די וועלט־מלחמה
און נייע הינטן אין שטעטל בלאָזן
יינגוואַרג רייסט־זיך אין די וועלטן
און קינדער צו טאַטעס באַקומען העזה!

קוקן אויגן, היטן אויגן —
אַ יינגל וואָס מ׳קען נאָך עטוואָס דערהאַלטן
זעט מען עפּעס איז נישט גלאַטיק —
אַלאַרמירט מען מיט געוואַלטן — — —

... איז מיר נאָך ביז היינט אַ שאָד
דאָס שטיבל מיטן הויקער־דעכל
ווו כ׳האָט אַנטדעקט אַ וועלט אין שטויב
אינם קאַסטן פון וויסן מעבל...

ד.

דער זיידע פון דער מאַמעס צד
איז קיין בעלז אַמאָל געפאָרן —
האָט די מאַמע דאָס געדענקט
און געבענקט דערנאָך אַלע יאָרן

דערפאַר דער זיידע פון טאַטנס צד
האָט קיין טריסק זיך פאַרצויגן
האָט דער טאַטע מיט דער מוטערס מילך
טריסקער־חסידות אַריינגעזויגן...

און ווען דער זיידע פון מאַמעס צד
האָט איידעמס אַלערליי גענומען
איז אויף קעסט צו אים אין שטוב
אויך אַ טריסקער אַריינגעקומען...

דער טאַטע איז געווען אַ ייד, אַ גבר
און די מאַמע אַ קליינע צדיקת

דער טאַטע — איין שטיק לעבנסלוסט
און די מאַמע — פרומע דביקות...

דער טאַטע אַליין, אַ דאָרפסקינד
האָט אים געצויגן צו ערד און שטאַלן
און די מאַמע — ביי דאָרפס־מי
האָט געפילט זיך טיף־געפאַלן

דער טאַטע איז אין רויש פאַרליבט
די טעג מיט מסחר צו פאַריאָגן
און די מאַמע שטיל, אַליין
האָט זיבן טעכטער אויסגעטראָגן

נאָר אַמאָל אין דאָרפסקייט־רו
האָט דער טאַטע אַ מינוט צום טראַכטן
אַ „קדיש" איז נאָך אַלץ נישטאָ —
וואָסזשע מאַכט'ן ! ? וואָסזשע מאַכט'ן ! ?

וויינט די מאַמע שטיל אין זיך :
פרעגט אין שטאָט זיך ביי די רופא'ס...
און כאַפּט אַוועק זיך אויך קיין בעלז —
אפשר וועט געשען אַ מופת ?

געשעט : איך פאַל אויף דער וועלט —
נאָכן רבינס אַ הבטחה
פירט די מאַמע ס'פיצל קינד —
אַ וויטן וועג נאָך אַ ברכה

זאָגט דער רבי : אַ שאָד, אַ שאָד !
אין אַ דאָרף... מיט בלויזע גויים...
מיט מיידלעך אַליין איז אויכעט שלעכט
בפרט אַ בן־יחיד דאָרט געטרויען !

וויינט די מאַמע : זי קען נישט מער !
די קינדער וואַקסן ווי אין סטעפּ !
די מיידלעך מיט שיקסעס אינם פעלד —
ווערן אַזוי ווי זיי פאַרגרעבט — — —

און דאָ — אַ יינגל נאָך דערצו —
וועט פון אים אַ פּויער וואַקסן
און דער רבי האָט געזאָגט — — —
צוקט פאַרוויינט ביי איר דער אַקסל...

טראַכט דער טאַטע און דערטראַכט —
ער האָט שוין זיינע פּלענער !
ברענגט אַ בחורל זיך פון שטאָט
וואָס אויך שרייבן־לערנען קען ער !

לערנט אַלטער שורה־גרוסלעך
מיינע שוועסטערס — פון אַ ביכל
און לערנט זיי שטאָטס־רייד
ווי מ׳רעדט דורך אַ ייִדן טיכל...

און פאַר מיר — אַ ספּעציעלע שעה.
כ׳לערן עבֿרי פון דער מאַמעס סידור
שטילט די מאַמע ווי אַ גוטע טויב
און דער טאַטע קאָכט אין מסחרים ווידער

ה.
נישט ווייט פון אונז איז דאָ אַ דאָרף
זענען דאָ דאָרט מנינים ייִדן
איז פאַראַן דאָרט צווישן זיי
אַ גאַנצער מנין הייסע חסידים.

ייִדן מיטן גאַנצן קנאַק —
לערנען ש״ס נאָך דאָרט בצבור
און יואלם איידעם — דער אַרענדאַר
פאַרמעסט אין דאָרף זיך אויף אַ חבור...

זיבן טעכטער האָט דער ייִד —
אקוראַט אַזוי ווי די שוועסטער מיינע
קומען זיי אַמאָל צוגאַסט —
ברענגען זיי לידער שיינע —

איז ביי דער מאַמען דאַן אַ פרייד
ווען ס׳קומען פאַלעקס טעכטער
זי זינגט מיט זיי אַליין דאַן מיט
און מאַכט זיך אויך נאָך אַ געלעכטער

נאָר די גויים דאַן אַרום
קוקן פאַר זיך, שטילע, בייזע
און מורא האָט די מאַמע שטענדיק :
אַ קשיא וואָס זיי קענען דאָ באַווייזן ! ?...

און צוויי ייִנגלעך האָט ער פאַלעק —
פירט מען מיך אַהין זיך שפּילן
ווייזן זיי מיר זייער סאָד —
און ווי ס׳פאָכען ביים ווינט די מילן

אַמאָל צושלאָגן מיר זיך אויך
און ווערן צווישן זיך ברוגז
נאָר אַז קיין צווייטע זענען נישטאָ —
צו וואָסזשע טויג עס ? וואָסזשע טויג עס ?

און פאַלעק אַליין נעמט אויף דער קני
און דערציילט פון גמרא, פון יוסיפון !

ווײל איך אהײם נישט גײן צוריק —
מעג די מאַמע קומען רופן — — —

בלײב איך אָפּט אַ נאַכט און צװײ
אַ צװײטע הײם האָב איך געפינען
כ׳לערן דאָ דעם ערשטן טראַכט —
דאָס לעבן הײבט זיך אָן צו שפּינען.

ז.

איז באַשערט אַװעק פון דאָרף
װי עס בענקט זיך. אַזוי דער מאַמען
צינדט זיך אָן אונזער הויז
און אַלץ גײט אַװעק אין פלאַמען...

פאָרט דער טאַטע אַװעק אין שטאָט
און דינגט אַ שטיבל — װי אַ גענעץ
נאָר צופרידן ס׳איז די מאַמע:
צו אַלץ איז דאָך פאַראַן אַ גרענעץ!

מיט פּרנסה איז דאָ שװאַך —
דערפאַר אַ שטאָט מיט ײדן, ײדן!
ס׳איז דאָ מיט װעמען צו רעדן אַ װאָרט
און די טעפּלעך דאַרף מען מער ניט היטן...

דער טאַטע פאָרט בײנאַכט אין דאָרף
מילך קויפט ער אין פּריצים־הויפן
און די מאַמע אַ גאַנצן טאָג —
זוכט די קונים — צו פאַרקויפן...

האָב איך צײט צו זען אַ װעלט —
מיט װעלכער ס׳גרענעצט זיך דאָס חדר
אַ ים מיט ײדן — גמרא־קעפּ
און אַ ביסל אויך שוסטער, שנײדער...

װײל אַ ײנגל בין איך, װאָס מען דערזעט
און אַלע װײסן — כ׳בין אָן השגחה
היט מיך ײעדער װי אַן אויג אין קאָפּ
און װער ס׳װיל — האָט אין מיר אַ מערכה

װער ס׳װיל — קנײפּט אין באַק
און ײעדער ײד מוז מיך פאַרהערן
דער טאַטע איז אין דאָרף, פאַריאָגט —
איז אַ מצוה פאַר מיר צו קלערן...

זע איך אַלץ און זאַפּ אַרײן —
מענטשן־קרעכץ און לעבנס־װײען
כ׳בין אַ ײנגל און אַן אַלטער ײד —
דאָס לעבן טײלט זיך אין מיר אויף צװײען...

ז.

מיין ערשטער פריינט איז וואָווע גאַל —
אַ ייד — אַ סברא — שוין אַ מאה —
נאָר ער פאָרט מיט ספרים נאָך אַרום
און האָט די עלטער אין לינקער פאה

ער אַליין איז הויך און בייז —
מיט קאַצן־אויגן... גרויסע, ווילדע...
דערפאַר — די ביכלעך וואָס ער פאַרקויפט
זענען גלאַטיק און מחיה־מילדע...

אַ מאָדנער ייד דער וועווע גאַל !
געדאַרפט שוין רוען אויף זיין געלעגער...
איז אַ ייד ביי הונדערט יאָר —
איבער מדינת־פוילן אַ פאַקנטרעגער...

יעדער ספר איז ביי אים אַ קינד
און יעדע שמחה — אַ בריליאַנט...
און בלויז ווען ער פאַרקויפט אַ מעשה־בוך
ציטערט אים די אַלטע האַנט...

נאָר צו מיר איז וואָווע מילד...
באַהאַלט פאַר מיר די בעסטע זאַכן :
וועגן בעש"ט'ס פורלעך ליים
און די „מעשה מגימל אחים"

שפאָר איך שטיל יעדן גראָשן
וואָס כ'קען נאָר אַמאָל דערקראַצן
און היט זיך פאַר דעם נאָנטסטן אויג
אַז די געשיכטע זאָל אַמאָל נישט פלאַצן

און וואָווע — ווען ער קומט צופאָרן
לאָזט אין באָרד אַ ציינלאָז שמייכל
און עפנט פאַר מיר זיין ריח־זאַק —
ווי מ'עפנט אַמאָל אַ מלכות־היכל...

און צדיקים־גבורה איז דאָרטן דאָ
און אוצרות — דאָ... און הימל־שטעגן
כ'גיב אַ ניקל פאַר אַ העפט —
און טראָג אַהיים אַ גרויס פאַרמעגן...

און ווען וואָווע ציט אַוועק —
איבער פוילן דער מדינה
וויינט אין מיר דאָס קליינע האַרץ —
ווי מ'וואָלט געלאָזט מיך אַן עגונה...

ח.

אַמאָל אַז דער טאַטע איז געקומען פון דאָרף
און געטיילט די גרויסע נדבות
האָט ער געשפּירט זיך עטוואָס שטאָלץ
און מ׳האָט געגעבן כבוד

היינט איז ער געפאַלן ביי זיך
און זעצט זיך זייטיק אין חסידים שטיבל
באַשערט אַזוי פון גאָט אַליין —
אויף וועמען זשע האָבן דאָ פאַריבל ?

שבת קומט דער טאַטע פרי
און זעצט זיך שטיל ביי אַ משניות
הגם ער וויל אַ שמועסל טון —
אַז עס גייט אים אוים דאָס חיות

אַזויפיל יאָרן געוועזן ווייט —
קוים אַן אורח געזען פאַר אויגן
און היינט מיט אַזויפיל יידן צו זיין —
האָט דאָס האַרץ שטיל געצויגן...

נאָר פרעמדלעך איז דער אַרום
און אומדרייסט — אינם קליינעם ווינקל
ווילט זיך נישט זיצן גלאַט אַליין —
נעמט ער צום משניות זיין מוזיניקל...

בייגט אַ שכן צו אַן אויער —
מילא, זאָל ער אויכעט הערן !
הויב איך אויף גלאַט דעם קאָפּ —
זע איך ביים ייד גלאַנצן טרערן...

אויגן — סאַמעט, ווי ביי אַ קינד
— אַ גרויסער מענטש קען ניט וויינען !
און די באָרד ביים פּנים אַרום
שיינט אַראָפּ מיט זיבן חנען...

פאַרקוועטשט דאָס האַרץ מיר גלאַט אַזוי
און כ׳זוך ווערטער אים צו טרייסטן
נאָר מאָגער איז מיין ווערטער־שאַץ
און אַ יינגל בין איך — נישט קיין דרייסטער...

דערפאַר דער טאַטע ווערט היימיש באַלד
און שמועסט מיטן ייד ביז טלית־לייגן
ווערט דער ייד מיר אויכעט נאָנט
און כ׳טראָג „גוט־מאָרגן״ ! אים אַקייגן...

אַ ייד — אַ סטאָלער פון קליינערהייט —
אַליין ביז פּרשה חומש דערגאַנגען —

שפּעטער — אַ משניות מיט עברי־טייטש —
און ווייטער — העכערע פֿאַרלאַנגען...

יעבצ׳ס „עין יעקב״ מיט עברי־טייטש —
אַדורכגעלערנט ביז אַ בלעטל
און צו גמרא זיך געכאַפּט —
און אַריינגעלאָזט זיך ביז אַ פּשטל...

נאָר אַ בעל־מלאכה געבליבן ווייטער —
געאַרבעט טישן, געמייסטערט מילן !
דוד זימערמאַן — אַ סטאָלער !
אָבער ווי איידל ביי אים די געפילן !...

קיין למדן, חריף נישט, אודאי...
אָבער אַ ייד וואָס האָט ליב אַ ספר
און שטיל, און — רואיק אין זיין ווינקל
מיט ענוות פון „אנכי עפר ואפר״...

און אַז איך, אַ בחור פון אַכט־ניין יאָר
זיך אַמאָל פאַר אים אַנטקעגן —
און דוד׳ך אין גמרא איז וואָס נישט קלאָר —
שעמט ער זיך דען ביי מיר צו פרעגן ! ?

ווערן מיר חברים באַלד —
אַ פריינטשאַפט וואָס וועט זיך יאָרן ציען !
אָ, דו פאָלק מיינס מיט אַזוינע יידן !
ס׳מעג די שכינה אויף דיין קאָפּ רוען !...

ט.

און פאַרוואָס האָב איך נאָך נישט דערציילט —
פון אַ ייד מיטן נאָמען חיים רוב ! ?
אַ נגיד געוואָרן ווי פון זיך אַליין —
אַן אָפענע האַנט, אַן אָפענע שטוב — — —

אַ ווייב, אַ קאַרגע, במחילה גמורה,
און ער אַליין — אַ שטילע טויב...
טוט ער עפּעס אַ גוטע זאַך
ציטערט ער פאַר דאַנק, פאַר לויב...

כ׳ווייס פון יידן — מענטשן שטאָלצע —
צו שטרעקן אַ האַנט נישט געבוירן...
האָט חיים רוב אין אַ ווינקל שטיל —
אַ סומע געלד ביי אַזאַ פאַרלוירן...

און אַז אַ קינד אַמאָל האָט געברענגט צוריק —
האָט חיים געלייקנט און געשווירן — — —
און אַז ס׳האָט עמעץ אַמאָל זיך באַדאַנקט —
איז ער רויט געוואָרן — איבער די אויערן...

ווער האָט דען היימען געזען אַמאָל —
קומען רייסן פֿאַר זיך כבודים ?
און אַז אַ נגיד — וואָסזשע איז ?
ער שטופּט זיך ניט צו שיינע יידן !

אַ חוכ׳ל זיינס מיט עברי־טייטש —
ברענגט ער מיט ענווות זיך צו טראָגן
פֿאַרשטייט אַמאָל נישט דעם פּשט —
שעמט ער פֿאַר קיינעם נישט צו זאָגן

שטיל אין ווינקל זיצט אַ ייד —
פֿאַרן מינדסטן קינד האָט ער דרך־ארץ !
באַצירט נישט אַמאָל אַזאַ — אַ שטאָט
צוזאַמען מיט אַ גרויסן לייביש פּרץ ? — — —

י.

האָט היים אַ בן־יחיד אויך —
האָט ער צום לערנען נישט קיין חשק...
זיפּצט דער פֿאָטער מיט פּשטות־טאָן :
נישט ס׳איז מילכיק; נישט ס׳איז פֿליישיק...

חיים וויל נישט קיין עילוי־קאָפּ
ער זאָל קענען הערן וועגן אים שבחים :
ס׳גייט אים גלאַט אין דעם אַליין —
דער זון זאָל גיין אין זיינע דרכים

נאָר ס׳איז באַשערט ווייזט אויס פֿון גאָט —
און קיין קשיות איז נישטאָ צו פֿרעגן !
נאָר פֿאַר זיך קרענקט ער טיף —
צו וואָס זשע געלט ? צו וואָס פֿאַרמעגן ?

און ביי דוד׳ן אויך : אַ יינג — אַ שד !
שפּרינגט אַרום און האַקט אויס שויבן...
איז דאָ אַ מאָס דען פֿאַר דעם צער —
פֿון אָט די צוויי שטילע טויבן ?

... אַ קבצן איז דער טאַטע שוין —
הגם ער וויל עס שטאַרק פֿאַרדעקן
און אַז אַ נייער זשאַקעט איז נישטאָ —
באַווייזן אויפֿן אַלטן זיך די פֿלעקן...

און די שכנים שבת קומען צוגיין
מיט זשאַקעטן ריינע, סחורות פֿיינע...
וויל דער טאַטע כאָטש מיט עפּעס וואָס —
ווייזן זיך פֿאַר די שכנים...

מוז איך שטיין ביים דאַוונען אָפּט —
און יעדע מינוט בקיאות ווייזן

אַז ס'זאָל קענען דער טאַטע רימען זיך:
— אַ קאָפּ איז עס... פון אייזן...

כ'וויס איך בין געשפּאַנט אין יאָך
און כ'וויל דעם טאַטן מיט עפּעס טרייסטן
נאָר זועמען שטעכט עס דען און ווייט?
דודן און היימען — אַממייסטן!

כ'זע זייער אויג און זייער בליק
כ'פיל דאָס טריישאַפט און די קנאה
פּילט מיך אָן אַ מאָדנער צער —
אַז כ'וואָלט פון אייגענער הויט וועלן אַנטרינען — — — —

י״א.

גייט פאַר מיר אַדורך אַ קייט
מיט הונדערטער משפּחה־רינגען
געוואַלד, ווו נעמט מען קאָפּ און צייט —
פאַר יעדן איינעם אַ אָדע זינגען!?

מדות — שלעכט; מדות — גוט —
אָבער יידן — מיט געשטאַלטן!
ווער — אַ שמייכל; ווער — אַ רוט
ס'איז אָבער דאָ ביי וואָס צו האַלטן — — — —

יעדער איינער — אַ דורות־שטאַם
פול מיט קנייטשן, פול מיט זאַפטן!
זאָל א קרעכץ זיין, אַ בים־באַם —
זאָל אַ שאָרך זיין פון אַ קאַפטן!

כ'האַס דעם הספר־סענטימענט —
גלאַט אַזוי־זיך, אַבי זינגען
כ'האָב מיין דור גוט געקענט —
און כ'וויל נישט גלאַט קיין קדוש שפּרינגען

האָב איך דען נישט געשפּירט אַליין:
ווי ווייניק פרייד! ווי ווייניק וויסן!
האָב איך דען נישט מיט געוויין —
פון יענער וועלט זיך אַרויסגעריסן!?

האָט נישט גערופן דען די וועלט?
אָבער מאָדנע — ווי אָפט פאַרגעסט'ן!
אַז ס'האָט געפרייט אונז די ווייטע קעלט —
ווען ס'האָבן געוואַרעמט דאָרט די נעסטן!...

ווי מאָדנע־פעסט די טריט ביי זיי —
האָבן דורות פאַרבייגעוואָגלט!
ס'האָט וועלכער פלאַם און וועלכער ווי
צום טויטנקרייץ זיי צוגענאָגלט?

טאָ זוכט נישט דאָרט קיין פעלער איר!
הגם איר קענט אַ סך געפינען...
ווייל בלויז פון זיי דער באַריר
האָט באַהויכט אונז מיט אַ זינען — — —

י״ב

כ׳זינג נישט בלויז פאַר געווען אַ שטאָט —
פאַר יחידים בלויז אַ מצבה שטעלן
— ס׳האָט די פעדער נאָר אַ האָר געכאַפּט
פון יענער זייט חורבן־שוועלן

יידן בלויז — גלאַט אַזוי
היינט — סימבאָלן פון פּאַרצייטנס
נישט אָנגעזען זיך דאַן, אַמאָל —
גלאַנצן היינט זיי פון דער ווייטנס...

ס׳לויפט די נשמה איבערן גרענעץ־שליאַך
און וויל אַ אָנלען זיך געפינען —
טרעפט זי אָן זיך אויף טויבע ווענט —
ווײנט אַרויס פון איר אַ קינה

ניין, נישטאָ דער מאָנומענט —
וואָס זאָל פאַר אַ דור אַזאַ געניגן
ווען יידן־צער און יידן־חן —
האָבן געווינט צוזאַמען אין אַ ניגון

ווען דיכטער נאָך אַמאָל —
אפשר אין עפּאָפּייען זיי באַזינגען
און אין פוסטן רוים וועט זייער קול
העכער, שטאַרקער דאַן אָפּקלינגען...

דערווייל איז׳ס בלויז אַ שטילע טרער
— אין אַ פּאָר דערשטיקטע שורות
פאַר יחידים־דורות וואָס האָבן געלעבט פאַר זיך
אָן פּאָמפּעזע שווערדן־גבורות

אַ מענטש אַליין — אַ ווידערקול
געטיילט פון זיי דורך בלוטן־ימים
האָט אַ שברים־קרעכץ נאָר, פון זייער צייט
געשריבן זיך, אוי וויי, אין גראַמען — — —

אפשר ט׳ווער אַרומזען זיך:
ס׳איז פוסט די וועלט היינט — פוסט און אָרעם...
און פלעכטן פאַר זיי אַ זכר־קראַנץ
אויף אומבאַקאַנטע פוילן־קברים...

פּאַריז, נאָוועמבער 1945

# ר׳ אפרימקע

# איז עולה קײן ארץ־ישראל...

זלמן רובאַשאָוון — מיט ליבשאַפט.

מײן ערשטן רבין אין קבלה —
ר׳ אפרים׳קען
וואָס האָט דעם וועג קײן ארץ ישראל, געזוכט
פאַר יידן אונטער דער ערד און דערבײ פאַרשוווּנדן,
— צו אַ זכר.

## אלף

.1

װער ס׳האָט אים געברענגט צו טראָגן
און פון װאַנעט װײסט ניִשט קײנער
אַ גוף — אַ פּעדערל, אַ באָרדלאָז פּנים
דער קין און האַלז — הױלע בײנער

— אפרים! אַן ענטפער אויף אַלע פראַגן
און װײטער: ה׳ הוא אלקים! אלקים!
אַ כביצה ברויט, אַ שלינגל װאַסער
אויף האַרטער פויסט — אַ קרישל דרים

און אַ גבור אַדיר, אַ לײבנשטים!
אין אָט דעם קלײנעם, דאַרן חלוש
שרײט ער „אמת״, בײ די ציצית —
ציטערן שײבלעך אינם פּאָליש...

און בײ אים, דאָס קלײנע קנײטשנפּנים
אָט געשרימפּן, אָט שוין לײטער
אָט לויפט ער מײלנשפּרײזן
און אָט — גלײז־געגליווערט װי אַ טויטער...

...ר׳ אפרים ! אַ מענטש געפֿאַלן — ווי פֿון הימל
פֿון דורות צוריק אַראָפּגעפֿאַלן
און צו וויסן זיינע וועגן —
ווער קען מעסטן דעם מהלך ?...

**
*

וואָס וויל ר׳ אפרים דאָ אין שטעטל ?
קיינער וועט עס אים נישט פֿרעגן...
אַ סאַמעט־היטל און ריס־זשאַקעטל —
פֿון דער וועלט זיין פֿאַרמעגן...

אַ בלייך פּנים, גרינע אויגן
דריי האָר אויף זיין גאָמבע־שפּיצל
קרייזל־פּאות, פֿון ווינט פֿאַרפֿלויגן
פּאַטשן ס׳פּנים מיט אַ שמיצל

שיכלעך מיט קרומע נעז פֿאַריסן
טאָפּטשען אין אַלע געסל־בלאָטעס
אָט זוכן זיי אַ כזית־ביסן
און אָט — אַן אביון, פֿאַר די לעצטע זלאָטעס...

ווער ער איז און וואָס ער דאַרף
דאָס וועט שוין ביי אים נישט וויסן קיינער
מ׳ציטערט בלויז פֿאַר זיין בליקן־שאַרף
און פֿאַר די קנאָביקע באַקן־ביינער...

.2

וואָס וויל דען ר׳ אפרים פֿון װעלטל גאָטס
אַז וויפֿל ר׳האָט מיט דעם איז ער זינדיק
און וויפֿל ער וואָגלט פֿון שטאָט צו שטאָט
איז נאָך דער יצר בייז און צינדיק

ווייל געקאָכט וואַסער וואַרעמט בלוטן
גיט דעם ווערעם־גוף הנאה
און פֿון ברויט — ס׳דאַר, גיט אים גלוטן
ווי אַן אבל — סעודת הבראה...

און חומר דאַרף און חומר מאָנט
וויפֿל דו זאָלסט אים נאָר נישט געבן !
ס׳האָט גאָט דעם מענטש בפֿ׳אבר׳ט, באַצאָנט
און אים באַפֿוילן : היט דאָס לעבן !...

איז ווי און ווי, צו שטיין אויף גרענעץ
צווישן מוזן און צווישן וועלן
ווייקסטו אין וואַסער ברויט אַ פּענעץ
רייסט זיך רצון פון די שוועלן

שרייט אפרים ביינאַכט אין חצות'ן:
— ה' אלקים! אלקים!
גייט אין מקוה און טריבע כעלותן
צו שווענקען קאַלט פון בלוט די שטים...

נאָר רייס די בלוטן פון אַן אָדער
אַז כביכול אַליין האָט זיי פאַרפלאַנצט
אַז אתרוג מוז נאָר זיין אַ הדר
און מיט רייץ די בריאה איז באַקראַנצט...

שלאָג דעם גוף, פּייניק, רייס אים
און זע די נשמה זאָל בלייבן גאַנץ
באַזים דעם יום־טוב, באַעונג און גרייס אים —
נעם אַ טאָג און באַגלאַנץ...

ס'איז דאָ אַ הימל, ר' אפרים ווייסט עס
נאָר ווי און ווי: ס'איז דאָ אַן ערד
ס'איז דאָ אַן ערד — אַמאָל טרייסט עס:
מסתמא אַזוי פון גאָט באַשערט — — —

.3

זונדער! וונדער! מ'מוז עס גלייבן!
ר' אפרים איז ביי דרייסיק גאָר!
...ביי אַכצן האָט די משנה געהייסן באַווייבן:
די וועלט מוז האָבן אַ נייעם דור!

איז אפרים צו חופּה געגאַנגען פרי —
אַ וואָך מיט ווייב און דאַן — די וועלט...
אַ נשמה פון הימל געטון אַ צי:
„צום באַזעצן האָט ער זי געשטעלט!"...

און צום יאָר — ווייטער אין הויז צוריק:
ווידער אַ נפש צום באַשאַף!
אומזיסט גיט גאָט דעם מענטש קיין גליק,
פאַר דורות שפּעטער איז מענער־קראַפט!

גאָר ווען צווי זויגן די ברוסט
מיאָר דער חומר מער נישט גאָרן!

לוסט איז זינד און זינד איז לוסט —
מצוות קענען אויך גענאַרן — — —

ביי איינאונצוואַנציק איז די באַנק —
זיין בעט, זיין ווייב, זיין קינד געוואָרן
אין אַ שטאָט איז אפרים נישט אויף לאַנג —
איבער מדינות צעשטויבט ער זיינע יאָרן...

***

דער רב פון שטאָט האָט פאַרדרוס :
אַ ווייב, מקובל, איז אַ דין... אַ תורה !
און אַ גאַנצער פסוקים־גוס :
זינט יידן — יידן... זינט דורות — דורות

נאָר אַז אפרימען רופט די וועלט
אַז ס'בעט די לופט זיך נאָך סיגופים־תיקון
וואָס איז דען ווייב־צער, זיווג־פאַרשעלט —
פאַר איין אות פון אַ נוטריקון ?...

יאָמערט אַ ווייב : געהערט אַזוינס ?
לאָזט זי איבער אַליין אויף יאָרן
ס'בעט נאָך זאַפט זיך אויך אַ בוים
און מענטשן מוזן זיך מערן, פאָרן...

נאָר אפרימ'ס פנים איז שוין וואַקס
די אויגן זינקען שוין אין לעבער
קיין באָרד־צייכן אויף דער באַק
און פאַרשעמט איז פריטיק דער קידוש־בעכער...

וואָס ווייסט אַ ווייב דען, אַפילו דער רב —
וואָס פאָרעט זיך אין ווייבער־דינים
אַז ס'טוט דעם געהער, מיט ווייב דער שלאָף
פאַרן געוויין פון נשמות, אָן תיקונים...

וואָס געהער זיך ער דען אָן מיט ווייב ?
חופה... קינדער... מיטן דין געפערטיקט !
אַז ס'האָט זיך אין וואַנדער זיין ביינערדיק לייב
מיט תענית פאַרזיווגט, מיט סיגוף פאַרצערטלט...

וואָס איז דען ווייב, אויב נישט אַ העלפט
פון יענעם וואָס טוט זי באַמאַנען
מיט קינדער פאַר דורות, ווי אַ פויגל באַשוועלבט
און ווי ער, אין הימלען פאַראַנען ?

ווען ער, אַז ר׳וואַנדערט אין וועלטן אַוועק
און זי בלייבט אין צער אַ פאַרבענקטע
וואַנדערט איר בענקשאַפט נאָך אים ווי אַ פלעק
און לאָזט די נשמה פאַרזענקען...

ס׳האָט גאָט אין דער תורה פאַרשריבן אַ גט
קען זיי אַ גט דאָך צעשיידן!
זאָל זי איר שלימות פאַרהעפטן אין בעט
און ער וועט דאָרט וואָגלען פאַרביידן — — —

4.

און אַז ס׳בינדט נישט מער דער הויקער־דאַך
און דער גוף איז דיינער — ווי דו האָסט אים
קען ר׳ אפרים נעכט זיין וואַך
און נישט צער׳ן איבער אַ ווייב, אַ פאַרלאָזטן

און אַז ס׳בלוט אַמאָל טוט אַ שטיף
און אין דמיון עס טוט אַ פאַרשווים
נעמט ר׳ אפרים און דערשפּיזט זיך אין טיף:
הוא אלקים! הוא אלקים!

אַודאי קומען תאוות צערייצטע
און מאָנען, און זינגען, און צינדן, און פלאַמען
פון ערגעץ זיי קומען, פאַרהעצטע, צעבייטשטע
לויפן פון מח און צעשרייען די דמ׳ען...

זיי האָבן אַ פענסטער ביי אים אין די אויגן
און כאַפּן אַמאָל אַ טריפהנעם ברעקל
ס׳האָט גאָט זיי אַליין מיט זעאונג באַצויגן
און אַ וועלט אָנגעשטעלט, וואָס זאָל זיי דערוועקן...

קומט דאַן אַ זיסער טמא־געשווידער
און טוט אַ גלעט איבער אַלע הויטן
און עמעץ אין טיף טוט אַ פלוידער —
צו ברעכן צוימען, וואַרפן פלויטן...

ווייסט אפרים: מ׳איז אַ מענטש נאָר!
און וואַסער האָט גאָט מיט טהרה באַגנאָדן:
אַ מקוה, קאַלט, אין קאַיאָר
שווענקט אַוועק פון בלוט די זאָדן...

שפּרייזט ער פאַרשעמט, אַראָפּ די בליקן
ווי ר׳וואָלט הימל־בלוי נישט געוואָלט באַצערן

דאָס אויג האַלט ער אין נעפּל געוויקלט
ווייל די גאַס באַגאַרט מיט געפּאַרן...

אַמאָל שטעלט ער זיך אין וועג
נעמט מיט אַ פּאה — פאַרדעקט די אויגן...
נאָר ווען ר'איז אין טריט־באַוועג —
זאָל דער רוקן כאָטש זיין געבויגן...

איז ער ברוגז מיט דער וועלט ?
ער האָט זי ליב דאָך מער פאַר אַלע !
נאָר גאָט איז שטאַרק ווען ער באַפעלט
און אָרעם־מענטשל ווערט בלויז פאַרפאַלן...

.5

פאַרטאָג ווייגען די געסלעך שטום
און הייזקעס חלשן אין דרימל
די טרערן פאַלן שפּיזיק־קרום
און שווייסן אַראָפּ פון מידן הימל

אַ געגעץ בלאָנקעט אין טויב־געקלאַנג
געריסן פון קעל ביי נאַכט־הולטאַיעס
און ביי אפרימען נאָך מקוה־גאַנג
טרערן טריב דערפאַר די פּאות...

ער שפּרייזט אין אייל — ווי אין לופט געשוועבט
און היט זיך אין קיינעם נישט אָנצורירן
די אויגן — ווי אין שלאָף געקלעפּט
לאָזן דורך פּיס דעם וועג זיך פירן...

ביי הייזער ווויען שלאַפע קעץ
און הונט אין הונגער, באַרויבט פון היימען
דאָס שטיין־בעט זייערס פאַרגיסט אַ נעץ
און נישטאָ, ווער ס'זאָל אין בויך פאַרציימען...

קעץ קענען בלויז שוואַך געבעט —
צו ווייגען אונטער ריגל־טירן...
זיי גנבענען זיך דורך לאָך פון ברעט
און לאָזן די טריט פון זיך נישט שפּירן

נאָר הונט זענען חוצפּה־בייז
און קומען געשרייאיק זייער רעכט זיך מאָנען
זיי לאָזן אויף וועג זיך מיט לוסט פון צערייס
און האַווקען אויף מענטש און לבנה...

אַ קאַץ אַז זי הערט אַ מענטשישן טריט
זוכט זי אין שויס זיך אַ ווינקל
און הונט זענען זיכער אין צאָן־באַהיט
און זוכן דעם טריט צו פאַרהינקען...

און אז אפרים שפרייזט, אפרים גייט —
איין בן־אדם, וואָס לעבט אַצינדערט...
און אַז די פאָלע ביי אים — פונאַנדערגעשפּרייט —
ווי זי וואָלט די שטילקייט דאָ געפּלינדערט...

ווערט אַ הונט פון זייט זיך בייז:
אַ מענטש דאַרף זיין איצט אין בעט געוואַרעמט!
טוט זיין צאָרן אים פלינק אַ טרייסל
און ר׳כאַפּט די פאָלע, אין האַווקע־ליאַרעם...

... ר׳ אפרים? וואָס ווייסט אפרים דען אַצינדערט?
די אויגן אַפילו נישט פון פאָרנט —
וואָס־זשע קען ער זען גאָר פון הינטן?
בפרט וואָס אַ כלב דאָרטן צאָרנט!?...

ציט די פאָלע, רייסט זיך שרייאיק:
וויל די גאַס אים אַמאָל פאַרהאַלטן?
ס׳ווערט אין האַלז ביטער־שפּייאיק
און ס׳שטויסן אַרויס זיך שרעק־געוואַלטן...

... האָט די שרעק אים דאָ דערלייזט?
אָדער ס׳האָט דער הונט די שרעק באַקומען?
ס׳הילכט דער טריט, ווען ר׳ אפרים שפרייזט —
ווי ער וואָלט זיין פריי דאָ אָפּגענומען...

.6

אַ וואַנט אין שטעטל האָט אַן אויער
כאָטש פאַרשטאָפּט מיט דרעמל־וואַטע
בפרט ווען אין קליינעם געסל־טויער
איז מלך ממזר דאָרט פאַרטשאַטעט

געוואָרט אויף וועמען, צי מיט וועמען?
ס׳קען ביז היינט נישט וויסן קיינער
ס׳וועט קיינער ביי אים קיין חשבון נעמען
ביי אַזאַ הפקר און יונג מיט ביינער

זיינע זענען די שכרות־נעכט
און זיין — די פאַרשפּילטע פאַרטאָגן

אָנהייבן מיט אים איז שלעכט —
טאָ זאָל ער קאָפּ אין וואַנט זיך שלאָגן!

נאָר מלך'ל האָט גראָד צייט דערצו
צו זען אפרים'ס דערשרעק פאַר ביל
זאָגט זיין הפקר־מח: דו!
ס'קען דאָ זיין אַ פיינער שפיל...

פאַרלויפט זיך מלך ביז פּאָליש־שוועל
און באַהאַלט זיך אונטער טרעפּ...
דער פאַרטאָג צעגערט מיט זיין העל
און הייזקעס יתומען, ווי אין סטעפּ...

און אַז אפרימס קלימפּער־טריט
פויקן אין שוואַרצע פאָרהויז־ברעטער
האָט האַווקעניש אין חלל זיך צושיט...
און אין פּאָליש־שטילקייט זיך איינגעקנעטן...

„וואָס טוען הינט אין דיין הויז?"
ער פרעגט עס ביי זיך, צי ביי וועמען?
און ס'פרעגן איבער די ווענט אין געברויז
וואָס הינט־געביל קומט זיי פאַרשעמען...

הינט אין פּאָליש... געהאַווק אין קלויז!
ס'שרייט אפרים מיט גרויל און פחד
„הוא אלקים!" — גאָט איז גרויס!
דערווידערט אפרים, זיין שרעק צולהכעיס...

נאָר, וואָס קרעכצן דאָרט אַזוי די טרעפּ?
ווי ס'וואָלט זיי שווער געווען דער אָטעם
טוט אפרים זיך אַליין אַ שלעפּ
און ס'קוילערט אים זיך נאָך דער שאָטן...

**
*

קומען יידן דאַווענען פרימאָרגן —
נאָך אַ שטוביקער נאַכט מיט גאָט זיך באַגריסן
ס'זאַמלען פון טעג זיך אין האַרץ די זאָרגן
קומט מען דורך ווערטער זיי דאָ צעגיסן

אַוודאי הויקערט זיך אפרימ'ס געשטאַלט
אין ווינקל שוין זיבער מיט פרעפּל
און ווי שטענדיק אַ מורא, וועט זיי באַפאַלן
ביים זאָגן: גוט מאָרגן אייך, רבי...

עס ציען אויך ווייבער אין פרומען געאייל
צו אויבערשטע ווייבער־שול שטאָקן
דאָ ברענגען זיי צרות — יעדע איר טייל
פון גוסס־חולאים און קינדער אין פּאָקן

אַמאָל האָבן נעכט זיך מיט אומעט צעוויינט
און מיט קרעכצן פאַראומערט די שויבן
און צרות האָבן נאָר איין וועג צו גיין
דורך ווערטער פון סידור, דערשלאָגן זיך אויבן...

פון פּאָליש די טרעפּ טראָגן זיי העכער
און פירן צו פאַרחלבטע שטענדער
די תפלות צעפליען דורך פענסטערדיקע לעכער
צום האַר איבער מענטשן און לענדער

אונטער די טרעפּ איז אָפן די קאַמער
ווו ס'רוען פון סידורים, די שמות
דאָרט היטן זיך ברעקלעך, פון הערצער צעקלאַמערט
באַוויינטע פון לעבנס און אימה...

ציען פון דאָרט זיך פיס גאָר, פאַרשטאַרטע
און לאָזן נישט גיין, איין טריט נאָר, ווייטער...
עס פּלאַצן אין שרייען אָטעמס פאַרשפּאַרטע
ווי שדים, אַמאָליקע צייטן — — —

פאַרלויפן שוין מענער דעם וועג זיי, אַפריער
און שלעפּן אַ גוף פון דער קאַמער
„מלכל ממזר! און ווי איז צו מיר!"
קלאָגן די ווייבער, מיט פינגער־פאַרקלאַמער...

„... ה' אלקים! גאָט איז גרויס!"
ווערט דער שאָטן אויפן מזרח בלאַסער
און ביים כיור פון דער קלויז
מונטערט מלכ'לען פּאָליש־וואַסער...

7.

ס'וועט מלכ'ל פאַרזאָגן שוין אַ צענטן
צו מיידן אפרימען שוין פון מיילן
און מיט אַ טאָן אַ פאַרשעמטן
צום וויפלטן מאָל אַלץ דערציילן:

„... אַליין געזען — ווי כ'בין אַ ייד...
ווייסע בערד — אַ ים אָנקומען...

ער — אַ טריט... ווי — אַ טריט...
אַז הענט און פיס, ס'האָט אָפּגענומען...

„און ער מיט זיי — אַ לאַנגן שמועס
כ'האָב שוין גאָרנישט געקענט דאַן הערן...
כ'האָב געהאַנדלט גראָב און מיאוס — — — "
זע נאָר! ביי מלך ממזר גלאַנצן טרערן!

קניטשן חוקרים מיט די שטערנס:
— מילאָ וואָס אַ יינג דאָרט, קען זיך דאַכטן!
נאָר דער ייִנג איז גרייט ביים ספר שווערן —
צווינגט עס דעם מח דערפון צו טראַכטן...

נאָך „עמך" קען קיין חקירה־ספרים
און איז דערפאַר שנעל אַליך תופס:
מסתמא איז'ס איינער פון יענע נסתרים
וואָס באַווייזט מיט ווינק דעם גרעסטן מופת...

אודאי האָט מלך זיין פסק פאַרדינט
ווי קומט מלך פאַרטאָג אין קלייזל?
קומען און צעבילן זיך ווי אַ הונט,
גאַסן־שטיקלעך דאָרט באַווייזן!?

און ר' אפרים — קלאָר ווי טאָג!
נישטאָ קיין זאַך ר'זאָל נישט קענען
ווייל ער — קען ער מיט זיין זאָג,
מיט בלויזן אויג אַ וועלט פאַרברענען...

# ב י ת

**1.**

דאָס שטעטל איז אַ פאַרשטאָט בלויז
פון אַ שטאָט — ווי אַ חלום, אַן אָרעמער און בייזער
דאָ זעט מען נישט קיין מויער־הויז
און דאָרט זענען ציגל־פוץ אַלע הייזער...

די שטאָט איז רייך און זויבערדיק ריין
געפּוצט מיט ביימער, מיט גרויסע שויבן
און אין שטעטל פעלט מען, ווי אין קאָשמאַר אַריין —
וואָס קומט דעם גלאַנץ פון שטאָט באַרויבן

די מקוה אַפילו איז מאָדנע דאָ
נישט אַלעמאָל איז זי לויט די דינים
און דאָרט אין געפּוצטער, אַלטער־שטאָט
איז אַ וווּנדער־מקוה, מיט אַלע תּיקונים...

צוויי און זיבציק טרעפּ אַראָפּ
פירן ביזן טבילה־קאַסטן
פאַרשווינדלט עס אַמאָל אין קאָפּ
ביי אפרימען נאָך אַ לאַנגן פאַסטן

נאָר שכר־הליכה איז אַ זאַך,
און אַ מקוה — אין מדינה איינע !
גייט ער דורכן לעמבערגער שליאַך
מיט זיינע אייל־טריטעלעך, די קליינע

אַמאָל דאַרף ער אין מיטן טאָג
מיט נייע שמות זיך פאַרנעמען
לייגט ער דעם כּוח אויף דער וואָג
און לאָזט אַוועק זיך מיט שטאַרע ברעמען...

דער וועג איז לאַנג, דער וועג איז לאַנג
פון ניישטאָט אין אַלטער פאַר אַ פּרוש
די לעמבערג־גאַס וויקלט זיך שלאַנק
און לאָקט אַמאָל מיט אַנטבלויזטע אָרעמס

שפּרייזט אפרים אין זיג־זאַג
מיידט אין מענטשן זיך אָנצורירן
און פאַרדעקט דאָס אויג דורך זייט פון באַק
אַ ברעקל בליק נישט צו פאַרלירן...

קוטשער טרייבן אויפן ברוק די פערד —
פאָרן צום באַן נאָך פּאַסאַזשירן
מאַכט זיך אַמאָל — אפרים הערט :
— אפשר, רבי, אייך אונטערפירן ?

צומערשט האָט ער געדרייט אויף ניין —
בלויז מיטן קאָפּ, אויף שטומען לשון
ס'הייסט : פון אייער זייט איז עס פיין —
נאָר צו באַצאָלן, כ'האָב קיין גראָשן...

פאַלט איין דעם קוטשער, יאַנקל מוצן
רבי, ס'איז אַ שאָד די כּוחות !
זיי קענען אייך צו תּורה נוצן —
און איך פאָר — אָן אייך אויכעט...

„צו תורה נוצן!" — ס'שטעלט זיך דער טריט!
פון יעדן מענטש איז דאָ צו לערנען
מ'דאַרף בלויז האָבן אַ שאַרפן שניט
פון וועלטער־קליפּה צו באַפרייען קערנער

כח איז נישט בלויז — צו פאַרשלאָפן!
כח קען אויך גוטס באַווייזן...
צי דען האָט גאָט אים נאָר באַשאַפן
אויף מיילן־וועג אים צו פאַרשפּרייזן?...

און פון דאַן אָן, אַז ס'פלעגט טרעפן
ר' אפרים אַ קאָטש איז'ר איינגעזעסן
מיט אויגן פאַרמאַכט און מיט ליפן צעעפנט
און אַ דרימל טון, פאַר פאָרויסע מעת־לעתן...

2.

זענען נאָכדעם לעגענדעס אַוועק
וואָס בעלי־עגלות האָבן צעפירט אין גאָרן געגנט
געשלעפּט מיט זיך, ווי די שווערע פּעק
און דערציילט, ווען זיי האָבן נאָר באַגעגנט...

און אַזוי האָט דערציילט דער דראָשקער, דודיע
אַמאָל ביי שמואל־יצחק בעקערס מנין
„...כ'וועל אייך היינט לאַנג נישט נודיען
נאָר אייך צוטרעטן צום סאַמע ענין...

„כ'זע ס'וונדערט אייך די מעשה —
ווי קום איך צו אַזעלכע סוסים?
איר געדענקט די פּגירה, די ווייטע
וואָס'ט געשלעפּט די קאָטש מיט הוילע נסים

איז מילא, איר ווילט זיך אַמאָל:
— באַגנבעט עמעצן מסתמא...
ווייל פאַר אַזאַ פאָרל צו באַצאָלן —
ווי קומט דודיע צו דער סומע?

קענט איר לאַכן און חשדים וואַרפן
— אַ חי־וקים ווי איך איז'ם ווערט...
נאָר כ'וועל געבן אַ פּסק, אַ שאַרפן —
ווען איר'ט רעדן פון מיינע פערד...

כ'בין אַליין אַ גראָבער יונג —
און — ר'ווייסט אַליין... אַ קנאַפּער חכם

נאָר דאָ איז'ס מיר אָנגעקומען גרינג —
ווי ס'וואָלטן געמיט זיך דאָ מלאכים...

כשר געקויפט, פאַר כשר געלט!
איר וועט מיר גלייבן, ווי כ'בין אַ ייד!
זאָל עס וויסן די גאַנצענע וועלט:
ר' אפרים אַליין האָט זיך געמיט...

כ'וועל בקיצור אייך דערציילן
כאָטש ווער ווייסט, צי איר'ט גלייבן!?
נאָר אַמאָל מוז מען, איז — מילא...
ס'איז יעדן וואָרט צום פאַרשרייבן...

***

„...איז עס געווען, אַ פאַרטאָג אַ גרויער
ס'האָט פון הימל געגאָסן אַ מבול־רעגן
די הינט האָבן נישט אויפגעהערט צו ווייען
פון זייערע הינטישע געלעגערס

און די שקאַפּע מיינע — אַ חולה מסוכן!
נו, גיי און טו איר אָן דעם כאָמעט!
כ'שפּאַן... און אין האַלז נעמט'ס שטיקן:
אַ רחמנות... כאָטש — אַ פערד־נשמה!

מעגלעך אַז זי וועט אין דרויסן פאַלן
און דאַן — כאָטש שלעפּ אַליין די משא...
נאָר אויב באַשערט — איז פאַרפאַלן...
צום לעבן האָב איך נישט די קאַסע...

... כ'שמיים און טראַכט דערביי אַליין:
איך שלעפּ אויך... אַ שטוב מיט קינדער...
זיי דאַרפן קנאַקן מיט די ציין
און דער אַפּעטיט איז אַ בלינדער

טרייב איך מיט בייטש בלויז די מחשבות
און שלאָג זיך אָן אויף אַ דאַרער פעל...
ווען ס'פערדל דאַרף גאָר זכות־אָבות
צו ציען אַ טריט פון דער שוועל...

נסים, ווי עס שלעפּט זיך אויפן בריק —
ווען ס'וואַסער נעצט אַדורך די בורקע
די בייטש צעפייכט, באַאָדערט דיק
די מאָגער־האָר פון פערדן־סקורקע...

און אין גוס — וועמען זע איך ?
— ר' אפרים בויגט זיך פון קעלט אין דרייען...
ס'וואַסער לעקט זיינע שקראַבע־שיך
און ער טשאַפּעט פּאָרויס, פאַרטייעט...

...כ'קוק אויפן פערד און קוק אויף אים
און ווייס נישט אויף וועמען רחמנות קריגן
אַט דוכט זיך, וועט ער טון אַ פאַרשווים
אינם גרויסן בלאָטע־טיגל — — —

פאָר איך נענטער צום טראָטואַר :
— רבי, מילא... די בויד פאַרשטעלט
און זאָל איך רייך זיין פון יעדן צער
אויב כ'פאַרלאַנג אַ פרוטה געלט...

קוקט ער אויף מיר... קוקט... קוקט...
און קוקט אויפן רוקן פון דער חיה...
קלער איך : הייסט עס, ער האָט אָפּגעזאָגט?
אָדער סתם אַזוי, אַזאַ העויה ?

בין איך דאָך אַ עקשן, זאָג איך :
רבי, כ'וועל צו מקוה אייך דערפירן
איר'ט אין געווייק פאַרלירן דאָ די שיך
און — ווינטער די פיס אייך פאַרפרירן...

קרעכצט ער : איי־וויי, ר' ייד !
ס'פערד אייערם... צער־בעלי־חיים...
זעט ווי שווער, ביי אים די טריט —
ציט שוין גאָר... קויפט אַ נייעם !...

...פאַרנאַכט באַוויזט זיך אַ פרעמדער גוי —
באַטראַכט דאָס פערד, באַטראַכט די דראָשקע...
אַ גאַנצע רעדע... אַזוי און אַזוי —
כ'האָב אַ וויטע רייזע, מאָשקע !

מיט געלט וועט'ן זיך שוין פאַרגלייכן
דער עיקר, ס'פערדל, אויב ס'וועט דערציען ! ?
כ'וואַרט פון פערד אויף אַ צייכן :
זאָג : אויב ס'ברעכן נישט די קניען ! ?

נאָר יענער זיצט שוין אין דער בויד
און טרייבט : יידל, מיר מוזן איילן !
האָב איך אין פעל אַריין ווי אין קרויט
און די רעדער שלינגען מיילן — — —

פונוואַנעט ס'האָט אַזוי צוברענט זיך ?
דאָס וועט פאַר מיר אַ סוד שוין בלייבן.

אַ נס, מסתמא... דאָס דערקענט זיך —
מלאכים האָבן געהאָלפֿן אונטערטרייבן...

בײַ אַ חורבה־מיל — זיך געשטעלט.
און די נאַכט ווי פּלוצים — אַראָפּגעפֿאַלן
דאָס פֿערדל פֿאַרעט אין דער קעלט
און פֿון הימל גיסט עס, ווי פֿון קוואַלן...

זאָגט ער מיר: וואַרט דאָ אוים —
כ'דאַרף אַ פּעקל בלויז דאָ נעמען...
ווערט דער פּחד בײַ מיר גרויס:
אַרײַנגעפֿאַלן... ווער ווייסט צו וועמען...

נאָר ער קומט באַלד זיך ווידער:
ייִד, קענסט פֿאָרן צוריק אַהיים...
ער באַצאָלט און איך ציטער:
בײַנאַכט אין וועג... מיט איר — אין שלײַם...

ערשט גאַנץ פֿרי; כ'פּוץ די בויד...
כ'זע — אַ פּעקל אין פֿאַפּירן...
דאָס בלוט אין מיר ווערט צוויי מאָל רויט:
געלט! פֿון אַלערלײַ קאָלירן...

... זוך אים היינט, זוך אים מאָרגן!
וואַרט אַ טאָג, וואַרט אַ וואָך —
נעם איך שוין אויף אמת זאָרגן —
ווער ווייסט ס'אַראַ קאַשע, ס'איז דאָ פֿאַרקאָכט?...

וואַרט איך אָפּ אַ פֿאַרטאָג
און לויף צו ר' אפֿרים'ן אין פֿרעגן;
— רבי... פֿאַל איך מיט אַ קלאָג!
רבי... דאַמאָלסט... אַ פֿאַרמעגן...

נאָר ער קוקט זיך ווייט פֿאַרטראָגן
און מורמלט עפּעס מיט אַ פֿרעמדער שטים
כ'ווייס נישט צי וויל ער מיר עס זאָגן:
— הוא אלקים! אלקים! — — — —

... איז עס מײַן גליק גראָד געווען —
צו פּאַקן אים פֿאַרטאָג אין רעגן;
ס'האָט אפֿשר גאָט מײַן פּײַן געזען...
נו, זאָלט איר מיך קיין שאלות פֿרעגן!...

***

קוילערן זיך נסים אין שטעטל אַרום
און פֿלעכטן אוים זיך אין אַ קייט:

ר׳ אפרים עסט ! ר׳ אפרים ברומט !
אַלץ איז סוד... פאַרבאָרגנהייט...

מאַמעס קומען, ווען קינד איז קראַנק;
טאַטעס — ווען געשעפט כאַפּט אַ גליטש
ליגן צעטלען אויף דער פּרוש־באַנק
און לאָזן נאָך זיך אַ צרה־קוויטש

און אפרים הערט... נישט מיד פון הערן —
זוכט אין תהלים אַמאָל באַשייד
זאַמלט קרעכצן, צערטלט טרערן
פאַרלייגט מיט גאָט דאָרט שטילע רייד...

אודאי נישט אַ מענטש פון דאָ —
א קשיא פון וואַנעט אַזאַ קען קומען !
געפאַלן פון הימל אויף אַ שעה
און מענטשנס צער מיט זיך גענומען...

.3

כאַפּט אפרים אַ קינד אין גאַס —
לויפט אים נאָך מיט פליגל־פּאָלעס
ווערט ס׳יינגל דערשראָקן־בלאַס :
כ׳מוז... שוין שפּעט... אין שקאָלע...

ווערן אפרים׳ס אויגן ווייך :
און אַ גאָט איז דאָ... ווייסט דערפון ?
ס׳שרעקט זיין פּנים מיטן בלייכן פון בלייך —
ווייסט אַ קינד נישט, וואָס ס׳האָט צו טון...

זאָגט אפרים : קום פאַרנאַכט־צו —
אין פּאָליש... כ׳וועל דיר גאָט אַנטפּלעקן...
און אַז זיין פּנים נאָך פאַרטראַכט זיך —
פאַלן דערפון מיליאָנען שרעקן...

איז אָט אַזוי : דריי און זעקס...
און צען און צוועלף און זיבצן־אַכצן
אָנגעוואָרפן אויף זיי אַ שרעק —
און זיי קומען, אין פאַרנאַכטן

יינגלעך מיט צעגלאַנצטע היטלען,
לעמאַן שענקערס און אוריש טרעגערס
ר׳ אפרים האָט שוין זיינע מיטלען
צו ציען זיי פון געלעגערס...

שקאָלעס ? יאָ, די טומאה איז שטאַרק
אָבער אַ גיהנום איז דאָ, אַ פייער !
און יינגלעך מיידן אוים דעם מאַרק
און אפרימ׳ס וואָרט ווערט זיי טייער

געווען אַפילו אַזעלכע פון זיי
וואָס האָבן פאות געלאָזט זיך וואַקסן
גענומען לערנען מיט ניגון־געשריי
און איבער ספרים באַהאָרבט אַן אַקסל

און די וואָס זענען אין שולע געגאַנגען —
האָבן אויף אַ שעה געלערנט אַ פּרק
פאַרזעבט זיך שטיל אין יענע קלאַנגען
און אַריינגעשאָרכט אין בלוט, שרעק פאַר עברות...

.4

אָנגעזאַמלט אַ קרענצל קינדער
פון קליינע הינטערגעסל־היימען
געשטאָפּט מיט תורה זיי ווי רינדער :
פון אַ פּרשה חומש ביז צירופי־שמות

האָט יינגל — יינגל מיטגעצויגן
און אפרים־חבריה אויסגעברייטערט
האָבן גענומען לייכטן ביי אים די אויגן
און דער שטערן — אויסגעלייטערט...

צומערשט — די טאַטעס — אומצופרידן :
ס׳איז דען היינט מיט יאָרן צוריק
ס׳זענען יידן געוואָרן אַנדערע יידן
און מ׳זוכט צום לעבן אַ שטיקל בריק

נאָר אַז די יינגען ווערן שטילער
נעמען רעדן וויל און איידל
קושן פרום די פרעמדע תפילין
און קריגן גענגלעך — הוילע זיידנס !

שמייכלען יידן : וואָס קען עס שאַטן —
אַז זיי וועלן קענען, פרומען ?
און אַז זיי וועלן יכולען, מער פאַר טאַטעס —
וועט עס אויך צונוץ זיי קומען...

זענען קינדער פון חושך־קרייזן
אויפגעקומען פאַר אפרימ׳ס קרענצל...

געלערנט עברי, צוערשט מיט גריזן
און אַוועקגעלאָזט זיך אין מצוה־טענצל...

ר׳ אפרים שטעלט צוזאַמען קרייזלעך
ס׳הייסט : ער רופט נישט... מ׳קומט אַליין...
ס׳איז טרויעריק אין די ענגע הייזלעך
און ס׳בית־המדרש איז געהייצט...

זעצט אפרים זיך לערנען הויך
און לערנט פאַר זיך אויפן קול
קומט אַ ייד — הערט ער אויך...
און אַזוי וואַקסט און וואַקסט די צאָל...

און אַ יוגנט — גראָד פון גאַס גאָר !
— יידענע קינדער האָבן היימען ! —
איז אפרים — אַ חבר, ווי פאַר זייערע יאָרן
לערנט און שטויסט נישט אָפּ זיי, קיינעם...

קוועלט דער פאָליש פון זיין עלנט :
— ווידער בלעטערן הענט די ספרים !
און די שימל־ווענט פאַרהעלן —
ווי מ׳וואָלט באַנייט זיי די חושך־יאָרן...

# גימל

ס׳האָט גאָט צעשיט שטעט און שטעטלעך
איבער אַלט־לובלינער סביבה
הויקער־הייזקעס — גאונים־בעטלעך
חסידים־קרייזן און ישיבות

פיאָסק, טורבין און קאָמאַראָוו
שעבערשין, רייוויץ און בילגאָריי
שטעט־רשימות אָן אַ סוף
מיט יידן... יידן, אָן עין־הרע

שטעט גערינגלט מיט אַלטע וועלדער
וואָס האָבן גזלנים־שרעק אויפגעהיטן...
און יידן — קיינמאָל קיין מעסער־העלדן...
נו, וואַרפן וועלדער אָן אַ ציטער...

תשובה־ספרים מיט רש״י־דריבנעם —
כתב, דערציילן געגנוג גורלות
פון אַ דאָרפסגייער דאָרט אַ בידנעם —
גערצחנט פון די וואַלד־חיילות

נישט ווייניק כתב און רבנים־זאָרגן
האָבן העלדער געברענגט פאַר שטאָט־עגונות...
איז געבליבן אין זיי פאַרבאָרגן
די שרעק פאַר גזלן און מיתה־משונות

ס'מיידן יידן אויס דעם וואַלד
נאָר אין מעשה'ס איז'ר נאָנט און היימיש
און אין ווינטער, ווען ס'איז פרירינק־קאַלט —
דערציילט מען... און מ'ווייסט אַליין נישט :

ווער'ט ביים וואַלד זיינע סודות גערויבט ?
ווי אַזוי קען מען זיינע אינגעווייד ?
האָט ווער אויף זיינע וועגן זיך געשטויבט ?
אָדער געהערט דערציילן פון אַ זיידן ?

ביים אויוון ווינטער, אין אַ פאַרשנייטער נאַכט
ווען דאָס ספר ווערט מיד פון אויגן
קומט דער וואַלד און נעמט אויף אַ שלאַכט
ביז די מוזט מיט אַ בלאַט פאַרבויגן — — —

דערציילט־זשע, יידן ! דערציילט וואָס מער!...
ס'הערן אייך שוין די לעצטע אויערן...
אפשר ט'איבערוואָגלען נאָך אייך אַ טרער
פאַר די לעצטע פון די דורות...

**
*

אַז טישעוויץ האָט געהאַט אַ משיח —
דאָס ווייסן קינדער אין די וויגן
אויפן בויד־עם פון פּאָליש ליגט זיינס אַ שיך
און מ'זינגט פון אים דעם לעצטן ניגון...

אַ שניידער געווען... ווי אַ פויער —
געוואָגלט צווישן גויים אויף ירידים...
נאָר מיטן שאַרף פון זיין אייער
אויפגעכאַפּט, וואָס מ'קלערט פאַר יידן...

ווער זשע איז מחוייב עס צו ווייסן —
וואָס ס'שטעקט אין יאָשקע שניידער ! ?

אַז יענער גייט אַרום פאַרביסן
און האָט מיט ערלים צו טון כסדר...

נאָר ס'האָט אַ צדיק אַמאָל פאַרוואָגלט
אין טישעוויץ, גראָד אין אַ מאַרק־טאָג...
דערזען יאָשקען און — ווי צוגענאָגלט
דערפילט וואָס שניידער־פעלץ פאַרמאָגט...

...מעשיות אין די טויזנטער פאַראַן
וועגן ויכוח פון צדיק מיטן שניידער
ביי אַנדערע איז'ס געווען אין מיטן מאַרק
און ביי טייל — ביי יאָשקען אין אַ חרוב חדר...

נאָר סיי־ווי־סיי, ווייסן אַלע
געניי דעם שמועס צווישן ביידע:
„— האָסט אַנטפלעקט, נו, איז פאַרפאַלן...
כ'מוז פון וועלט זיך ווידער שיידן..."

און דער צדיק, טרויעריק ווערט ער:
„צו־פרי פאַר משיח־בן־יוספ'ס צייטן
ס'זענען נאָך נישט דאָ די ערטער
און ס'מוז נאָך קלימפערן בן־דוד'ס קייטן..."

...איז ער נסתלק געוואָרן פריטיק
און דער צדיק ט'פאַרגאָסן טרערן־טייכן:
ער איז געקומען אַהער פריצייטיק —
איידער ס'איז געווען דער צייכן — — — "

ביי אַנדערע איז עס געווען אַזוי:
ס'האָט אַ שררה יאָשקען גערופן
און, ווי דער שטייגער ביי אַ גוי —
גראָד ווען ער איז בגילופין...

...אויסגעטון אים ביז אין גאַנצן
און ס'האָבן אַ פלאַקער געטון די ציצית
און אים געהייסן טאַנצן... טאַנצן...
מיט געפייף פון פייכטע ריטער — — —

האָט בלוט באַשפריצט די ווענט אַרום
די ערד באַשריבן מיט רויטע צייכנס —
איז דער גוף געבליבן שטום
און די נשמה — אַוועק אין ווייטע הייכן...

...האָט מען נאָך דריי שווערע טעג
זיין גוף צו קבורה קוים געבראַכט —
מיט שדים — אַ געראַנגל אויפן וועג...
אימה... חושך... אין קבורה־נאַכט...

און נאָך דעם בייזן שררה'ס טויט
— אַ קרענק, ווי אַ קללה, האָט אים אויסגעריסן —
האָט'ן דעם קבר געצוימט מיט אַ פּלויט
און געשטעלט אַ מצבה — מ'זאָל וויסן;

אַ מצבה מיט אַ אויפשריפט בלויז :
משיח בן יוסף, טישעוויצער נסתר,
געלעבט זיך איינזאַם אין זיין הויז —
געשטאָרבן — ווען מ'האָט דערוווּסט זיך...

און אָפּגעגרענעצט, אויף בית־עולם
אין זייט דאָס קבר אָפּגעזונדערט :
משיח בן יוסף פון מדינת פּוילן —
וואָס האָט פרי באַוויזן זיך דורך וווּנדער...

און קוויטלעך האָבן פאַרדעקט זיין קבר
קוויטלעך־תפלות פון יאָרן... דורות...
וואָס האָבן זיך געטוליעט צו שטיין־מצבה
אין שוץ פאַר גזירות און עלילה־מורא'ס...

איז אַ מסורה געבליבן פאַר וויטע צייטן :
מ'טאָר נישט באַטרעטן צום קבר נאָנט
בלויז אַ קוויטל — פון דער זייט —
מיט נאָמען און צרה דאָרט דערמאָנט...

זענען די פּאַפּירן אין אַ באַרג געוואָרן
אַ באַרג פון צרות און שריפט־געוויינען
ביז ס'האָבן זיי פאַרגעלט, צעפרעסן די יאָרן
מיט גרויסע, שווערע תקופה־ציינער...

זענען צייטן וויט פאַרלאָפן
און דעם געשיכטע־גלי מיטגענומען
נאָר די מצבה איז געבליבן אָפן —
פאַר אַ שווער הערץ וואָס וויל נאָך קומען...

און דער ווינט, ווי אַ טרייער, אַלטער שמש
האָט אויפגעכאַפּט אַזאַ פריש צעטל
אַוועקגעטראָגן עס צום געוויין פון מאַמעס
און איינגעוויגט עס אין שימל־בעטל — — —

.2

פון צייט צו צייט, ווען ר' אפרים הערט
אַז ס'פאָרן טאַנדייטער אויף ירידים

זוכט ער די פרומערע, מיט די בערד:
— קיין טישעוויץ ווער פאָרט? יידן!...

ער זעצט זיך אויפן שפּיץ פון אַ וואָגן
מיט פּעקלעך לייוונט אָנגעלאָדן
און האַלט אין איין פּרעפּלען, תהלים־זאָגן
דער וועג חלילה זאָל קיינעם שאָדן...

נייע „צירופים" אויסגעפינען
ערגעצוואו אין אַ אַלטן ספר
און אַוועק אין פריי־באַגינען
זוכן אַ וועג צו משיחס קבר...

נאָר טריף זענען זאַמאָשטש'ס וועגן
נאָך דער „חוזה" ט'פאַר זיי געציטערט
דאָ קומט די טומאה אָפּט אַנטקעגן
און בייטשט די מחשבה מיט בייזע ריטער

טרייסלט זיך די בויד אויף גרודעס
פון פוילנס נישט־פאַרשטיינטע שליאַכן
און בוימער זאָגן אין קרעכץ אַ ווידוי
ווען ס'זעגט זיי איין אַ שייגעצס לאַכן...

נאָר אפרים פליט גאָר ווייט
אויף די פליגל פון זיין הימל
ער זיצט און שווימט אין פאַרטראָגנקייט
איבערן גאַנצן וועג־געווימל...

פון ווייטנס צעקראַקעט זיך אַ קראָ
ווי זי וואָלט ווערן דערזאָגט אַ סכנה
באַרעכנט אפרים אַ פרישע צאָל
און פאַרטיפט אין שעפּטש די כוונה...

קאַלט און פרירט אויף די שליאַכן
אודאי טרייסלט יעדן אבר
נאָר וויפל וועגן פירן צו משיחן,
זאָל זיין אַפילו צו אַ בלויזן קבר!?...

.3

ס'איז נישט פשוט, סתם אַזוי זיך
וואָס ס'קומט קיין סימן, נישט קיין צייכן
ס'שווייגט דער קבר פון משיח
און מיט פרעמדן לשון — די הימלס־ווייכן

ס'פאַרלירן די שפּראַך נאַכט־חלומות
און זאָגן גאָרנישט... שווייגן... שווייגן...
ווי פאַרזינקען דאָרט אין תהומות
און אַריינגעדרענגט אין שכחה־שטייגן...

און ס'זעט אפרים: אַ דור פאַרגייט —
יידן זינקען איין אין קראָמען...
מ'לויפט... מ'רוישט אַוועק די צייט
מ'פאַרגעסט אַמאָל אויך דעם נאָמען...

יינגלעך וואָגלען אַוועק פון ספר —
מאָדנע היטלען... פרעמדער לשון
פאַרלירט אפרים אָפט זיין אייפער
און ס'ווערט זיין וואָרט הויל בקשה:

— גאָט איז גרויס! הוא אלקים!
נאָר די קעל צעפּרעסט דער יאוש...
ס'וואָגלט זייטיק שוין די שמים
מיט אַ קויל־פאַרלעש, אין לעצטן בריען

אודאי וואַכט עס אויף צוווידער
פאַרגייט זיך צוריק אין גבורה־שטאַרק
נאָר ס'פאַרציט אַ מיד שוין, די דאַרע גלידער
און שטעכט דאָס קול מיט נעגל־וואַרג

זוכט ר' אפרים אין פאַרשטויבטע בלעטער:
— ס'מוז אַ אויסוועג דאָך נאָך זיין!
ער זוכט צו געפינען ווו אַ היתר:
אַז נישט משיח — טאָ דערווייל: אַליין...

4.

און ס'האָט אַמאָל דער גרויסער אזולאי
פון אַן אַלטן ספר אים אַנטפּלעקט:
צו גאולה מוז מען זיין נאָך ראוי —
ביז משיח ווערט אויפגעוועקט

ס'האָט ר' אברהם געטון א חסד
און מיט מקוה־טראָפּנס אויסגעציילט
וויפל יאָרן ס'איז גלות־זסת
ביז אַ פאָלק ווערט גאולה־רייף

ער האָט גערעכנט מיט חשבון פון צייט
ביז — באַשטימט דאָס יאָר פון גאולה...

און ס'וועקט אַ טרויער, ס'זיפּצט אַ פרייד:
אַט איז די צייט שוין אַ פולע!

ר' אפרים דערזעט: תיו־שין־בית!
דאַן וועט זיין דער עמלק־שניט...
ס'ווערט אפרימען קאַלט און הייס:
זענען מיר, הייסט עס, אין דערמיט...

און אַזוי דערציילט דער גרויסער מקובל:
ווייס אַז מיר האָבן אַ מסורה קלאָר
דאָס פאָלק דאַרף האָבן גלות־טיבול
אין יאָרן־טראָפּנס פון מ"ם סאה...

וויפל טראָפּנס אין אַ מקווה
אַזויפיל יאָרן פון דור צו דור
און דער אָנהייב פון גאולה־תקוה
הויבט זיך אָן אין תש"ב־טן יאָר...

אודאי וועט זיך בלוט דאַן גיסן —
דורך עמלק־שווערד מיטן לעצטן זעט
מיט די לעצטע פיילן וועט ער שיסן —
ביז מיט בלוט וועט ערד זיין פעט

... וועלן אַלע יידן אויפשטיין, לויפן...
ציען ביזן יפו'ער פּאָרט
גאָלד וועט וואַלגערן זיך אין הויפנס
און מיט בריליאַנטן — באַלייגט דאָס אָרט

און אַלע זילבערן פון גאָר דער וועלט —
וועלן פאַרקייקלען זיך ביז אַהין
און די גאָלדן און דאָס געלט —
אַלץ — קיין יפו, וועט פאַרפליען

און יידן אַ סך — מיט גיר אין בלוטן —
וועלן שאַרן, כאַפּן פול —
גאָלד, בריליאַנטן... מיט גלאַנץ און גלוט
וועט זייערע מוחות מאַכן דול...

און זיי וועלן ארץ־ישראל פאַרשווענען
מיט לוסט צו רייכקייט, צו פאַרמעגן...
מיט אָרעם־אַרבעט זיך פאַרשעמען —
ביי בריליאַנטן־מסחר אין יפו'ער ברעג

בלויז געציילטע, פון פרייער אין לאַנד —
זיבן טויזנט אין דער צאָל
וועלן ווייטער אַרבעטן מיט שעפער־האַנט
באַפרוכטן ווידער בערג און טאָל

ס'וועט נישט רייצן פון ים די פערל
פערלען וועט נאָר ביי זיי דער שוויים
ווייטער צו זעצן אַ בוים מיט טרערן
און פאַרמידן אין בויער־פליים...

און אַז משיח וועט קיין ארץ־ישראל קומען
וועט ער מיט פליגל אין דער הייך פליען
און ס'וועט פאַרקלינגען דאַן זיין נאָמען
און פון אַלע זייטן צו אים וועט ציען...

... וועלן זיי קומען דורך היילן, מיט שיפן
און איינזאַם דאָרט אויף ערד פאַרבלייבן
וועלן זיי הענט אויסשטרעקן, מיט געבעט אים רופן
ער זאָל זיי אויך צו זיך דערהייבן

אָבער נאָר די יידן פון ארץ־ישראל
וואָס זיצן נאָך פאַר משיח'ס צייטן
וועלן באַקומען פליגל פון קרישטאָל
און פאַרפליען מיט אים אין ווייטן...

און די וואָס זענען צו סוף געקומען
וועלן געבינדן בלייבן צום מטבע־הויפן
און שרייען מיט פאַרקלעפּטע גומענס
צו משיחן אַרויפצו־אויבן :

— משיח, האַר ! דו ווילסט דערלייזן !
און דערהויבן האָסטו בלויז געציילטע...
מ'האָט געזאָגט : דו וועסט ווונדער באַווייזן —
מיינסטו בלויז אויסדערוויילטע ?

אויך מיר ווילן אונטער הימלען
הויך און העכער, ווי זיי פאַרשוועבן
זע ווי בלאָטיק מיר דאָ ווימלען —
ווילסטו, אין משיח־צייט, זאָלן מיר דאָ לעבן?

און ס'וועט משיח דאַן צעצאָרנען :
העי איר גלות־לייט און געלטלער !
אייערע יאָרן האָט איר געלייגט אויף ווייגען און קאָרנען —
אייביק געווען הנאה־וועלטלער

ווען זיי אָט־דאָ האָבן געשוויצט, געמאָגערט
זייער פעט דעם לאַנד — געשאַנק געגעבן
און ס'האָט זייער ווי אין דער ערד זיך פאַרלאָגלט
בכדי גרינס פון דער ערד צו פאַרוועבן

זוי אַזוי זשע ווילט איר, פון דאָרטן, איר!
צו זיי זיך ביי הימלען פאַרגלייכן?
ווען ס'האָט אייך געלאָקט דער ברילאַנטישער ציר
דער רויש פונם בייטל, דעם רייכן?

זיי טראָגט אין דער הויך דער לויטער פון וואַרטן
דער שוויים פון לאַנגע געפאַרן
די פריי וואָס ס'איז פרעמד קנעכטיק־געשפּארטע
מיט חלום פון גילדערנע האַרן — — —

זיי האָבן פריער געלאָזט זיך אין וועג
פאַרן גואל דאָס לאַנד צו פאַרגרייטן
און געריסן דערביי די רינגען פון טעג
פאַרפלאָנטערט אין משיחישע צייטן...

איר האָט געחלומט פון גאָלד אין דער ווייט
טאָ זעטיקט אייערע חלומות אייך אונטן
און זיי האָבן דאָס, וואָס זיי האָבן געגרייט:
דאָס פעסטן פאַר הימלען די גרונטן — — —"*)

5.

— אפרים, דו הערסט? אפרים, איך הער!
צוויי שטימען שרייען זיך איבער...
נישט עמעצער פרעגט, נישט ס'ענטפערט אים ווער
און עס וויכוחט ביי אים זיך אין פיבער...

געוואַרט דאָ אין ווייט, געמיינט: אָטאָ־דאָ
וועט משיח באַווייזן זיך... פירן...
און אזולאין אַ מסורה, געמאַכט האָט עס קלאָר:
אַליין מוז מען ברעכן די טירן...

מ'מוז אַליין אויף גאולה־וועגן —
אַליין זיך לאָזן אין באָרפיס־וואַנדער
מ'מוז אַליין זיין גואל ביי נגאל־ברעגן
און אין האַרץ עס פלעכטן פונאַנדער

טאָ וואָס זשע זיצן? וואָס זשע וואַרטן?
און שפּעטער בלייבן אָן משיחים־פליגל...
פויזען צווישן גאָלדיקע האַרטן
און בלייבן אַ אָרעמער נדבה־נגאל?...

*) זע „חסד לאברהם" להרב ר' אברהם אזולאי.

... אַ טעות ! אַ דרייסיק־יעריקער טעות !.... ברומט ער....
אויף פרעמדע בענק זיך געסיגופט, געלייטערט
יעדע רגע געוואַרט : אָט קומט ער !
און דאָס בלוט דערוואָרגן, דעם רצון געשייטערט...

האָט אַ פריש וואָרט געקוילט די צונג;
גיין קיין ארץ־ישראל אויף אַלע פיר !
דער טעות איז אַלט — דער גוף אָבער יונג —
צו טרעפן דורך יאָרן צו משיח׳ס טיר...

# ד ל ת

**1.**

ס׳האָבן זיך לעגענדעס געוועבט אין דורות־טרוים
און אין אַלטע צונגען זיך איינגעפעסטיקט
געדרוישט זיך אין מיילער, ווי אָן בלעטער אַ בוים,
מיט בענקשאַפט גענאָגט און מיט עלנט געקעסטיקט

ס׳האָט מיר זיך געליגט דער חלום צופוסנס
פון לובלינער שטעטלעך, מיט קורצבליק אין אויג —
משיח־חלומות אין ווייטן צו גרוסן
און פון אַ צאַפּל אין דורות לעבן אין זויג...

שווער איז דער אָטעם, שווער דער פאַרפלי
צו משיחים וואָס קומען מיט קייטן און שטורמען
און נערן דעם דויער מיט אויפבריוז און גלי,
דעם גלותן־הונגער מיט מאָרגנס צו קאָרמען...

האָט דורות־פאַנטאַזיע דעם וועג זיך געקירצט
און געבוירן אַ גואל אויף אייגענע שליאַכן
אַליין אים די קרוין מיט דמיון געווירצט
און אַרויסגעשפּרוכט פון אים מיט אייגענע שפּראַכן — — —

האָט׳ן פאַרזייטיקט די בערג, געהאַקט דורך די שטיינער
און פאַרלייקנט די וועגן, וואָס ס׳האָבן מענטשן געפורעמט...
לובלין האָט אַ וועג — וואָס ס׳ווייסט אים נישט קיינער
און ס׳היטן אים וועלדער... און ס׳שיצן אים שטורעמס...

און אַז נאָענט איז דערלייזער — כאָטש פון קבר אַ שטיין
איז לייכטער דאָס האָפן, זיסער דאָס באַנגען

און אַז נאָנט איז דער וועג — כאַטש : וואַלדיקע הייל !
געפין נאָר דעם טריט און קענסט אים דערלאַנגען — — —

**
*

„... און געהען אַמאָל אַ חסיד אין וואַלד —
דערציילט זיך שטיל שעבערשינער געגנט —
וואָס האָט געשיצט זיך אין אַ ליימיקן שפּאַלט —
מיט ווייב, ווען ס'האָט אין וואַלד גערעגנט...

משבת לשבת געקומען אין שטאָט...
געדאַוונט, געלערנט... און די רעשט — פאַרשווינגן...
די וואָך געיחוד'ט זיך מיט וואַלד און גאָט —
ווען ווייב האָט געפּיטערט אויף גראָז די ציגן...

די ציגן צו מעלק — זיין איינציק פאַרמעג...
האָט ס'ווייב געמילכיקט און געפּוטערט
און ער האָט זיך שטיל פאַראיינזאַמט די טעג
אין שאָטן פון צווייגן, אָן וועלטיש גערודער...

דאָס ווייב האָט די מילך געפירט צום פאַרקויפן
און געברענגט האָט זי זאַלץ און אַ ליכטל צום ברענען
נאָר געשוויגן האָט זי — לויט זיין אופן —
אַ וואָרט זאָל אַמאָל זיך נישט געבן דערקענען...

די ציגן, דיביידע, געבונדן אויף שטריק
האָט אַמאָל אויך ער, געפירט צווישן ביימער
און דערפרי נאָר אַהין — פאַרנאַכט אויף צוריק
— וואָס האָט מער דען אַ חסיד — מיט ציגן — בהמות ! ?

אַליין איז ער אַוועק טיף אין אַ ווינקל
מיט פּאַפּיר און פעדער — טון וואָס מ'דאַרף
און דאָס ווייב, נאָך געמעלק, מיט פינגער געפלינקן
אַ פייערל אין וואַלד געטון אַ פאַרוואַרף...

די ציגן האָבן מילך געגעבן בדוחק
קוים צום פאַרקויף, קוים צום פאַרקאָכן
נאָר וואָס דאַרפן זיי אַליין דען פאַרברויכן
אין וואַלדיקע טעג, אין וואַלדיקע וואָכן ! ?

אין שטאָט רייצט די זעט, וואָס פרעמדע פאַרמאָגן
דער מאָגן האָט אויגן און גאַווערט מיט קנאה
מ'זעט דאָרט די קאָרבן פון מאַרק פאַרטראָגן,
אין יידישע שטובן פון שטאָט „שיברשינה"

נאָר דאָ איז אַ וואַלד... אָן הייזער, אָן מענטשן
זוו גראָזן האָבן געננג דעם הימלס אַ טראָפּן
דאָ קענסטו מיט כוונה זאַט זיין און בענטשן...
מיט מילכיק פאַרווייסעכץ דעם האַלז זיך פאַרשטאָפּן

און בוימלעך מיט וועלכע די דאַוונסט אינאיינעם
און גרעזלעך וואָס האָבן פון לחש פאַרשטאַנען
שושקען זיך שטיל מיט באַיאַגדעטע שכנים
און זענען מכבד מיט וואָס ס'איז פאַראַנען — — —

איז אַ לויב דעם באַשעפער פאַר פאַרבאָרגענע קוואַלן
וואָס ציען און ציען... ריזלען און קוועלן
ער שפּייזט די היענעס און מידע שאַקאַלן
וועט אויך פאַר זיין חסיד גאָרנישט פאַרפעלן...

.2

„...איז צו מיטאָג־צייט אַמאָל, די צדיקת אַרויס
ווי שטענדיק, ביי ציגן, מעלקן די אייטער
וואָס זענען געבונדן געשטאַנען ביים פעלזיקן הויז...
... טאָ וועלכע האַנט האָט זיי דערוויטערט ?

צאַפּלט ס'האַרץ, ווען זי פאַרקריכט אין טיפן —
פון וואַלד; אפשר זענען זיי ווייטער פאַרגאַנגען ! ?
ציגן, אויף הפקר, ווערן זיי חצופות
פאַרלאָקן זיי אַמאָל ווינטיקע קלאַנגען...

נאָר ווי און ווי : נישטאָ די ציגן !
פאַרשוונדן... אַנטלאָפן ? ס'קען ווער דען וויסן ?
עס קרעכצן די האָר... די פינגער — משוגע —
האָבן גאַנצע פּאַסמעס אויסגעריסן...

תרעומות איז זינד... אַודאי ! אודאי...
נאָר וואָס געבן אים נאָך אַ תענית ?
דערמאָנט זי זיך גאָר פון ציגן אַ סטאַדע
וואָס ס'האָבן דאָ נעכטן געטריבן ציגיינערס...

...דער מאַן וועט טרייסטן... שווייגן מסתמא
זיין משא אויף גאָט וועט ער פאַרוואַרפן
לעבן אויף ווייטער פון יאַגדעס און שוואָמען
אַ גזירה פון גאָט... מסתמא באַדאַרף מען...

נאָר אַ צער איז איר פאָרט — ס'וויינען די טריט
ווען זי גייט צו אים, ברענגען זיין תפלה...

ציגן — ווי שטוב־לייט... מ׳געוויינט זיך דערמיט —
און נישט וויסן פון זייער געביין גאָר אַפילו — — —

... נאָר ער פאַרקנייטשט זיין שטערן, דעם בלאַסן:
נישט מעגלעך... אוממעגלעך אַ האַנט זאָל דערגרייכן
עס פויזען דאָ ווערעם — אין מילי־מיליאַסן
און יעדן זיין שפּייז, פון גאָט איז פאַרצייכנט...

ער האָט אַ חלום געהאַט אַמאָל צוגעווינקען;
פון ציגן זיך שפּייזן — זיי מיט זיך האַלטן
נישט גלאַט זיך אַזוי — מילך צום טרינקען
נאָר צוזאַמען מיט זיי — אַ סוד אויסגעשטאַלטן...

און אַז זיי זענען אַוועק — איז אפשר אַן אָנהייב
הויבט זיך־דאָ אָן אַ נייעס, אַ גרויסע...
גלייבן און וואַרטן... וואַרטן און גלייבן — — —
און אַזוי ציט זיך ווייטער די מעשה.

.3

... פאַרנאַכט זענען די ציגן געקומען ביז שוועל
מיט אייטערס, ביז פול אָנגעצויגן
אַ סוד האָט געפלאַקערט און געזשמורעט מיט העל
נאָר שטום זענען ציגענע אויגן...

כאַפּט זיך דאָס ווייב צום שנעלן געמעלק
און די ברוסטן, ווי ברונעמס, זיי טריפן
די כלים פון שטוב שוין אַלע געשטעלט
זי נעמט שוין דעם צעבער, דעם טיפן

עס גיסט זיך אַ ברכה פון אונטער די הענט
און ס׳ציטערן געדאַנקען דורך פינגער
איר בליק איז געצינדן, די האָר צעברענט;
— ס׳וועט זיך אין שטאָט צעקלינגען — — —

... פאַרטאָג זענען ווידער די ציגן אַרויס
און ווידער אין פאַרבאַרג געזונקען
און פאַרנאַכט געקומען צו שוועל פונם הויז
אונטער שווערקייט פון אייטער פאַרהינקען...

... די מילך וואָס זי האָט ווייבער פאַרקויפט
האָט פלוצים באַקומען פון האָניק, די זיסן
דער טעם האָט וואונדער אין בערג אָנגעהויפט
בעהיילט קליינע קינדער, ביי זקנים די הוסטן...

אוּן ס'איז אַ שם אין שטאָט אַרוּיס:
— די ציגן פיטערט ער מיט נסים...
און ווען זי האָט זיך באַוויזן בלויז
האָבן קונים איבער דער מילך זיך געריסן...

ווייל: מילך דען? טייטלעך־טריף און שמן־זית!
האָט זיך געגאָסן אין מילך־כוסות
געגלעט דעם האַלז, דערכאַפּט דאָס חיות —
אַפילו ביי אַ כאָרכלענדיקן גוסס...

„מ'וועט אין שעבערשין מער נישט קרענקען...
מער נישט פאַלן, מער נישט שטאַרבן..."
גענוג מיט חסיד־מילך דעם האַלז באַשווענקען
און געלע הויט באַקומט צוריק פאַרבן...

און ס'האָט געטוליעט זיך די קהלה
צו דעם אָנלען פון וואַלדן־צדיק
דערציילט זיך ווידער נסים שטילע
פון האָר און הימל, וואָס איז גנאדיק...

.4

נאָר ס'איז ביים חסיד אויך אַ חידוש
דער גרויסער וואונדער מיט זיינע ציגן:
— קומען מיט אייטערס, ווי צו קידוש
אָנגעגאָסן ווי פולע קרוגן...

שלאָפט דער חסיד נישט אַ נאַכט
און וואַרט און ציפּערט אָפּ די ציגן
און ס'זאָל נישט זיין קיין פאַרדאַכט
ברומט ער, ווי שטענדיק, אַ „תיקון"־ניגון

נאָר ווען זיי שלייכן זיך אַרויס
באָרפיסט ער זיי נאָך בשתיקה...
ס'האַרץ צאַפּלט ווי אַ מויז
ווען זי גייט אויף פאַנג אין לאָך־יניקה

די ציגן גייען — ווי געפירט דורך ווען —
ווי יעדער בוים וואָלט דעם וועג געוויזן
און ביים חסיד ציטערן די דרעמל־ברעמען
און די אויגן שטעכן דעם וואַלד, ווי שפּיזן...

...און טיף אין וואַלד — אַ קופּע האָלץ
און צווישן האָלץ — אַ ערדן־שפּאַלט...

דרענגען די ציגן מיט בהמהדיקן שטאָלץ
און ווערן פאַרשלינגען דורכן וואַלד...

שטייט דער חסיד ביים שפּאַלט
און זעט אַ שטיין אָוועקגעקוילערט
אַ פינסטערניש ליגט דאָרט אין באַהאַלט
ווי באַגראָבענע חושך־גרוילן

טוט דער חסיד אַ שפּאַן אַריין
און קייקלט, קייקלט זיך אין אונטן
דאָס מויל, דאָרט אויבן, פאַרשטאָפּט אַ שטיין
ווי אַ חתימה אויף תהום־אָפּגרונטן...

נאָר פון ווייטנס — אַ ווייסער פלעק...
— נאָך אים פינטלט נאָך אַ צווייטער...
פאַרלירט דער חסיד באַלד די שרעק
און טאַפּטשעט נאָך, אין בלינד די אייטערס...

אַרום, דער חושך, זינגט מיט ווינט
בלאָזט און בלינדט, שלעפּט און שמייסט
און די אייטערס — ווי אין גאַליש־טינט
וואַלט עמעץ פינטלדיק אַריינגעווייסט...

וויקלט ער זיך אַרום מיט פאַלע
און יאָגט דעם אייגענעם באָרפיס־הילוך
ס'וויינט די הייל שוין מיט יללה
אויף דעם ערשטן מענטש־געשווילעכץ — — —

5.

ביי דער מערה אין האַרץ איז פאַרפינסטערט
דאָ היטן שטיינער און ווינט דעם תוהו
ס'הענגען אויף שוואַרצע שטריק געשפּענסטער
און באָדן זיך אין חושך־לויער

ס'שפּירט דער חסיד; ס'איז שדים־הייל
ווייל אָט צעברומט עס אַלע ווינקלען
אין בריל צעשיט זיך אַ קראַבן־זייל
און פינסטער אין פינסטערניש ווערט איינגעזינקען...

שטיינער פליען מיט האַרטן פאַל
און צערייבן אים די האָר פון פאות
אָט הערט זיך באַלד מיט ריס אַ קנאַל
וואָס צושיט זיך אין קליינע הילך־מטבעות

בײַ יעדן טריט — אַ שטײנער־באַרג...
די פּים פֿאַרשטרויכלען אין די שפּיצן
פֿײַער־רעדער מיט לופֿט־דערוואָרג
בלענדן ס׳אויג מיט רויטע בליצן

נאָר וואָס דער חסיד שטעלט אַ טריט
דערווײַטערן זיך די פֿײַער־בריקן
ס׳בלײַבט אין חושך דער בלענדן־שנײַט
און לאָזט פֿון טריט זיך לײַכט־דערשטיקן

הינטער אים ברויזט אַ צאָרן
פֿאָרויס פֿאַר אים פֿאַלן שטײנער
ווי זיי וואָלטן זיך פֿאַרשוואָרן
ס׳זאָל דאָ נישט אַדורכגײן קײנער...

נאָר דער חסיד אין געבריל
קריכט אין פֿײַער, צווישן האָגלען
אַזוי ווי ווער, אין זײַט דאָ וויל
ער זאָל נעבן זיי בלויז פֿאַרבײַוואָגלען

אַמאָל רירט עס אים מיט שטוים
און שפּרינגט אַוועק, ווי אַוועקגעריסן
גאָטס חסד איז אויך דאָ גרויס
און אין טיפֿסטן חושך דרימלען נסים...

אַמאָל דערפֿילט זײַן טריט פֿאַרזינק
ווי געפּרעסן פֿון אָפּגרונט־צוואַנגען
און באַלד צעבליצט זיך אַ בטחון־פֿינק
און טראָגט דעם גוף דורך צאָרן־שלאַנגען

די ערד פֿאַרגלעט זיך אונטער טריט
און ס׳פֿאַלט פֿאָרויס קײן וואַנט צום האַרצן
ווערט דער חסיד אַ גופֿים־שנײַט
אין דעם קעסל דאָרט דעם שוואַרצן

נאָר — שאַ! אָט זע נאָר, אַ בלויע שפּיז
נעמט די ציגן אַרום מיט בולט
אָט באַרירט אַ שטראַל זײערע פּים
און חושך ליגט אין זײַט געקוילעט

אַ זונענשטראַל קומט מיט ווינק
צעקושט זיך ברייט מיט די ציגן
און ס׳גלעט זײַן טריט אַ גרין־צעזינג
ווי עמעץ וואָלט דאָ פֿון פֿרייד געשריגן

עס ציט אַ וועג באַרג אַרויף
פֿון הייך רופֿן געקרײנטע ביימער

גרעזער הויכע קופּען זיך צונויף
און זינגען אונטער שעפּסנס ציינער

דער חושך ליגט ווייט אַוועק
און רוקט זיך צוריק הינטערהויילעכיק
די שטיינער פאַרהילכן די לעצטע שרעק
און גרעזער צעזינגען זיך אַ פריילעכס — — —

.6

אַ פעלד באַבוימערט, אין שעפּסן־קרייז
שכורט זאָרגלאָז פרישן טוי
בלומען קיצלען יעדן שפּרייז
און צירן גרעזער אַרום מיט רויט

אַ פייפל זויטיק קלאָגט מיט ליד
און באַגיסט דעם אומעט מיט כוואַליעס פרייד
אַ שטרעמל איילט ביי שעפּסן פיס
און שטרייכט די לאַנקע מיט זילבער־קרייד

ס'פייפל גליט אין ליפּן־רויט
און גיסט אויף באָרד קוואַלן חיות
צינדט מיט חדוה זיך די הויט
און ס'האַרץ רייסט זיך צו נבואה — — —

אָט אַ רחבות! אָט אַ פּראַכט!
ווען האָט חסיד דאָס געזעען!?
כשוף־שיינקייט, צירונג־מאַכט
פּוצן זיך אין בלוי־אַלעען...

און עס וווּנדערט זיך דער חסיד;
נישט געוווּסט אַזוי שעבערשין געפינט זיך...
די גאַנצע געגנט — אַ תהלים־פּסוק!
ווי אַ הימל־דיוואַן וואָלט געשפּינט זיך...

...אַקייגן שטייט אַ אַלטער פּאַסטוך
מיט אַ באָרד, לאַנג און גרוי
די האָר פון ברוסט — ברייט צעבראַסטעט
שעפּן פון פייפל קלאַנגען־טוי...

...אָט אַ ייד דאָרט — אַ פּאַסטוך גאָר!
שטייט ווי אַ משה אין מדבר סיני
גיסט פייפלדיק מיט נשמה אויף קרייזל־האָר
פון פיטער־שעפּסן און פעלדער גרינע

די פעלדער בויגן די גרינע האָר
און לאָזן ס׳האַרץ פאַרפלאַטערן פון גלעט
די שטיל קומט מיט הייליקן שוואָר
און פאַרטראָגט די קלאַנגען אין בוימער־העט...

זיין באָרד גלעט די ברייטע ברוסט
שטעלט פאַר איר זיך ווי אַ מויער
אַ שטיקל באָרד טאַנצט אין לוסט —
די צווייטע העלפט ווײנט אין טרויער....

לאָזט דער חסיד זיך צוגיין נענטער
ווייל דאָס פייפל ציט און ציט...
נאָר פון ווייטנס באַלד דערקענט ער:
דאָס איז זיכער אַ אבות־ייד...

ציטערן ביי אים אין מויל די ציינער
און אַ התלהבות בויגט די קני
כאָטש עס מילדן דאָ די שטיינער
און עס מעקעט פון ווייטן בלויז אַ ציג...

.7

העי־הע! נישט געוואוסט דערפון —
אַזעלכע פעלדער! אַזעלכע שכנים!
אַ קנאַפּע שעה פון שעבערשין —
און ס׳איז דערפון נישט באַוואוסט גאָר קיינעם...

ס׳שפרינגט דער חסיד מיט אַ ציטער
שטרעקט די האַנט מיט עניוות:
איז עס בלויז דען אַ שעפּסנהיטער?
ווען די לאַנקע קושט זיין זוים מיט חשיבות...

מיט הייליק לשון איז ער באַצונגט...
זע, ס׳שרפט דעם הימל נישט דער וואונדער!
ווי ער וואָלט אייביק אַזוי שוין געווען באַשוואונגט
מיט הייליק וואָרט און פעלד־באַזונדער...

בעט דער חסיד זיך אַ וואָרט
וואַרט אויף נייעס, אויף התגלות
אַ שלייער הילט אַרום דאָס אָרט
און די וועלט איז פאַרצויגן דאָ אין טלית

האָט יענער גענומען ס׳פייפל אין האַנט
און מיט דער צווייטער שלום דערלאַנגט:

„ביזט ערשט יעצט געקומען אין לאַנד —
אָדער ביזטו דאָ שוין פון לאַנג? — — —"

אַ ציטער טוט אַ ריס דעם גאַסט;
— אַ פּאַסטוך רעדט אין הייליק לשון...
און דאָך, זע נאָר ווי ער שפּאַסט —
אַ אַנדער לאַנד גאָר... נישקשה...

ס'שמייכלט בלויז דער פייפל־ייד:
— מסתּמא נאָך ביי אונז אַ פרעמדער?
און ס'שטראַלט פון אים מיט בערג געמיט —
וויפל דו ווילסט — קום און נעם דיר...

ס'ווייסט נישט דער חסיד צו קלערן אַליין
ווער ער איז און וואָס צו זאָגן
אויב ער איז פרעמד צי ניין —
און ווו די הייל האָט אים פאַרטראָגן...

— ווי הייסט דאָס לאַנד? פרעגט דער אורח
כאָטש אַ שעה בלויז — דורך דער מערה
ווייל ס'איז אים דאָך באַפאַלן א מורא:
ווי קען אַזאַ ייד שפּאַסן, נאַרן!?

— דאָ איז צפת, גאַרנישט ווייט
און דו זוכסט זיכער ירושלים — — —
האָט ביים חסיד אין קאָפּ זיך פאַרדרייט
אַט וויל ער טאַנצן, אַט וויל ער שרייען...

נאָר יענער פריידט זיך אַזוי האַרציק־ברייט:
— ביזט אין ארץ־ישראל דאָ אַצינדערט...
ירושלים איז עטלעכע מייל די ווייט
אַ שעה דער גאַנג... און אויב מ'וויל געשווינדער — — —

8.

צוערשט קושט מען מיט פרייד די ערד
מ'וואַרפט זיך צו גראָז מיט פאַרטראָגענע אויגן;
— פאָטער אין הימל, מיט וואָס בין איך ווערט
וואָס פון פינסטער אין ליכט, האָסט אַרויסגעצויגן!?...

שפּעטער שטעלט זיך די פרייד אינם האַרץ
די אויגן פאַרקריכן צוריק אין מח
דאָס גליק־געפיל שטייט און וואַרט
ווי ס'וואָלט געפעלט דערצו נאָך כח

... שוין געלאָדן די פרייד ביים קושן די ערד
מיט קושן און גלעטן יעדעס גרעזל
קומט אַ געדאַנק, דריקט און באַשווערט;
האָב איך אַליין נאָר זוכה געווען ?

... ער שפּרייזט זיך אַזוי איבער שטילע גאַסן
און יידן פון זייד קומען אַנטקעגן
זיי גייען מיט חשיבות, רואיק־געלאַסן
און ס'באַגריסן זיי מאָרגנדיק בוימער מיט פייגן

טליתים ווי בגדים שימערן פאַרביק
און שוואַרצע קאַפּטאַנען קושן די ציצית
ס'שאָרכן מיט צנעה די לענגלעכע אַרבל
ווען ס'שוועבן פאַרביי געשלייערטע פּריצות...

ציטערט מיט פלאַטער דאָס קול פונם חסיד:
ביים פרעגן אויב יידן זענען פאַראַן דאָ אַ סך...
„— היינט זענען ווייניק... אפשר לעתיד”...
וויקט זיך אין טרערן די הייליקע שפּראַך...

און ס'דערציילט זיי דער חסיד, דערציילט און דערציילט;
יידן פאַראַן... איבער לענדער און שטעט...
דורך מלכות געדריקט, דורך גרענעץ געטיילט
און ווייסן פון ציון בלויז אין געבעט

און ס'רינגלען אַרום אים, געשטאַלטן גאָר־הויכע
הערן און הערן און ברומען פון בענקשאַפט:
— גאָט דו אין הימל! באַוויז אונז די כוחות
און באַפריי שוין דיין פאָלק פון זייער ענגשאַפט...

און ס'געדענקט דער חסיד גאַנצע עדה'ס
וואָס בענקען, זוכן, וואַרטן, גלייבן...
ס'קומען אייניקלעך נאָך די זיידעס
האָפן ווייטער און — פאַרבלייבן...

ער ווייסט, אַז מיט דעם גלייכן וועג —
וועלן יידן צו ארץ ישראל קיינמאָל קומען
ס'וועלן הערן פלשתים אויפסניי מיט שרעק
און מיט פייער זיך צעברומען...

נאָר מיט אונטערערד אַליין
דורך שעה'ן־לאַנגע שטיינער־מערות...
ווייט פון טבע מוז עס גיין
דורך וואַלדנלעכער און היילן־שפּאַרעס...

רייסט דער סוד זיך פון זיינע טיפן
און פאַרפּלאָנטערט אַ וואָרט אויף די ליפּן:

ס'הערט דאָ יעצט די גאַנצע אסיפה
כ'גיי אין געראַנגל מיט דער קליפה — — —

כ'וועל וואַנדערן צוריק אין מיינע מקומות
און וועל אַ וועג שוין צו זיי געפינען...
כ'וועל זאָגן: ס'איז אַ וועג דורך תהומות
ווער ס'וויל — דער זאָל אַנטרינען — — —

.9

שפּרייזט דער חסיד און זיין מח פיבערט:
— כ'וועל אַלע יידן פון דאָרטן ברענגען
שרייען וועל איך אין אַלע שטיבער:
יידן, דער גלות ווערט אַלץ לענגער!

האָט גאָט, אין רחמנות אויף זיין קנעכט —
די אויגן ביי אים ברייט צעעפנט
און ווער ס'וואַרעמט אין האַרץ גאָטס רעכט
קען דורך שעה'ן דעם וועג זיך טרעפן...

און אַלע פאַסירענישן וואָס ס'האָבן פאַסירט
פאַרשריבן האָט ער מיט פאַרשטעלנדלעך לשון
זייל מ'וויסט נישט ווער ס'פירט
אין אַזאַ פינסטערן בין־השמשות

דערפון האָט ער אַ בריוו געמאַכט
און אויף האַלז פון ציג אָנגעהאנגען
דאָס ווייב זאָל וויסן נאָך ביינאַכט
ווי אַזוי אַהערצו זיך דערלאַנגען...

און ווי אַ סימן — אויפן האַלז —
מיט פייגן־בלעטער דעם בריוו פאַרבונדן
טאָמער וועט ער פאַרן שפּאַלט
צווישן שטורעמס גאָר פאַרשוווּנדן...

... און געבעטן: דאָס צעטל זאָל זי אין שטאָט
ביים מרא־דאתרא אונטערוואַרפן
זאָל עס בלייבן ביי אים אַ סוד;
ביז אַמאָל — אַז מ'וועט באַדאַרפן...

די ציג איז שטום און שווייגט דערצו
וועט זי זיכער ניצול ווערן
זאָלן־זשע יידן אין גלות־דרו —
אַ גרוס פון דאָ כאָטש דערהערן...

— — — גייט די ציג — דער חסיד אויך...
און ביידע ווערן אין תהום פאַרשלונגען
און שוין ביים ערשטן אונטערטויך
זינגט דער שטורם מיט טויזנט צונגען

נאָר, ווי! אַ שטיין פאַרשטעלט דעם וועג!
אַ צווייטער האָרבט זיך אויף יענעמס אַקסל
צאָרן אַרבעט אין שדים־געיעג...
שוין איז אַ מויער אויסגעוואַקסן...

טאַפּן הענט די האַרטע שטיינער
די טריט ווילן גיין צוריק
לאַכט אַלץ אַרום און ס׳ווייזט נישט קיינער
און פאַרמעקט די ציגן פונם בליק...

און אַ מויער פון אונטן שטייט שוין אויך
וואָס שדים־פליגל האָבן געברענגט צו טראָגן...
פון אַלע זייטן — געוואַקסן הויך
און מיט פויסטן — איז שווער זיך אַדורכצושלאָגן...

... שטייט ער נאָך אפשר ביז היינט אַזוי
מיט מויערן גרויסע, שדים־קלעמען...
ס׳טרעפט נישט דעם וועג אַפילו דער טויט
די נשמה ביים חסיד אָפּצונעמען — — —

## .10

„...און אַז די ציג איז פאַרנאַכט געקומען אַהיים
האָט אַ פּאַפּיר פון בלעטער אַרויסגעפּלאַטערט
אירע האָר זענען געווען באַשאָטן מיט ליים
און די אויגן האָבן געקרעכצט אויסגעמאַטערט

האָט די אשה געכאַפּט דאָס געשריבענע כתב
און מיט באָכן טרערן עס באַגאָסן
שפּעטער עס געטראָגן צום שעבערשינער רב
און ער — אין חדר זיך איינגעשלאָסן...

בלייבט אַ אשה דאָך אַ פרוי —
ווייסט די שטאָט באַלד פון צעטל
גייט זי, ווי אַ נביאה, פון הויז צו הויז
און צינדט מיט בשורה אָן דאָס שטעטל

וועקט זיך דאָרף, וועקט זיך קרייז
אַלץ צעקלינגט זיך מיט דעם נייעס

ס׳קומען צולויפן יונג און גרויז —
ס׳פאַרכאַפּט אַ נייגער אויך דאָס גייעס...

... שלעפּן מענטשן מיט זיך פאַרמעג
קאַסטנס גאָלד און בערג מיט קליידער;
אויך דאָרטן זענען נעכט מיט טעג
און — אודאי אויך אַ לעבנס־סדר...

דעם חסידס ווייב פאַרשפּאַרט די ציג
לאָזט זי מער נישט פריי באַוועגן
דאָס איז ביי איר אַ גאָלדן גליק
און מענטשן צאָלן דערפאַר פאַרמעגנס...

יעדן נאַכט טראַכט זי שטיל:
— מאָרגן פרי — גייט מען אַרויס!
נאָר אַלע טאָג דאָס זעלבע שפּיל;
איינער פאַרהאַנדלט נאָך זיין הויז...

ס׳איז יעדן שטיין אַ שאָד זיי נאָך;
— מ׳גייט אַוועק — פאַרוואָס זשע לאָזן?
פאַרגייט אַ טאָג, פאַרלויפט אַ וואָך —
און ס׳דאַרט די ציג פון טרוקן־גראָזן...

ביז אין אַ פאַרנאַכט איז אַלעם גרייט —
און דער שטריק פון האַלז איז ווידער לויזער
גייט די ציג... און זי גייט...
און נאָך איר — אַ מחנה, אין שטילן פויזען...

נאָר — ווי און ווי — אוים קלעצער און שטיין!
די ערד האָט אַלץ איינגעשלונגען...
ס׳מעקעט בעל־חי, מיט ציגענעם געוויין
און לעקט די ערד מיט הונדערט צונגען — — —

... האָבן מענטשן אין טרויער געצויגן צוריק
מיט האַק און פּאַק, אין יאוש פיבער
און די אשה האָט גענימען פאַר הערנער די ציג
אוןביידע זענען עגונות געבליבן...

און קהל האָט באַלד פון אַלעם געוואוסט
געהערט דער חסידית׳טעם יללות
איז פאַרשוואונדן אין שטאָט צום לעבן די לוסט
ווייל גלות וועט ווידער בלייבן גלות...

און דער רב האָט באַפוילן פון זיין חדר אַרויס:
אַ תענית מוז קהל אויף זיך נעמען!
מסתמא איז זינד אין שטאָט גאָר־גרויס
און קיינער ווייסט נישט די שורש פון וועמען

און נאָך „ויחל" אין טלית געהילט
האָט דער רב די עדה איבערגעזען
און ס'האָט זיין שטים די טרערן געקילט:
— מיר האָבן קיינס נישט זוכה געווען — — —

**
*

אין קיין פּנקס איז די מעשה נישט געשריבן —
ס'האָט דער סופר זי מורא געהאַט צו שרייבן...
נאָר דורות־ווינט פון פאָלק האָט אוצרות געקליבן
און זיי באַפוילן אין גדעכעניש צו בלייבן...

דערציילט די מסורה: דער בריוו איז געלעגן
ביים רב אין אַ קאַסטן באַזונדער באַהאַלטן
זיין רמזים־שפּראַך האָט באַצייכנט פון מערה די וועגן
די נעמען פון שדים און זייערע פינסטערע געשטאַלטן

נאָר ס'האָט אַ שרפה איבער שטעטל געגנידערט
און ווי מיט שליחות — צו בית־דין־שטוב גלייך...
האָט דערשראָקענער קהל מיט כח דערווידערט —
וואַסער געשלעפּט פון שטעטלשן טייך...

נאָר גאַנץ איז געבליבן די ספרים־שראַנק —
פאַרברענט געוואָרן בלויז דער קאַסטן
האָט דער רב זיך ווידער פאַרשלאָסן אויף לאַנג
און ווידער באַפוילן תעניתים צו פאַסטן — — —

# ה א

.1

ס'ווייסט ר' אפרים: די טעג זענען קורץ
און די מויער־שלייערן זענען שוין דינע
קומען געדאַנקען מיט דמיון־שטורץ:
— ער מוז די מערה צוריק געפינען!

אַזאַ פאַרבלענדעניש געווען פון לאַנגע צייטן
ביז חייב אין זכאי וועט זיך פאַרפלעכטן
און אַדורכזשאַווערן די ראַוו־קייטן
וואָס הענגען איבער אַ תקופה־נעכטן...

פאַר געפּלאָסטערטע וועגן מוז קומען די שעה
פאַר פרייער גאולה קען דור נישט דערוואַרטן
נאָר צער קען צעשרייען, ווי ס'שוואַרץ פון אַ קראָ
און פירן דורך וועגן פאַרשפּאַרטע

די ערד האָט געזעצן — באַפוילן פון הייך
און מיט גרענעץ זיין תמיד פאַרהאַלטן
פריי איז דערפון דער גבה־פאַרשלייך
ווען תהומות נעמען זיך שפּאַלטן

ס'וועלן יידן שוין קיינמאָל דעם וועג נישט פאַרגלייבן
נאָר שטענדיק אין היילן אים זוכן... אין לעבער
שטענדיק אים האָבן דורך בלענדענדע צייכנס
און תמיד נאָר דאַן, ווען פול איז דער בעכער

און ווען גוייםאַרום פרעסט אויף די גלידער
רייסט פון נשמה שטיקער און שטיקער
פאַר'טמא'ט די ליפּן מיט צלמ'ע לידער
און מיט גוישן לוסט די יוגנט פאַרשכורט

וואָס קען נאָך דאָ הימל טראַכטן דערביי
ווען ס'שטעלן זיך עדה'ס פאַר אמונה־נסיון
אויב ייד זיין וועט ווערן נאָך קראָמיק־כדאי
אָדער פאה און תורה וועט ווערן בזיון — — —

און ס'וויינט ביי אפרימען די תמידע זאָרג
פאַר נשמה, נשמות פון יידן
כח האָט כביכול געגעבן אויף באָרג
און מיט צאָלן טרעפט זיך פאַרשידנס...

**
*

אין תרצ"ב פון חשבון ביי יידן
אין ניישטאָט ביי זאַמאָשטש, דער שטאָט אין פוילן
צווישן גוישע יאָרמערק און הזרים־יידן
האָט זיך אפרים פון אויגן פאַרהוילן

מיט מענדל בערסאָנער, אַ „מוסרניק" פון ליטע
און לאַנג און שטיל זיך דערביי געסוד'ט...
ס'האָט מענדל פאַרגעסן דעם שיעור פאַר זיין „כתה"
און איבער אפרימען שטיל זיך געהוידעט

ס'האָט מענדל אַ ישיבה אין שטעטל געגרינדעט
און אפרים, זיין חבריה האָט געגעבן צושטייער

זיצן זייביידע אין ווינקל אַצינדערט
און ביידע פלאַמען פון זעלביקן פייער

אַ יאָר איז מענדל בלויז אין שטאָט
און ער, דער ליטוואַק, איז אויך שוין מיד
— ר׳ אפרים, כ׳וועל זאָגן.אייך אַ סוד:
ס׳גיהנם קאָכט דאָ און ס׳זידט...

... געהערט אַמאָל: אַ טריפה סביבה!
זאַמאָשטש! העי־העי! השכלה... כפירה...
נו, געגלויבט: ס׳וועט העלפן אַ ישיבה
אַז תורה און מוסר וועלן האָבן אַ דירה...

און יעצט: ווען אַ בחורל ווערט נאָר פרום
קומט צו תורה, צו ניצוץ יראה
קומט דער שטן און פאַרקרומט
לייגט אויף נשמה אַ געשווירל...

איינער פאַרשמעקט צו אַ טריפה ביכל
ביים צווייטן — פון העלער הויט — אַ ספק...
נעמט אויף זייטן־דרכים קריכן
און ברומט פון גמרא אַרויס פאַרשלאָפן...

משמעות אַז ס׳איז די ערד אַזאַ
וואָס האָט פון דורות שוין יניקה...
אַ בחור מיט מדרגה און פלוצים — אַהאַ!
וואַרפט זיך אַלץ אין מינות־חניקה — — — —

וועלן כוחות ביי ביידע קלעקן
מיט טריפה ערד מלחמה פירן?
בחור נאָך בחור מיט כשרון אַנטדעקן
און שפּעטער צער׳ן ביים פאַרלירן...

אָדער אפשר צוזאַמען גאָר באַשליסן
אויף קדושה־ערד זיך איבערטראָגן
און וווּ ס׳עט וועלן פון תורה וויסן
זאָל דעם וועג דורך וועגט זיך שלאָגן...

ס׳געדענקט ר׳ מענדל: אין רוסלאַנד
געווען ישיבות, תורה־צעלטן...
שפּעטער האָט׳ן דורך גרענעצן געשפּאַנט
און איינגענומען פרישע וועלטן...

נאָר דער שטן פאַרלויפט אַפריער
פאַרטרייפט אומעטום דעם באָדן
און ווו דו קלאַפּסט נאָר אָן אין טיר
איז לופט מיט כפירה אָנגעלאָדן...

איז אפשר כדאי אַמאָל צו פּרווון
קיין ארץ־ישׂראל זיך איבערפירן
שלעפּן אַהין... און דאָרט ישיבות!
דאָס הייליקע לאַנד כאָטש נישט פאַרלירן...

איז מסכּים דערצו ר׳ אפרים:
ארץ־ישׂראל! דער איינציקער וועג
גאָטס בגד איז צעריסן אויף אבלות־קרעים
מוז מען ראַטעווען זיין לעצטן פאַרמעג

.2

ס׳האָט ווער דערציילט אפרימען שטיל:
פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאָרן אַהין...
אודאי קומט עס פון יידיש געפיל
מסתמא האָט עס אַ טיפן זין

נאָר, ווײ־געשריגן! אָן תורה און גאָט
אַ עול פון קדושה געמישט מיט הפקרות...
מאַכן קיבוצים אַז — אַ שאַנד און אַ שפּאָט!
דערלויבן זיך מכּל העבֿרות...

מ׳זאָגט אַז... טריפות... שבת... מנע!
אוי און אוי — די קיבוצים זייערע...
קאָכט ר׳ אפרים: פע און פע!
לשון־הרע איז אויך אַ עבֿירה...

נאָר שיקן קינדער אַהין — חלילה!
אַז מ׳זאָגט... נו, מפחד תמיד...
אויך אַ שמשון טרעפט אַ דלילה —
יינגלעך־מיידלעך — אויך נשמות...

ר׳ מענדל איז קלוג און ניכטער
ווייסט ער שוין: סערטיפיקאַטן!
אין חקירות גאַנצע גאָר פאַרקריכט ער:
— ס׳איז אַ שווערער משא־ומתן...

נאָר אפרים הערט שוין שטימען
וואָס דערלאַנגען זיך פון ווייטן
מ׳דאַרף געפינען בלויז דעם סימן
וואָס ליגט פאַרוואָרפן אין די צייטן

און ווען ער וועט אַנטפּלעקט נאָר ווערן
און דאָס מערה־מויל פון דעק באַפרייען —

ווער וועט קענען דאַן זיי שטערן
ציען דורכן חושך־שלייער ! ?...

אַז פאַרבאָרגן איז נס און אָפן — די טומאה
און וווּנדער האָט גאָט צו שווייגן באַפוילן...
צעלייגן זיך ברייט די וועגן די קרומע
און וועגן פון נס זענען וואַלדיק פאַרהוילן...

פאַרוואָגלט אפרים אין בענקיק געברום
ווי ס׳וואָלט לופט געזויגן אַ זמר־בין
און ר׳ מענדל וואָרטיקט אַ פּרעפּל פאַרפרומט :
— מיר פאָרן מאָרגן קיין שעבערשין...

.3

אַ חבריה געווען — באַזונדערע טרוימען
אין מיטן דער גרופּע פון ישיבה
וואָס מ׳האָט אין זיי געזען די זוימען
פון אַ נייע תורה־סביבה

פון צוועלף און ווייטער ביז פופצן־זעכצן
יינגלעך אַלע, כמעט נאָך קינדער
אָנגעהאָרבט מיט גלות־קרעכצן
און מיט מערה־נס אָנגעצינדן...

און אַז דערהערט אין שטיל די בשורה
— זיי פאָרן צו די שעבערשינער וועלדער !
און ביי אפרימען שיינט די צורה —
ווי משיח וואָלט זיך אָנגעמעלדעט...

האָט זיך מח פריי צעהוליעט
און פאַרגאַנגען זיך אין פלאַמען
שכל צו דמיון האָט זיך געטוליעט
און פון האַרץ אַרויסגעהאַמערט...

האָט דאָרט ווער אַ ברום פאַרלוירן
און ס׳האָט אַ צווייטער אים פאַרנומען
האָבן נישט אַלע דיזעלבע אויערן —
און ווערטער לאָזן זיך פאַרקרומען...

און ס׳האָט אפרים ווו דערהערט :
— ס׳איז פאַראַן נאָר וועגן גלייכע...
גאָט פאַרהוילט די אונטערערד —
מוז נאָר פירן דער גראָדער שכל...

און דאָס ערשטע מאָל, חבריה
האָט געזען אים אין פלאַמען־בייזער...
אַרויס אינגאַנצן פון פאַרטייע —
מיט געשריי ביז אין הייזער:

„— כ'הויס אַליין — פאַראַנען שיפן...
מלוכות וואָס פירן זיך מיט באַנען...
נאָר ווי איז די — מיט באַגריפן
אַז דאָס וועט פירן אונז פון דאַנען...

„יידן וועלן קיינמאָל נישט קענען פריי —
זיך דערשלאָגן צו זייער שורש...
הערט, קינדער! געטרויט נישט זיי —
מלכות־אדום, צי מלכות־כורש...

„און כל־זמן גרענעצן וועלן זיין —
און זייער הערשאַפט איבער לענדער
וועט זיי זיס זיין יידנס פיין —
און יידנס גלותער געשלענדער — — —

און יידן — ווי, נישטאָ קיין אָרט!
זיי קענען אויף איבערפלאַך עס נישט געפינען...
היילן? לעבער? אפשר דאָרט —
קענען זיי נאָך זיך אַנטרינען..."

**
*

היינט שרייבט די שורות דאָ —
איינער, אַ לעצטער פון יענעם הייפל
וואָס האָט עס געהערט אין יענער שעה —
און דער ערשטער געזייעט צווייפל...

און אויף אַ וויל טוט אַ ציטער —
ביי אים דאָ יעצט די פערזון־לירע
און ס'בייטשט אים ווי מיט גליען־ריטער
זיין פאַרשעמטע דיכטער־שירה...

.4

צוויי יאָר איז אפרים געזעסן —
אין איין שטאָט... באַקאַנט געוואָרן...
דאָ פאַרברומט זיינע מעת־לעתן
געהיטן דעם נישט־פאַרברענטן דאָרן

וואָס ער זוכט דאָ אַזוי לאַנג ?
פאַרוואָס לאָקט אים נישט מער דער וואַנדער ?
ס'הויקערט זיך קלאַנג אויף קלאַנג
און עס פּלאָנטערט נישט פונאַנדער...

און אָט אַזוי אין בלויעם גרוי
פאַרשווינדט ער שטיל — ווי געקומען...
וואַהין און וויאַזוי ?
— ווו ס'שלעפט די סוד־נשמה...

אַ טאָג האָט מען אים אויף וועג געזען...
אַ נאַכט — אין שעבערשינער קלייזל...
און געבעטן ביי אַ מאַן צען
דעם וועג אין וואַלד — מ'זאָל אים ווייזן...

וואָס ער דאַרף און וואָס ער וויל —
דאָס איז אודאי קיינעמס דאגה !
און געזען — ער שלעפּט צום ציל
דורך דער גרויסער בלאָטע־טייגע...

און מיר, די ייִנגלעך, מיט דערוואַרט
האָבן געשטיקט אין זיך דאָס שווייגן
דאָס האָבן אונזערע טריט אין וואַלד זיך געשאַרט
און אונזער לעבן דאָרט פאַראייגנט...

און אין צוויי טעג אַרום
איז מענדל פון ערגעץ אַראָפּגעפאַלן
זיין באָרד האָט זיך שטיל פאַרקרומט —
די צונג אין מויל — ווי פאַרחלשט

איז עס מענדל, דער שטאָלצער שרייער ?
זע, ווי ער איז גאָר פאַרטאַמלט !
זיינע ווערטער — שטענדיק, שטיקער פייער —
זע ווי ער דאָ.... קוים ער שטאַמלט....

„כ'בין געווען מיט אים אין וואַלד" —
— דערציילט ער אונז אין ענגן קרייזל —
„געזוכט די מערה פון באַהאַלט —
געוואָלט זי שפּירן אין די שפּרייזן...

„זענען מיר געגאַנגען, געזוכט —
געפרעגט אויף שטום ביי בוימער־זקנים
יעדעס מאָל האָט זיך געדוכט —
ס'הערן זיך פון ווו געוויינען...

פון וויטן ווו האָבן טריט געשאַרכט
אַ ווינט האָט געמישט די בוימער־בלעטער

און ס'האָט געוויגט זיך איבער זיי אַ פּאַרבּט
נישט צו ווערן סוד־פּאַרדעטער...

אַ שעה אַזוי און צוויי... אַ טאָג !
און ס'האָט הימל די נאַכט אַראָפּגעשליידערט
דער תּענית האָט אין האַרץ גענאָגט
און דער חושך האָט געגעסן מיט קעלט די קליידער...

נאָר אפרים נייגט צו ערד דאָס אויער
און צאַפּלט אויף : כ'הער!... כ'הער !
און ביי מיר די אימה קומט מיט לויער
און פאַרשטאָפּט מיר דאָס געהער — — —

און אַזוי גייען מיר אין נאַכט
מיר צעטרעטן ס'גראָז מיט דער אימה
אפרים פירט אַ פּרעפּל־שלאַכט
מיט חושך, וואָס ער וויל באַציימען...

ביז מיר זעצן זיך אַוועק
אונטער אַ בייזן בוים־געראוויש
אַ זשוקל כאַפּט זיך אויף אין דערוועק
און טוט מיט פליגלען אַ צעפּלויש

און פון ווייטן — ס'ברומט און ברומט...
שאָרכעניש קלאַפּט אין האַרץ מיט האַמערס
כ'וועל שווערן — עמעץ קומט — — —
זיי טריט וואָלטן ס'האַרץ פאַרקלאַמערט...

און אָט וויגט זיך דאָרט אַ בוים —
וואַקלט זיך צוויי־פיסיק נענטער...
ס'האַלט זיך איין דער אָטעם קוים
נישט צו רייסן פון האַלז די פּענטעס...

ביי מיר דאָס האַרץ, כ'מיין ס'צעשפּרינגט
און אפרים : גאָט פון אבות — — —
און דאָרטן... הע, מ'זינגט !
„— — — גם כי אלך בגיא צלמות — — — —"

מיינט אפרים באַלד : די ערד
וועט צעעפנען זיך פון אונטן —
ס'קומט אַ שליח מיט אַ שווערד
וואָס וועט זי צערייסן ביז די גרונטן — — —

נאָר פון שאָטן ווערט געשטאַלט —
אברים בולט'ן זיך אין פורעם
דערזעט אפרים ווידער דעם וואַלד
און צינדט אין חשכות אָן זיין צאָרן:

— ביזטו מענטש, אָדער ביזטו שד ?
זאָג, כ'בין אויף דיר גוזר !...
איך בין גוף... דורך גאָטס רייד —
און דו אַ שאָטן נאָר אַ בלויזער...

און ס'קומט פון דאָרטן צוריק אַ קול
און שלאָגט אין אפרימס ווערטער אָן
ר' אפרים ווענט עס אויף שמיעה־שאָל
און ביי מיר קלאַפּט צאָן אין צאָן :

— כ'בין אַ מענטש, נאָר זוך די וועגן —
ווו מענטשן האָבן נישט באַטראָטן
כ'בין די זינד פון מיין פאַרמעגן —
אַנטלויף איך איצט פאַר זיין שאָטן...

.5

... דער פאַרטאָג האָט אויפגעדעקט אין דרייען —
אונז אינמיטן וואַלדן־פּלאָנטער...
מיר קענען דאָך, אָט אים, דעם נייעם —
אַ בעל־תשובה, אַ באַקאַנטער...

אַ בעל־עברה — אין אָטוואָצק איינער —
האָט דער קאָזשעניצער אים באַקערט...
פון דאַן אָן שלאָפט ער — און צוקאָפּנס — שטיינער...
און אַמ אָל— אויף הוילער ערד...

מנחם־מענדל — מ'קען אים אַלע !
וואַנדערט, צאָרנט... זוכט דערלייזונג...
יעדער קלאַנג — צינדט די התפעלות
און יעדע עברה — וועקט דערביזונג...

נישט איינמאָל שוין געהאַקט די שויבן —
פון געשעפטן, וואָס ווילן נישט שבת שליסן...
און מיט הויכע תהלים־לויבן —
געלאָזט זיך פירן פון פּאָליציי אין תפיסה

און ווען געזען אַ יידיש ווייבל
מיט הוילע האָר און אַנטבלויזטע אָרעמס —
גענומען שיטן פעך און שוועבל
און באַשפּיגן זי מיט צאָרן...

ביז אין אויער האָט אָפּגעקלונגען
אַ קול, אַ ווייטס, פון נסים־הײלן

ווּ מ'קען מיט וועג־פאַרשפּרינגען
פיידן לענדער, שלינגען מײַלן...

אויך ער אַליין האָט דאָ פאַרוואָגלט —
זוכט שוין טעג דאָ, אין שטאַרן פאַסטן
פ'האָבן פּחדים אין נעכט גענוג שוין באַהאָגלט
און באַהייקערט מיט מידע לאַסטן

און אָט, אין יאוש, ווען ר'איז געגאַנגען
זוכן אַ וועג — אַרויס פון דאַנען...
האָט אַ ציענִיש אים געפאַנגען
אַהערצו... אַהער זאָל ער שפּאַנען...

און אַז ס'האָט זיי דאָ צוזאַמענגעפירט
איז עס זיכער אַ נביאים־אַנען...
אודאי קומט עס פון פאָרויסזען־באַריר
וואָס איז נאָך פאַרבאָרגן ביי פרומע פאַראַנען

זאָל מען דערפאַר ווייטער שפּרייזן
זוכן, זוכן... איבער נסיון־שטיינער
נסים זענען דאָ — זיי דאַרפן זיך נאָר ווייזן
זייער שריפט זאָל די גרעזער באַשיינען...

***

...מענדל איז דער ערשטער פון וואַלד אַנטלאָפן
פ'האָט פאַרפעלט עקשנות און אויך כח
ר' אפרים האָט נאָך אַליך געברומט פאַרשלאָפן
און דער בעל־תשובה — ווייטער געשריגן הויך...

זיי האָבן זיך אויף דר'ערד געלייגט
און די הימלען צו רחמים אויפגעפאָדערט
נאָר די ערד האָט ווייטער פאַרבאָרגן געפייגט
און אויבן מיט וואָרצלען זיך באַאַדערט

די טירן אירע האָט זי ווייטער פאַרריגלט
און דער הימל האָט ווייטער כמורנע געשוויגן
אַ ווינטל האָט וואָלקנס ווי קינדער געוויגלט
און זיי האָבן מיט חוזק אַראָפּגעשפּיגן

האָט מענדל בײנאַכט זיך שטיל פאַרשאַרט
און דורך נסים דעם וועג זיך געפינען
אַביסל האָט חושך דעם וועג פאַרשפּאַרט
און אַביסל האָט געפירט דער באַגינען

נאָר יעצט ווען ער זיצט דאָ... זיצט און דערציילט
פלאַמען די אויגן מיט טרויער:
מעגלעך זיי שפּרייזן שוין איצט אין דער הייל
און שטויסן, און שטייען פאַרמויערט...

און אפשר פאַרלויפט זיי דעם וועג שוין אַ שטאָט
און ס'לאַכן זיי הייזער אַנטקעגן — — —
און ס'דוכט אים; עס קוקן אויגן מיט שפּאָט:
דערשראָקן זיך פאַר נאַרישן רעגן — — —

.9

אויפן צווייטן טאָג איז אפרים געקומען
דאָס פּנים מיט געלן אַש באַלייגט
און שטילע זיפצן באַהאַלטן זיין ברומען
און אויף יעדע פראַגע — רק ער שווייגט!

אין אַ ווינקל בלויז קנוידערט ווידער
אַ דאַרער שאָטן אויף געלע בלעטער
און דער שאָטן — פאַר אים נאָך מידער —
ליגט אויף ערד ווען ער פאַרקלעטערט...

ער זעט נישט קיינעם מער דאָ איצט —
ביי יינגלעך האָט גלויבן אויסגעלאָשן...
ווערט זיין דמיון פון קיינעם געשיצט
און פאַרעלנט אין אים דאָס אייגענע לשון...

ער מיידט מענדלען; מענדל — אים...
נישטאָ מיט קיינעם מער צו זאָרגן!
דער גלויבן ביי אַלע האָט קורצע טריט —
און ווערט פון ערשטן שטיק דערוואָרגן...

נישטאָ מער קיינער אין זיין געדאַנק —
אין האַרץ איז ער אַליין געבליבן
ס'איז האַרט געוואָרן די פּאָליש־באַנק
ווי זי וואָלט פון זיך געטריבן...

אַלע בליקן מיט שרעק אַהין —
וווּ ס'קנעט זיך בלייך מיט שוואַרצן שאָטן
מ'זוכט נאָך אַלץ אַ גלויבן־גלי
און זיין שטומקייט וועקט חרטה — — —

נאָר ער פאַרטראָגט זיך איבער קעפּ
זוכט אין לופט זיך צו געפינען

ס'איז יעדער פּנים ביי אים אַ סטעפּ
און צווייפל לאָזט אים נישט אַנטרינען...

.10

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי שיין און ריין
חלומות ווי בלומען, גלויבן ווי טוי...
נאָר ס'האָט דער אמת אַ האַרץ פון שטיין
און טוט אויס אַלץ נאַקעט אַזוי — — —

געקומען אַ מענטש מיט פייער אַ באַרג
און טרוקענעם דמיון געצינדען, פאַרפלאַקערט...
חלושע שורות צום לעבן געשטאַרקט —
דערציילעניש פון לאַנג מיט ווילן צעאַקערט

פאַרביקער טרוים — אין לעגענדעם פאַרגראָבן —
האָט ער אויף הענט — ווי קינדער געטראָגן
זוכער פון ווייטן — באַשאָנקען מיט גאָבן
רייך זאָלן זיי ווערן... נסים פאַרמאָגן...

נאָר ווונדער וואָרן — פאַרטראָגן פון וואָר
מיט נעכטנס פאַרוועבט, מיט מרחקים פאַרשלייערט
ס'היט זיי פון שאָדן אַ פאַרפלויגענער דור
ווי פאַרגעסענע זעט ביי ליידיקע שייערס...

און ביי אפרימען איז נס — קערן געוואָרן
צום שפּראָצן אויף האַרטע, טרוקענע צייטן
דער אַצינד זאָל צעבליען פון פאַרבענקטן זכרון
און דורך פאַרבאָרגענע היילן פאַרנאָנטן די ווייטן...

טאָ לאָמיר זשע טרויערן אַלע צוזאַמען
וואָס ס'פירן די וועלט כוחות נישט ווילנס...
וואָס עס ווענדן די וועגן מיט גרענעץ און ימים
און ברעכן די פליגל פון טרוימער־געפילן — — —

***

אַודאי איז אפרים אַוועק אויפסניי
פאַרשווונדן אין איינעם אַ גרויען באַגינען
ס'האָט נאָך מיט חלום געשמעקט דאַן דאָס היי
און ס'האָבן מיט האָניק געזשומעט די בינען

די ריחות האָבן פאַרמאָגט נאָך דעם צי —
וואָס באַמאַנטלט די וועגן מיט לאָקיקע רייצן

און ס'האָבן פון גרעזער פֿאַרמילעכט די קי —
צופוסנס פון הילצערנע, פֿאַרוויירוויכטע קרייצן...

ס'האָבן אויף װעגן אין לאַנקעס שוים
הייזקעס ווי קינדער מילד פֿאַרשלאָפֿן
און גאָט אַליין פון ענגער קלויז —
איז פֿרימאָרגנס אַהין אַנטלאָפֿן — — —

און אפֿרים האָט אים נאָכגעשפּרייזט —
ווען ער האָט די שוועל פֿאַרלאָזן
און צוזאַמען מיט אים אונטערגעפּלייסט —
צו תּפֿלת שחרית די באַטויטע גראָזן..

דער נאַכט האָט פֿאַרפֿעלט בלוי פּאַר איר טינט
און נישט פֿאַרענדיקט די לעצטע זאַצן
האָט זי אפֿרימען געכאַפּט אויפֿן ווינט
און אים פֿאַרשימערט מיט גרינע פּאַלאַצן — — — —

און ס'האָט דער פּאָליש מיט אַ פֿאַריתומטן מויל
אַ קדיש געיאָמערט נאָך זיין וואָכן סוד —
וואָס האָט זיך געטראָגן אין וועג מיט געקנויל
און געשמועסט מיט זיין באַגלייטער — גאָט...

.11

און אַז אַוועק — האָט ער נישט געפֿעלט קיינעם
ס'האָט נישט געשפּירט ס'שטעטל דעם בלויז
דעם פּאָליש האָבן ווידער געזעט געוויינען
ווען צרה האָט באַזעצט אַ הויז

ס'איז נישט געווען אין גאָרן פֿאַרצייטנס
פֿון גליקל פּאָן האַמעלן און ת"ח ות"ט
ווען ס'האָט גאַנצע עדה'ס געריסן פֿון קייטן,
משיחיק געצינדן און געיאושט צום שמד...

ווען ס'האָבן אין זייטיק געקורטשעט די דורות —
און אין פּלאַמיקער בענקשאַפֿט פֿאַרפֿלאָקערט די צייט
און דערזען די לעצטע האָן־קריי אשמורות
ווען ס'האָט ווער זיך באַוויזן מיט וווּנדער אין רייד — — — —

ס'איז געווען אַ דור — אַ לעצטער קנויט
וואָס האָט זיך געזעגנט און נישט־דערצונדן
דער פֿלאַם האָט גליאיק באַרירט די הויט
אָבער טיף אינם פֿלייש ניט דערוועקט קיין וווּנדן...

ס'איז געקומען אַזעלכער — האָט מען געהערט
נסים דערציילט — ווייל אַ צונג איז פאַראַנען...
די גאולה וועט קומען — ווען זיין וועט באַשערט
ר' אפרים אַוועק ? איז מען באַשטאַנען...

ס'האָט ווידער זיך דודיע, געשפאַנט זיינע פערד —
זיין נס האָט ער שוין דערגרייכט...
און מלכ'ל האָט אויבעט ווייניק געקלערט —
ער איז אַוועק ? נו, ס'איז נישט שייך...

בחורים־חבריא — איבער גמרות זיך ווידער
געשאָקלט מיט שטילער התמדה...
בעלי־בתים האָבן תהלים געזאָגט פון אַ סידור
און אַ רבין געזוכט אויף אַגדה — — —

מענדל איז געפאָרן זוכן פאַפירן —
עליה אויף אָפענע וועגן
אַזוי ווי די וועלט — מוז מען זיך פירן...
האַלטן זיך מיט ציין און מיט נעגל...

דער אָטוואָצקער בעל־תשובה ? נו, אפשר בלויז יענער
האָט זיך אויף נסים פאַרלאָזן...
ס'האָבן אפשר מיט אים ערשט זיך פאַרלאָשן די פלענער —
אין וואַלד דאָרט... צווישן די גראָזן...

נאָר פון אפרים — נישט געהערט האָט'ן מער
ווי ס'וואָלטן אים תהומות פאַרשלינגען
איינמאָל האָט ווער נאָך געוואָרפן אַ קלער:
אים איז אַמאָל גאָר געלינגען ! — — —

.12

קיין וועלטן האָבן זיך נישט איבערגעקערט —
די פעדער זי וויל נישט גענאַרן...
די צייט נאָר האָט אינצווישן צוויי שמיטות פאַרצערט —
באַטייכט אונז מיט בלוט און געלאָזט די געפאַרן

און טויזנטער ציען היינט דורך וועגן מיט לויער
און זוכן די בערג, און שטראָמען דורך היילן
האָט זיך אַ מחשבה אין מח פאַרבויערט
פון ר' אפרימען אויפסניי צו דערציילן...

ער זיצט אפשר יעצט אין אַ ירושלימער טויער
פייניקט זיך סיגופימדיק ווייטער

עס נאָגט אים נאָך אפשר דער אַמאָליקער טרויער —
און אפשר איז נאָך געקומען אַ צווייטער...

און ווען ער הערט ווי ס'רייסן זיך שיפן
מיט יידן — געצוימט דורך אַרמייען
צעברומען אין אים זיך חלומות פון טיפן
און שניידן אַדורך אים מיט ווייען — — —

ס'איז אזולאי'ס טערמין ווייט שוין אַריבער —
און די טישעווויצער מצבה איז שוין צובראָכן...
האָט ער פאַרברענט זיין גלויביקן פיבער —
און וואָגלט אַרום אפשר מיט ציטריקע קנאָכן ?

ער לויפט אפשר היינט צו שיפן וואָס קומען,
וואָס שמוגלען אויפסניי זיך דורך פאַרבאָרגענע וועגן
זיינע אויגן פאַרפייכטן מיט אַ גלויבן אין שטומען,
וואָס האָט נישט נאָך וועמען צו פרעגן...

ער ווייסט, אַז ס'איז שוין פאַריבער די צייט
ווען די מערות האָבן באַשפּאַנט חסידישע ציגן —
אין שעבערשין איז דער וואַלד מיט קברים פאַרזייט
און ס'מויל פון דער הייל — פאַרשטאָפּט מיט הרוגים

נאָר ס'גאַפט נאָך דער וואונדער, דער לעצטער אין אים
וואָס רייסט זיך פון פאַריאושטן זינען
און ס'טייטלט צום ברעג אַ פאַרחלושטע שטים;
ס'איז דאָך עפּעס וואָר ! זיי האָבן געפינען ! — — —

פאַריז, אָקטאָבער-דעצעמבער 1946.

# פון אונזערע טעג...

(איבערדערמאָנונגען פון ווערק,
געשריבענע אין די שוידער־יאָרן)

אויפגעשריבן אין בוכנוואַלד ־ פּאַריז, 1945.

דעם אָנדענק פון מיין מוטער ה אָ ד ע ס —
געשטאָרבן י״ז כסלו תש״א פון היטלער־שרעק;
מיין פאָטער י ה ו ש ע ה ע ש ל , די
שוועסטערן ר ב ק ה און ג אָ ל ד ע ,
אַוועקגעפירט געוואָרן כ״ד ניסן תש״ב קיין
בעלזשעץ; און מיין שוועסטער ל א ה
( ל יי ט ש ע ) — אומגעקומען, מאַי 1943
אין מאַידאַנעק.

# אַ שעה מיט דער אייגענער וויזיע...

## (אָנשטאָט אַ הקדמה)

...יעדעס מאָל אַזוי, ווען דאָס בלוט רעוואָלטירט אין מיר און דער מוח הויבט אָן צו פאַרגעסן דאָס, וואָס עס דאַרף אין אים זיין איינגעקריצט אויף אייביקע אייביקייטן — רוף איך זיי אַרויס צו זיך; וועק זיי אויף פון מיין אינערלעכער דעמערונג, בעט ביי זיי הילף קייגן זיך אַליין און צעשמועס זיך מיט זיי אין התבודדות... כ׳זע דאַן באַשיינפערלעך זייערע שאָטנס; כ׳הער אין מיר די פראַגן זייערע און מיר דוכט זיך, אַז אויף יעדן ענטפער מיינעם שאָקלען זיי מיט די אויסגעלאָשענע קעפ... אין יענע מינוטן פון איינזאַמקייט, פיל איך זיי אַזוי בחוש, הער איך זיי אַזוי נאָענט פון זיך, און איך דערשפיר אַז ס׳איז נאָך דאָ פאַר וועמען אַ דין־וחשבון אָפּצוגעבן פאַרן לעבנבלייבן... ווידער ווערן געשטאַרקט די הענט און ווידער ווערט קלאָר דער ווילן ווייטער צו זיין דאָס וואָס דו האָסט באַשלאָסן זייענדיק אין לאַגער־גיהנום...

***

אַ ציטער פלעגט זיך שטענדיק אַדורכשלענגלען דורך די אָדערן : —

ק ד ו ש י ם ! פאַר די אויגן פלעגט דאַן נעמען שפּריצן אַ פייער און ס׳האָבן געגומען שוועבן התלהבות־בערד מיט ברכה־געהייליקטע חלפים; אָט אַזעלכע מיט וועלכע נעמיראָווער יידן האָבן די אייגענע העלדזער געשניטן... פורפורנע ר׳ חנינא־בן־תרדיונס האָבן זיך געוויקלט אין פלאַמענדיקע ספרי תורהס, מיט בערד געפלאָכטענע פון פייערדיקע אותיות. וואָס האָבן זיך געצויגן אין די הימלען... קדושים — דאָס האָט דיך דערמאָנט אין די ש ל מ ה מ ו ל כ ו׳ ס פון אַלע צייטן מיטן קויל־ברענענדיקן משיח־וואָרט אויף די ליפּן; אין די נתנטע־האַנאָווער־יידן פון זאַסלאַוו און טולטשין, אָדער אין די מ ש ה ק ו ג ע ל ס, ביי ברענענדיקע ארונות מיט פאַרפלאַמטע בערד אויף דער שוועל פון אַ קישענעווער פּאָליש...

און היינט... היינט רופט עס ביי מיר אַרויס אַנדערע געשטאַלטן. אַט מוּיכט פאַר מיר אויף אַ שלאַנקער פּילועט פון מיין שטעטל אַרויס. איך זע אים מיט אַ רויכערדיקן רעוואָלווער אין דער האַנט, ווי ער איז עולה צווישן פייערן און חורבות פון וואַרשעווער געטאָ... יאָ, ס'איז ער... יוחנן מאָרגנשטערן! דער טוער פון די „פּועלי ציון"... וואָס זשע פאַרשטעלט ער פאַר מיר יענע פריערדיקע רייען? ווי קומט ער, דער זשורנאַליסט, צווישן די קדושים? אַט זע איך שוין דעם נעפּל אַרום אים, פון זיין גוף רויכערט עס און איך זע זיין שלאַנק געשטאַלט, ווי עס וויגט זיך און פאַלט... אַרום אים רעגנט עס מיט שטיינער און שטויב... דאָס גייט יעצט אונטער דאָס היילקע פאָלק מיט זיינע נאַלעווקים צו־זאַמען, בקולות וּבברקים... דאָס גלאַנציקע אין זיין האַנט, דאָס איז בלויז אַ שמשון־פאַרמעסט. נאָר די פלשתים — אַזויפיל זיילן האָבן זיי עס אָנגע־שטעלט אונטער זייער בנין!...

קדוש! צערעוועט זיך אַלץ אין מיר... קדוש!!!

...און ווידער קומט אַ געשטאַלט. זיין שמייכל איז געפרוירן: אַ ר ־ ט ו ר היים איך... פאַרן טויט בלויז, האָב איך זיך אונטערגעשריבן: ש מ ו א ל...

איבער עפּעס אַ לאַנדאָנער שוועל פליען פאַרביי אותיות אַזעלכע: מ ז ב ח... דאַנעבן ליגט ער, שוין אַ אַדורכגעשאָסענער... פון זיין האַנט פלאַטערט אַרויס — ווי אַ באַזיגטע פאָן — אַ בריוו; מיט אַ מיליאָן גראַד פיבער, וואַרפט מיין אויג זיך אויף יעדע שורה, אויף יעדן, אות: ...„דאָס פּוילישע יידנטום ווערט אויס־געראָטן... די וועלט קוקט זיך גלייכ־גילטיק צו... אָן דעם פּוילישן יידנטום קאָן איך נישט מער לעבן... זאָל אפשר מיין טויטווירקן, בכדי אויפצוטרייסלען די וועלט אויפן גורל פון אונזער אומ־גליקלעך פאָלק"...

אַ הייליקער, יראת־הכבודיקער ציטער, לויפט מיר אַדורך דורך די בלוטן: הגם אַרטור בקדושים? אַ שטאָלצע און טרויעריקע, שרעקלעך טרויעריקע פרייד כאַפּט מיך אַרום אין מיטן פון מיין סופלאָזן צער. יאָ, דאָס איז ער, דער בונדיסט זיגלבוים פון וואַרשאָ... עפּעס טיפערס ווי מיין אינטואיציע שרייט אויס אין מיר: ער איז נתעלה געוואָרן! ער איז נתגלה געוואָרן!

...העי! דו בלאָנקענדיקע נשמה פון מיין גרויסן בן־עיר'ס „דריי מתנות"! קום אַהער! זע און טראָג אים אַוועק אַהין ווו דו דאַרפסט... אַט אַזוי — מיט אַלעמען... מיט דער אייז־קאַלטער לאָנדאָנער שוועל צוזאַ־מען! — — —

...און דער? זאָל עס זיין לייביש? טאָקע דער פּשוטער דאָרפס־בחור לייביש וואָס האָט מעטרעס תבואה אויף די מעכטיקע פּלייצעס זיינע

אויסגעטראָגן ?... וואָס־זשע רוקט עס זיך זיין פּעסט געשטאַלט אַלץ נענ־טער און נענטער צו די פֿאָדערשטע קדושים־רייען ? און וועמענס שטיק־לעך באָרד זעט מען עס אַרויס פֿון הינטער זיינע פּלייצעס אַבער ? אַהאַ ! דאָס פֿאַרשטעלט ער זיין טאַטן, שיען, פֿאַר דער קויל וואָס יענער דאַרט מיטן „טויטנקאָפּ" אויף דער „קעפּי" וויל אין אים אַרייניאָגן !

...באַק־באַק־באַק !... אַכט קוילן שוין אויסגעשאָסן און נאָך וואַרפּט זיך עפּעס אין דעם בחור... בלויז די האָר פֿון אַ צעבלוטיקטער באָרד אויף זיין פּנים שטילן אים איין, ווי ער וואָלט אַריינגעוויגט געוואָרן אין אַן אַנ־דערע וועלט אַריין — —

— וואָס־זשע שווייגט איר דאָרט, מלאכים ? ! פֿאַרוואָס איז עס אַזוי שטיל געוואָרן ? פֿאַרוואָס רייסט איר נישט קיין קריעה אין די פֿאַרשווי־גענע הימלען אַריין ? אָדער פֿאַרוואָס זינגט איר נישט קיין שירה איבער דער מענטשלעכער עליה פֿון לייביש, דעם מילכיקערס זון ? — — —

ווידער דרייט זיך אין פֿיבערדיקן טעמפּאָ פֿאַר מיין איינזאַם אויג דער פֿילם פֿון דער קדושים־דעפֿילאַדע... איין געשטאַלט כאַפּ איך ממש אָן ביי דער האַנט : אַ־אַ ! רב איטשעלע ! נאָר ער — ווי גאָרנישט ! ווי ער וואָלט זיך נאָך אַלץ נישט איינגעלעבט אין זיין קדושים־וועלט אַריין — ווענ־דעט ער זיך צו מיר מיט זיין אַלטער דאָאיקער שפּאַסלדיקייט : נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דאַמאָלס ביים וואַגאָן קיין בעלזשעץ ? דו שייגעץ איינער ! און כ'דערמאָן זיך, טויזנטער יידן אויפֿן פּלאַץ... וואוהין ? צו די וואַגאָנעס... צו דער גאַז־קאַמער !... ביי מיין זייט — ר' איטשעלע... ער רעדט צו מיר און איך זאַפּ איין אין מיר יעדעס וואָרט:

„...קינד ! איך בין עפּעס אַנדערש ! איך מוז גיין... כ'בין אויף דער על־טער; געמוזט זיך אַליין די באָרד אַראָפּ נעמען, בכדי יינגער אויסצוזען... שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן ביי זיי... א י ך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין שבת !... איצט האָב איך זיך נאָך געקענט אויסבאַהאַלטן — כ'שטעל זיך אָבער ווי־אַליין צו... מאבד עצמי לדעת ? ניין ! מיט אַזאַ לעבן וואָלט איך סיי ווי אַלץ פֿאַרלוירן : שבת... טריפֿות... און ווער ווייסט וואוהין דאָס „לעבן" קאָן אַלץ נאָך דערפֿירן ? איז — פּטור דערפֿון ! דו אָבער ביסט נאָך יונג — אַנטלויף ! וועסט זען, וועסט זיך ראַטעווען ! וועסט לעבן בלייבן !"...

...אין מיין פֿאַרגנבעטן אַוועקציען זיך, האָב איך נאָך געזען, מיט אַ שפּליטער פֿון אַ בליק, ר' איטשעלעס שטאָלצע טריט צום וואַגאָן...

...קומען אַזוי געשטאַלטן, מיט און אָן פּנימער, שטעלן זיך אין יעדן ווינקל, גראַבלען זיך צווישן דיינע מחשבות ווי שופֿטים, ווי אייגנטלעכע בעלי־בתים איבער דיין מח און געוויסן... איין געשטאַלט אַזאַ'ס, וואָס וויל זיך נישט געבן צו דערקענען, שרייט אויס מיט טריאומף : ש ר ײ ב ס ט ! ווי דער הייזעריקער הילך פֿון אַ זייגער, ענטפֿערט עס אין מיר אָפּ פֿאַר־

שעמט — יאָ !... און עס הויבט זיך אָן : שרייבסט ! שטאָפּסט די בעט־לער־טאָרבעס מיט געשוואָלענע מיליאָנען־ציפערן פון פאַרגאַזטע און פאַר־ברענטע... חלומסטו אפשר פון מאַכן פילם־דריידלעך מיט אונזער בלוט און מאַרך, ווילסט אויסבעטלען אַביסל טרערן־שמינקע פאַר אונזער זכרון, האַ ?... פון אַלע זייטן קומט דאָס גערודער : מיר דאַרפן עס נישט ! דו הערסט ? מיר ווילן עס נישט ! די שטים פון פּנימלאָזן דונערט איבער אַלץ : נישט וועגן ק ד ג ש י ם בלויז דערצייל ! פאַרוואָס זאָר־ שווייגסטו דעם פשוטן אמת ? זאָל מען נישט מיינען אַז דער שונא האָט אונז פון די העכסטע הויכן אַריינגעשלײדערט אין די תהומען ! דערצייל וויאַזוי ער האָט פאַרן אומקום אונזערן פאַרפלייצט אונז מיט אייגנפאַבריצירטער טומאה ! זאָל מען אויך וויסן וויפל מאָל דער מענטש איז גע־שענדעט און דערנידעריקט געוואָרן פאַר זיין אומקום ! — — — וואָס ? ס׳וועט נישט שמעקן די נשמה־היענען ? — — —

אַ פּראָטעסט וועדגט זיך אין מיר : מ׳קען נאָך נישט היינט ! ווי אַזוי זאָל איך היינט שוין, אַזוי וואַגן ? — — —

עפּעס אַ באָרפעס געשטאַלט לאָזט זיך גלייך אויף מיר, מיט אַן אויפ־געריסן מויל... כ׳דערקען ? ניין, כ׳ד ע ר ש פ י ר בלויז אַז דאָס מוז זיין ע ר, מענדל, דער אַמאָליקער „מוסרניק”, דער שטענדיקער זוכער פון „תוך” אפילו אין לאַגער, אפילו אויפן וועג צום שים־שטאַנד... „נאָר דעם אמת!” — בליט אַ ירעה ־ וואָרט אויף זיינע ליפּן ווי אַ קמיע... „זאָלסט דערציילן וואָס ס׳איז געשען; וואָס ס׳האָט נישט געטאָרט און דאָך געמוזט געשען ! אויב דו קענסט — זאָג וואָס דו האָסט געזען, פאַר די ווייטער־דיקע ! וואָרן זיי און בעט ! דערצייל דעם עבר אַזוי אַז מען זאָל דעם עתיד באַגרייפן ! שריי ניט, נאָר דערצייל ; באַמי זיך קלאָרע דבורים צו רעדן אַזוי לאַנג, ביז דיין געשריי וועט פון זיך אַליין נישט אַרויספּלאַצן” — —

***

„...ווייסטו כאָטש וואָס דו האָסט איצט צו טון?” פרעגן מיך זייערע שאָטנס... „כ׳ווייס!” שריי איך אויס אויפן מיטן וועג צום אויפוואַכן... און איך שריי אויף זיך אַליין, אויף די אייגענע טונקעלע מחשבות... די געשטאַלטן זייערע דערשרעקן זיך און נעמען צעפליען... איינעם נאָכן אַנ־דערן זע איך זיי זיך צעגיסן דורך דער לופט ביים פענסטערל. און אין קליינעם חדרל לאָז איך זיך אויף מיין ווייטן דערנער ־ וועג פון ש ר יי ב ן . . . בין איך געבליבן בלויז מיט זיך אַליין ?...

פאַריז, אין אויגוסט 1945.

# ״שורות...

(פון פאַרלוירנגעגאַנגענעם בוך „נביאיש״, 1942).

## (אָנהויב)

.1

און אַמאָל צאַפּלט אַלץ אויף אין מיר טויב און שטום :
— קום ! קום ! קום !
גיי איך און לאָז זיך שלעפּן... וווהין ?
קיין בעלזשעץ... קיין טרעבלינקע... צום ק. ל. פון לובלין

און כ׳גיי... און כ׳גיי... און כ׳גיי...
ליגן טויטע קערפּערס — שפּרייז איך איבער זיי
עפּעס אין מיר לאָזט מיך נעבן זיי נישט לייגן :
אַ לעבעדיקער — לעבט... און טויטע מוזן שוין שווייגן

זע איך נישט דעם בלוט־טייך, דעם קויל־פאַרשטויבטן גוף
הער איך נישט דעם יאָמער; די אינגעווײדנס רוף :
— שטיי ! וואַרט, דערקען וועמענס בלוט־אויסגעווייקטע העמדל ס׳איז !
— — — קיין וואָרט ! כ׳לעב נישט ווייל כ׳וויל, נאָר ווייל כ׳מוז !

און כ׳מוז דערפאַר גאָרנישט זען און דערביי אַלץ זען און הערן
מיט פאַרקריצטע ציין... אָן טרערן... אָן טרערן...

*
**

חרובע גופים איר ! פאַרברענטע אַשן איר ! מיליאָניקע מאַסנקברים
כ׳הייס ווי איר ווילט נישט איבערשטאַרבן אונטער אייערע שברים
כ׳הער דורך מיין הויט אייער אָנוועדטעדיק געוויין
און כ׳טראָג איבער מיינע האָר דעם אין־אייך געוואָרפענעם שטיין

ווי איעדער איינער אַזעלכער פון אייך
מיט אַלעמענס בלייכקייט בין איך אויך דאַר און בלייך
מיט אַלעמענס יאוש און אומעט בין איך אויפגעפרעסן
און ווי אַלע — ביי בבל־טייכן וויינענדיק געזעסן

נאָר קיין האַרפּע אויף די ווערבעס אויפצוהענגען האָב איך נישט געטרויט
נישט וועלנדיק אייך משפּטן ס'צווייטע מאָל צום טויט...
הער איך ווייטער אייער נאָמענלאָז אָנפּנים, אייער אַנאָנים
אָן טרערן־מאַסקע און אָן היסטעריע־גרים.

כ'זע ווי איר צאַפּלט אַרויס פון די אייזערנע קייטן, פון געשעענעם
און איר ווילט נאָכאַמאָל ווידערגעשען... געזען זייערן נאָכאַמאָל פון געזעענעם
און ווידעראַמאָל זאָל איבערגעוויינט ווערן אייער נישט דערוויינט געוויין
ווי טויטע... נישט איר ווילט באַצירט ווערן, באַשיינט און באַקריינט

פון בלויזן מערטירער־אָרעאָל... מיט קדושים־פּוך באַפּודערט
נאָר אַזוי — ווי ס'האָט זיך קליינמענטשלעך אַרום אייך גערודערט
ווי אַזוי האָט איר געלעבט... געזינדיקט אויך... און — אומגעקומען...

האָט ווער באַפּוילן — און איר האָט אַלס עדות מיך גענומען
מיר לשון געגעבן און אייך פאַרקריצט אין מיין בלוט...
גיב זשע כח, גאָט, דערצו... כח און עזותדיקן מוט...

*
**

כ'ווייס נישט... אפשר וועל איך שוואַך ווערן ווי אַיעדער
וואָס דאַרף אויפצאַפּלען אייך צום לעבן, מיט שוואַרצן בלוט פון אַ פּעדער

אייך אָנגיסן מיט געשטאַלט און שלייפן אייך אין פורעם
ווידער וועט מוזן אַרום אייך שטורעמען אַ שטורעם
און אייער צוטרעטנקייט צעלייגן מיטן גאַנצן נאַקעט . . .

און אין אייך וועט מען דאָך זוכן בלויז דעם פאַקעל
וואָס זאָל לייכטן ביז הימלען, פאַרטונקלען די זונען...
ווי אַזוי זשע וועט מיין וואָרט אַ וועג זיך געפינען
צו קומען און רעדן פון אייך... אייך אַליין !
ווי מענטשן מיט הויט, מיט בלוט און געוויין ?

אַז כ'וויל גאָר מיין וואָרט לאָזן אָן אַ העמדל
און אייער גופים־רויך נישט קטורת'ן אין פענדל
נאָר לאָזן עס מיטן גאַנצן ווייַ פון געבראָכענע לעבנס
מיט צאַפּל און הכנעה, מיט דערהויבונג — און זאַכן צום פאַרגעבן — — —

כ'ווייס, כ'ווייס ווי מ'וועט עס מיר נישט שענקען !
ווייל אָרעמע דורות ווילן זייער רייכקייט געפינען אין בענקען
אין דמיון וואָס לעבט אויף געלאָשענעם, וואָס טליעט צווישן אַשן — — — —

און ביי מיר איז אייער בלוט־פלעק נאָך נישט פאַרוואַשן
און וואַרט צו באַווייזן ווערן מיט זיין שוואַריץ און מיט זיין רויט...

און איך ? וואָס בין איך דען אויב נישט קיין קנויט —
וואָס ברענט און פלאַקערט אַליין — איבער אייך צו פייערן
אייער גאַנצן אַוועק צוריקצוברענגען און באַנייערן
ווייזן אייך מיט פיבער, מיט געלעכץ און געצאַפּל
מיט וואַרפן זיך אין נידער און קלעטער אויף אַ שטאַפּל —
אַזויצוזאָגן : אַזוי זענען מיר געווען און אַזוי פאַרגאַנגען !

זאָג זשע, וואָרט מיינס : ווי אַזוי ? ווי אַזוי קומען מיט געזאַנגען !
ווען דו האָסט געזען אַליץ, אַליץ... געווען דערביי...
נישט לאָזן דעם זכר פאַר אַ גרויליקן פאַרגיי —
נאָר שרייען, איבערלויבן זיך אַליין, איבערבליצן —
די מענטשן־אויפגליען, די צאָן־פאַרקריצן ?

נאָר כ׳קען אייך... וועט אייער מחילה ווערן מיין אָנלען
צו דערציילן... צו זאָגן : ס׳איז אַזוי געשען — — —

*
**

ס׳ייעט אייך קיינער שוין מער נישט הייבן העכער ווי איר זייט
ס׳האָט זיך אונטער אייך פאַרריגלט דער שלאָס פון צייט
און פאַרחתמעט מיטן גרויסן, בלוטיקן זיגל — — —

סיי־ווי האָבן אייך פאַרטראָגן קדושים־פליגל
און איבערגעהויבן איבער געוויין און איבער געזאַנג
(וואָס איז דען אַ מיליאָן יאָרן לעבן פאַר איין רגע צאַנק
אין נעגל פון ווילדן, גרינעם שוידער ! ?)

זאָל זיין אַז איר האָט זיך ביי געראַנגל פאַרקנוידערט
זאָל זיין אַז איר האָט אַמאָל געלאָזט זיך פאַרשלינגען
אין רגע׳ס שוואַך געוואָרן, פון גיפטן געריינגלט —
זענט איר געווען אַזוי, ווי ס׳האָט אייך געפאַנגען — — —
צאָרנט איר היינט : פאַרוואָס בלויז בלומיקע געזאַנגען ?

ס׳ווילט זיך אייך וידוי זאָגן פון איבערגעשטיגענע הייכן
איר זוכט דאָס וואָרט וואָס קען אייך נישט דערגרייכן
ווייל ס׳איז קורץ אין טריט און איבערגעריסן אין אָטעם...
האָט איר — ווי אליהו דעם מאַנטל — געלאָזט אייער שאָטן
איידער איר האָט באַשטיגן דעם פייערדיקן וואָגן...

וואָרט איר נאָך אויף אַ שטילן קדיש זאָגן —
איבער אייער דאַ־געלאָזענעם פאַרגלייך
וואָס איז נישט אַוועק מיט אייך, נישט מיט אייך — — —

⁂

איך ייד ! איך ייד ! ס׳ציטערן מיר פיס און הענט
צוזאַמען מיט ברידער און חברים בינ׳ך אויך שוין פאַרברענט
טויזנט... אַ מיליאָן קוילן טראָג איך שוין אין מיין האַרץ, אין די לונגען
בלויז פון קבר אַוועקצודרייען זיך — איז מיר געלונגען...

איך ייד ! שעמען זאָלן זיך אַלע מיט קריסטוסן אין זיין קרייצנטאָגע
פאַרן מילדן קרייץ אויף וועלכן ס׳זענען אויסגעוואַקסן נעגל...
און קעגן אַ קולטור מיט געטע, פיכטע, קאַנט און שלעגל
וועל איך אייביק די בלוט־פאָן זיין, די שטומע אָנקלאגע...

ווער בין איך דען, ווער ! ? אַ מצבה בלויז איבערן אַש פון מיליאָנען
וואָס האָבן אפשר נישט דערגרייכט זייער צייט, נישט דערוואַקסן
וואָס טייל האָבן געלאָזט זיך פירן צום שחיטה־פלאַץ ווי אָקסן
ס׳איז אָבער קיין בלוט־חוב ביי זיי נישט געווען צו מאָנען...

אין די נעכט, אומרואיקע, מיט האַלוציניאַציע און אַנגסט־באַרויש
קומען פנימער בלייכע, אויגן רויטע און הענט... סקעלעטנהענט
און קינדער פון באַגנעטן צעפערטלט, קינדער דערשטיקט און געברענט
פון לופט... פון מחשבה אַרויס... געוועזן בלוט און פלייש

זיי קומען און וועקן, רייסן און שטיקן : העי, דו דאָרט !
ווילסטו אין ווינקל פאַרקריכן ? עסן מערדערברויט און קושן די רוט
ביים שפייען אין פנים זאָלסטו שמייכלען אונטערטעניק און ציען דעם הוט
און שטיקן אין זיך דעם ווולקאַן, פרעסן אין זיך דאָס איינע וואָרט ! ?

אין מינוטן אַזעלכע ווער איך איין שטיק געשריי, נערוו !
איז מיין פלייש, מיינע אברים, מיין טריט — איין שטיק דראָנג
מיין גרעסט תענוג וואָלט דאַן געווען אַריינצופאַלן אין שגעון
און אַרויספלאַצן... אַרויסשיסן מיטן גאַנצן פיין־רעזערוו...

נאָר דאָרט אין מיר זיצט נאָך איינער אַזעלכער וואָס היט
כ׳זאָל נישט צעפלאַצן... כ׳זאָל נישט אַרויסשרייען : איך ייד!
און כ׳ווייס : ס׳איז נישט אויף לאַנג, דער שטומער שוויג־באַפעל...
אַז אָט דערציטערט מיין פעדער... אָט צעפיבערט מיין קעל...

ענדע 1942.

# צו די וואָס זענען נאָכניש געבוירן...

(פראַגמענטן)

קינדער מיינע, מ׳דאַרף נישט האָבן
קיין האָר, קיין גרויע
בכדי היינט צו שרייבן א צוואה...

.1

... שרייב איך צו אייך, נאָך נישט געבוירענע
פון אונז, שוין לאַנג געשטאָרבענע, שוין לאַנג פאַרלוירענע
וואָס האָבן די צייט נישט געזען אין איר גאַנצער גרויס
און פאַרן מידן קאָפּ בלויז —
וואַרעמקייט געזוכט אין אַ ווייבער־שויס...

***

קינדער מיינע! פון וואָס זאָל איך עס אייך פריער דערציילן!?
אַז יונג בין איך אַליין נאָך און מיד שוין... מיד!
דאָס לעצטע אָדערל מיינס דיקטירט נאָך אַ ליד
אָבער די פויסט, די פויסט מיינע קען זיך מער נישט ביילן!...

אָט קום איך איצט אין מיין חרובער היים
ביי מיין שוועל האָט דער טרויער געלאָזט אַ נישט־געשריבענעם בריף
און אַוועק ערגעץ אַליין אויף אַ משוגע־צעיאָכמערטער שיף
מיטנעמענדיק אין זעקלעך מיינע שוועסטערס געוויין...

מיט אַ אויפגעריסן מויל שטייט דער קאַסטן פון וועש
ווי געגענעצט וואָלט ער נאָך שלאָפלאָזע נעכט
און אין מיטן שטוב — אַ שמאַטע־געפלעכט
צווישן צובראָכענע קריגלעך און פאַרשימלטן מעש...

זוך איך גאָרנישט מער צווישן מיינע ווענט
דער קאַסטן מיט די שריפטן מיינע איז אַוועק
בלייבן בלויז אַזעלכע ווייסע, נאָמענלאָזע טעג
אין וועלכע דו ווייסט נישט ווו אַהינצוטון די הענט...

און מאָרגן קען איך אויך שוין ליגן אַזוי
מיטן פּנים פאַרריסן ביז צו סאַמע גאָט
וויסנדיק אין זיך דעם סאַמע־סאַמע לעצטן סוד
וואָס מתים האָבן דערציילט אַמאָל אויף שטעכיק שטרוי...

היינט פלאַטערט אין דער לופט נאָך טויבע־לאה׳ס האַנט...
און גאָלדעס ווייס טיכל פון בעלזשעץ־צוג אַרויס
דער אומעט נעסטעט נאָך ביי מיר אין שויס
ווי אַ טרייער ברכה־ברענגענדער בריליאַנט

און מאָרגן... מאָרגן וועל איך אַ שטיין שוין זיין
מיט אַ רציחה־ווילן און מיט זעלבסטמאָרד־באַגאַנגענע געפילן
ווייל איך נאָך דעם לעצטן טאָג מיט זיך אַליין זיך שפּילן
און מיט די לעצטע טרערנפּערל פון מיין געשטאָרבן געוויין...

.2

כ׳פיל אייך נאָך אין זיך, ווי איר ריזלט אין מיינע בלוטן
כ׳הער אייך און כ׳וויל אייך עפּעס שרייבן, זאָגן,
כ׳וויל פאַרענטפערן זיך, פאַרטיידיקן און אָנקלאָגן
כ׳הייב אָן... און — כ׳פאַרליר זיך אינדערמיטן...

העי, אין וויפל פייערן זיי האָבן דאָס געברענט מיך שוין!
מיט וויפל מעסערס זיי האָבן מיין נשמה שוין, שטיקערווייז געשניטן
א גליק אויף מיין קאָפּ! דאָס מאָגערע ביסל לעבן האָט עס דערווייל געמיטן
קענט איר פאַרשטיין דען, וואָס דאָס איז אַזוינס!?

... קינדער, קינדער! מקנא ביז איך אייך און באַדויער אייך דערביי!
ווייל, וואָס וועט איר דען וויסן? וואָס קענט איר זען דען און הערן!?
אַז ביי אייך וועט דאָס לעבן זיין אָנגעשטעלט ווי אַ רערל;
צו דער צייט — די פרוי... צו דער מינוט — די טיי...

איר וועט לעבן און נישט וויסן די שטעכיקע אייביקייט פון אַ מינוט
אַזוי ווי מיר... אַ לעבן אַדורכצוטראָגן דורך פייער און קויל
סעקונדן אַזעלכע אין פיבער, אַדורכגעשווידערטע אין גרויל
צווישן בלייביטשן און דעם נאָנטסטן חברס בלוט — — —

הויכע צייטגרענעצן שטייען און פאַרשטעלן אַלץ פאַר אייך
און נישט איר קענט עס וויכן און נישט איר קענט עס פאַרשטיין
ביי אייך איז נאָרמאַל כ׳עסן און ביי אייך איז גלאַט ס׳געוויין
און דאָס לעבן פליסט זיך רואיק — ווי אַ שטילער טייך...

און מיר... הונט זענען מיר געווען ! מיט אויסגעשטרעקטע צונגען...
און ברויטביסנס האָבן מיר אַדורכגעפירט דורך טעג פול שגעון
און — רעדן ? אַלץ מיט געשריי ! מיט געבריל אין טאָן
אויפגערודערטע פון קלעפּ, פון ווייטיק... פון הונגער...

שווער איך אייך קינדער אַז כ'וועל אייך דערציילן, אַז כ'וועל אייך לערנען
געמען וועל איך מיין לעבן, פּאַפּירן דערפון מאַכן און אייך עס אַריבערוואַרפן
ווייל אַמאָל וועט קומען אַ צייט ווען איר וועט וויסן באַדאַרפן
פון לאַגערן... און פון טייוולאָנים אַזעלכע אין זעלנערשע קאַזערנען...

* * *

קינדער מיינע ! הײַנט בין איך אַליין... און מיט זיך פאַרנומען
כ'ווייס שוין אַליין נישט אויב איך שטאַם פון וועמען
זענען דאָס אַמאָל מיינע געווען ? מיינע נעמען ?
כ'ווייס נישט ווען כ'גיי אַוועק, ווען כ'בין געקומען...

מיין נעכטן איז אויסגעהוילט געוואָרן, פּוסט...
עפּעס אין זכרון וואַרפט זיך נאָך אין יאָמער
אַמאָל שטילט עס אין טרויער, אַמאָל שרייט עס : נקמה !
ווי אין מדבר אַמאָל — אַ פרעמדער קוסט — — —

דעם האַרץ נערט נישט מער דער זאַפט פון די בלוטן
וואָס קלאַפּט אוים אין הילכן זייערע געשרייען...
איך און ס'האַרץ — אַ פרעמד לויפן אין צווייען
און איינער ווייסט נישט וואָס דער צווייטער טוט...

יאָ, אַמאָל שטעלן מיר אין וועג זיך אָפּ —
און ווילן ביידע אַ שמועס נאָך פאַרפירן
נאָר ס'זענען אין אונז אויפגעבראָכן די טירן
און אַלץ צעלויפט זיך אין גאַלאָפּ...

כ'ווייס נישט ווען דער יאָמער וועט באַפאַלן —
ווען איך וועל אים זוכן און נישט טרעפן...
אַ פרעמדע האַנט שליסט מיך צו און עפנט
ווי שכורע זעלנער אויף וואָקזאַלן — — —

ווי איך וויל דאָס טראַכטן אַליין, באַווייגען !
מאָרגן קען קומען צו מיר דעם טויטס אַ שליח
נאָך די געדאַנקען שווייגן ווי טריבע שכנים
וואָס זענען ברוגז און פאַרטון אין זיך...

נאָר כ׳דערהער בלויז אייער געשריי פון מאָרגנדיקן טורעם
אייער זוכן אין מיינע אינגעווייידנס ציטער
כאַפּ איך ביי אַ פאַרביילויפנדיקן טראַכט אַ שפּליטער
און לאָז אים שאָטענען איבער מיין פאַרלוירענעם צאָרן

*
* *

איר וועט דאָך זיכער קומען אַמאָל צוגאַסט —
צו דעם פאַרגאַנגענעם... מיטקניען און שעלטן — — — —
ס׳וועלן אייך פעלן די נישט־פאַראַנענע מער וועלטן
מיט זייער גאַנצן טרויער און דער לאַסט...

און איר וועט זוכן, ווער ס׳זאָל אייך ביי דער האַנט אָננעמען
פירן אייך איבער שטעגן פאַרוואָרלאָזטע, אומבאַקאַנטע
ס׳וועט אייך ציען דאָס דערווייטערטע און פאַרנאַנטע —
איר וועט פאַר זיי וועלן שטאָלץ זיין, פאַר זיי זיך שעמען...

קוק איך און זע אייך דורך מיליאָנען נעפּלען אַזוינע אַדורך
כאָטש איר ליגט נאָך אין מיר און אין טויזנטער אַזוינע;
אין חלום־אָרעאָלן געהילט; געפּוצט מיט פאַנטאַזיע־קרוינען —
לייג איך מיין אויער צו צו אייער צייט און האָרך...

כ׳הער דאָס מאַרשירן פון אייערע אויסגעגלייכטע יונגע טריט
מיטן גרויסן קראַנץ פון יונג־זיין באַצירט די קעפּ
נעם איך נאָכאַמאָל מיין מידע פעדער אַרויס און שעפּ —
פון אייערע קוואַלן אַרויס דאָס ליד פון נאָכן שניט — — — —

נאָכאַמאָל גלעט איך מיין גרויסע, גרויע באָרד
וואָס איז נאָך פון אונטער מיין פּנים נישט אַרויס
ווייל ס׳איז יונג נאָר מיין אויסזען בלויז
און קיינער זעט נישט טיף אין קאָפּ די גרויע האָר...

וועל איך צווישן אייך אַ זיידע זיין, אַ קלוגער
פון פאַפירן אַרויס, טרויעריקע מעשיות אַזעלכע דערציילן...
נישט וועגן שיכעלעך אַזוינע מיט טריט אויף זיבן מיילן
נאָר פון שוואַכבאַזיגטע און גראָבע שטאַרקע זיגער...

אַ יינגער זקן וועל איך זיין! אָן שטעקן און געקניטשטע באַקן
בלויז מיט טרויער אין אויג, אָן אַ ברעקל שמייכל
ווייזן וועל איך די וווּנדן מיינע, פון באַגנעטן־שטיך די צייכנס
און זכרונות אַזעלכע... פון דייטשן... אוקריינער און פּאָליאַקן...

זאַמאָשטש 1942.

## קאַפּיטלען פון בוך:

# א וועלט גייט אונטער...

## דערנאָך...

.1

נאָך איז בלייך די לעצטע מצה אינם קויש
דערשראָקן פון טומל, פון פיינלעכן גערויש
וואָס ס'האָט פלוצים אַהער געברענגט צוטראָגן

נאָך שושקען זיך די צעטרעטענע קליידער אויפן דיל
און זשאַווער־טעפּ אין ווינקל דערציילן זיך אינדערשטיל
איבערלעבענישן אַזעלכע פון יענע פאַרטאָגן...

אויף אַ פאַרשעמטן ווינקל־טעלער גליווערט אַ שטיקל פליישׁ
מיט אַ ברוין ציבל־פינטעלע פון באַלעבאַטישן רייש
וואָס ס'האָט נישט דערגעסן עמעץ אין געאייל

און די שבת־בעקעשע — צעקנוידערט אויפן בעט
מיטן אַרבל פאַרוואָרפן — ווי אין חלשותדיקן הינערפלעט
ווען דער בעל־הבית לאָזט זי צורו אַ וויל...

און דאָרט אין ווינקל, צווישן אָנגעפלויגענעם שטויב
איבערן פאַרמיאוסטן שיריים פון נישט־דערדויבטן רויב
גאַפּן פליגן־כאָפּטעס, פאַרוואָס ס'פאַנגט זיי נישט קיינער

און אַ פּעקל — איבערגעוואָרפן אין פּיבערדיקן גיר
וואַלגערט זיך צעשפּרייט צווישן שוועל און טיר
צווישן הויפנס מיסט און נישט־דערנאָגטעביינער

אַ מויז מיט אַ פאַרגליווערטן קוק אין אויג
אין דערשרעק — ביים פאַרקיילעכטן קופּערט־פאַרבויג
דרימלט איין אין מיטן שלייכנדיקן געגען...

און אַ בריוול נישט־דערענדיקט, אויפן קאַמאָד
צו אַ קרוב, מסתמא, אין אַ שכנותדיקער שטאָט
איז דער לעצטער עדות — פון דעם וואָס ס'איז געווען...

*
**

דאָס בעט — נישט דערבעט, אין פּעדערן פאַרשווומען
צופוסנס פון אַ וואַנט, מיט אַ נאָגל אַ קרומען
אויף וועלכן ס'שטוינט אַ בילד פון אַ פאַרגעסענעם זיידן...

און דאָס טעלער־שענקעלע, פון שטיבל אין דער מיטן
אויך דאָס האָט דער צאָרן נישט געמיטן —
און איז באַהויכט מיטן באַריר פון מיליאָנען שדים...

און צווישן קויט און פּעדערן, צווישן בלאָטיקע שטיקער מעש
ביי הויפנס קנוידער־שמאַטעס, פאַרלאַטעטע וועש
ליגט, געפּעקלט נאָך, אַ טויט, פאַרשטייפט קינד

נאָך ציטערט אין דער האַנט די גומקע מיטן פלעשל
און נאַריש בלינצלט אַרום אַ אָוועקגעשמיסן גרעשל
און ס'ווייעט פאַרלוירן אַ נישט־געשפּירטער ווינט..

2.

ביי דער שוועל באַלד — אַ פלעק... אַ ברוינלעך־רויטער
האָט ווער געבלוטיקט דאָ? געפאַלן אַ טויטער?
ס'שווייגט אַלץ אַרום, פאַרהילט אין טויזנט סודות

טעפּ... שיסל און קאַמאָד — קנעכט! יעדן גרייט צו דינען
שטייען איצט אַזוי מיט זייער טויטן זינען
און לאָזן זייער פאַריתומטקייט זאָגן עדות...

און צום אַלקער־צו, ווו דער דורכגאַנג ווערט שמעלער,
וווהין בלינדע טרעפּ — שוין יאָרן! — פירן צו אַ קעלער
דאָרטן — דער הויזבעזעם און די קרומע לאָפּאַטע —

זיי וועלן שטענדיק דערקענען די גוישע שכנים, די זאַטע
וואָס האָבן אין קעלער געגראַבלט, געגראַבלט...
און ס'היטן — ווי אַ קמיע — די טויבלעכע פיר ווענט
אַ קללה... פון אַ קול וואָס זיי האָבן געקענט:
— זשידעס... גאָלד געהאַט... כאַפּט זיי דער דיאַבל...

און אין מיטן שטוב — מיט חוצפּה — אַ שטיק דייטשער ציגאַר
ליגט און חכמה'ט זיך... מיט דער הנאה פון אַ נאַר...

*
**

קענען שאַרבנס און הינער־פּעדערן זיך נישט לאַנגווײלן:
צייט איז דאָ; אַרבעט — נישט... רייסט זיך יעדער צו דערציילן
פונם געזעענעם... פונם געהערטן...

די שטוב זעסטו — דריי טעג שוין נאָך יענעם
ווען ס'האָט שדימדיק געוועט דאָ ס'גיהנם
און — שטיל איז נאָך! איומ'דיק אַז — משוגע ווערט'ן!

נאָך יאָגן אימה אַריין די אויפגעריסענע לאָדן, די געבראָכענע שויבן
וואָס ס'האָבן הענט צעשלאָגן אין פיבער פון רויבן
און ס'דראָט מיט שטום־לשון, דער פלעק דאָרט, דער דויער...

מיד טוליעט זיך דאָרט שמאַטע צום געריבענעם בעזעם
ווי זיי וואָלטן אַזוי אייביק חברים געוועזן
און טויב טוליען זיך טעפּ, אויער צו אויער...

נאָר אין מיטן שושקעניש שטומען אַלע אײַן דערשראָקן
דער ווינט שלעפּערט אײַן דעם כאַלאַט און וויגט אים אויף אַ האָקן
און זינגט אים אויס טריט־קלעפּ, וואָס קומען אָן מיט ליאַרם...

אין בלינדן קיכל טוט די טיר זיך שטורעמדיק אַ צעעפן
אַ עלטער געשיר לערנט זיך שטילערהייט טרעפן:
ס'קומט ווידער אַ פּאַלאַק... און אפשר אַ זשאַנדאַרם!?

נאָר די שפּריזן וויינען דאָרט און קרעכצן שווער
אויפן רויטן פלעק שוואַרצט פינטלדיק אַ טרער
און אויף דער סאָפע פאַלט ווער מיט פאַרוואונדיקטן געבריל — — —

שושקעט זיך בלויז צווייפלענדיק דער ווינט מיט דער קאַפּאָטע;
— ווי איז מעגלעך ? פון לאַגער גאָר... דער בן־יחיד, מאָטל ! ?
און די גאַנצע שטוב וויינט מיט אינדערשטיל — — —

.3

און ס׳דערציילט פון ווינקל איינער פון די אויסגעדינטע טעפּ :
כ׳האָב שוין לאַנג קיין טריט נישט געהערט אויף די קעלער־טרעפּ
און מיין ווינקל בין איך מיר געשטאַנען און — שוין !
אָפּגעקאָכט, אָפּגערוישט מיין בינטל יאָרן און באַקומען מיין לוין :

אינם קעלער אַ שטיקל אָרט... פאַרגעסן, נוצלאָז און אָפּגעריבן..
נאָר — גאָרנישט ! אַבי, דאַנקען גאָט, ביים לעבן געבליבן !
און די לעבער אין די זייטן, און בוידעם סיי־ווי־סיי
האָבן יעדן מינוט דערמאָנט מיך : מיין צייט איז פאַרביי...

זענען יינגע טעפּלעך אויף מיין פּלאַץ געקומען אין קיך
עמאַלירט... אין ברוינלעך־רויטע שיך
אומדערשראָקן נאָך פאַר פייער און פאַר פלאַמען — — —
געוווסט האָב איך אַז כ׳קען נישט זיין מיט זיי צוזאַמען

אַ טאָפּ בין איך... אָפּגעריבן און געלעכערט... אוים יחוס !
הויים איך : ס׳לעבן איז שוין אַזוי געשטעלט... צו אַלדע רוחות !
נאָר פון קעלער אַרויס טיילמאָל האָט מיך אַ בושה —
אַ קנאה אַרומגענומען צו זיי... די יינגענקע און פרישע

וואָס האָבן פריילעך אַ זמר׳ל צוגעפייפט אויף די פייער־רינגען...
כ׳קלער : פליש קאָכן זיי... און איך — ס׳שפּייעכץ מוז איך שלינגען !
ווער דערמאָנט זיך דען, געדענקט דען אין מיר —
אַז נייע קנעכט זענען דאָ !... גלאַנציק־גרין און ברוין־געשיר ! ?

בלויז אַ שפּין איז היימיש געוואָרן און זיך אין מיר באַזעצט
און פאַר מיין קאָפּ אַ קרוין געפלאָכטן פון אַ דינער נעץ — — —

⁂

... איז אַנומעלטן אַזוי... ליג איך און הער :
טריט... הענט בלאָנקען... אַהאַ ! זאָל מיך זוכן ווער ! ?
האָפּענונגען לעבן אויף און לעשן : אָט נישט לאַנג מיינס אַ שכן
אַ טאָפּ אין מיין עלטער... נאָר — לעבער !ביידע אויערן אָפּגעבראָכן...

האָט מען אים אַרויסגענומען... אָפּגעריבן און אָפּגעשײערט
די לעבער אים פֿאַרצינט... די אויערן אים פֿאַרנײערט
מלחמה! שמועסט'ן... יקרות... אויך אַ טאָפּ איז טײַער
און אַ גרוס האָב איך באַקומען: ער איז צוריק אַוועק צום פֿײַער...

זאָל אויך אויף מיר קומען די רײ?
שוין זע איך מיך אין דמיון ווי איך שטײ
אויף דער הײסער קיך צוזאַמען מיט זײ
און זוך בײַ יעדער געלעגנהײט מיט זײ זיך צו רײַצן:

וואָס ווײסן זײ דען, ײנגלעך! פֿון אַ קאָכן, פֿון אַ הײצן! ?
וואָס קאָכט מען דען הײנט? בײנער און גריפּן... שוואַרץ מעל
און — קינדער... די הענטלעך — דאַר... די פּנימלעך — געל — — — —
(נאָר זײ לעקן אױס אַלץ... מיט די לעפּל — נאָר זײ קראַצן...

מעגסט אַפֿילו ניט זײן — מוזטו געלעכערט ווערן... פּלאַצן!....)
און כ'דערצײל זײ אַזוי, אין די מחשבות מײַנע
וועגן סעודות און סעודהלעך, גרױסע און קלײנע
אויף וועלכע כ'האָב אַמאָל מיטגעקאָכט;

הע, שמאַלץ אַיעדן טאָג! געזונגריװון אינמיטן וואָך!...
און נאָך אַזוי און נאָך — — —
באַלד אָבער שפּיר איך ווי פֿינגער גרײפֿן מיך בײם אויער...
עמעץ שלעפּט עפּעס פֿון אונטער דער פּאָלע אַפֿויער

אין מיר שפּיר איך אַזאַ האַרטן, פֿעסטן פֿאַל...
און אונטער מיר עפֿנט די ערד זיך מיט אַ שפּאַלט — — —
כ'שפּיר אויף מיר דעם שרעקעוודיקן ציטער פֿון הענט...
(מײן אַמאָליקן בעל־הבית האָב איך אין דעם דערקענט.)

שטיל בין איך געווען — האָב איך געהערט
יעדן שטאָך וואָס מ'האָט געטון אין דר'ערד
און כ'האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן אין מיר פֿאַר שרעק:
מ'גראָבט אַ קבר פֿאַר מיר און — אַ סוף, אַן עק!

בלויז די שמאַטע אין מיר חוזקט; האָסט דען בעסערס געוואָלט?
ביזט אַ גביר איצט! צירונג האָסטו און גאָלד! — — —

*
**

אין גרוב האָב איך צײט געהאַט צו קלערן און קלערן;
כ'האָב דערקענט אין מיר די שבת־אויערינגלעך מיט די גרויסע פּערל

ס׳חתן־זייגערל פון גאָלד... די ירושהדיקע כלה־דרייפּלעך...
כ׳בין אַפילו שטאָלץ געוואָרן, אָנגעבלאָזן און שטייפלעך;

איך — דער אַלטער, שטילער און באַשיידענער שווייגער —
ביי מיר איז גאָלד און פּערל ! אויערינגען און אַ צימאַ־זייגער
אָסור מיר, אויב כ׳מאַך אַ טויש —
מיט זייער גאַנצן קאָכן, מיט׳ן פייערדיקן גערויש — — —

— — — ביז ווידער שפּיר איך איינמאָל טריט איבער מיין קאָפּ :
„העי — הער איך — כ׳ווייס... ס׳איז באַגראָבן אין אַ אַלטן טאָפּ...״
איבער מיר וואַקלט זיך אַ פרעמדער, בלאָנקענדיקער גאַנג
ציטער איך און באַגיס זיך מיט דיקן אַנגסט...

כ׳הער : שעלטערייען... שפּייען... בייזע, פרעמדע קללות...
פון ווייטנס ערגעץ — טויבע געשרייען... ווייבערשע יללות —
און איבער מיר עפּעס — גראָבט... זוכט עס און ס׳זוכט...
ווידער אַמאָל האַלטן מיך הענט; איבער מיר שעלט עס און ס׳פלוכט

גראָבע פינגער־נעגל גראַבלען זיך אין מיר... אוי, די שמאַטע ! ! !
מ׳וויקלט... רינגלעך ! פּערל ! שטיינדלעך געהילט אין וואַטע...
גיריק און שווער סאָפּעט איבער מיר אַ אָטעם :
„ז׳פּאָוראָטעם ! ז׳פּאָוראָטעם ! — — — *)

און צווישן אייך דאָ אַזוי, קוויטיק און אָנגעשפּיגן
האָט׳ן מיך אַרויסגעטראָגן און אַזוי געלאָזט מיך ליגן...

4.

ס׳האָבן יעצט מאָטלען אַלע אין שטוב דערקענט;
די בעטן און די סאָפע, די אויסגעקאַלעכטע ווענט...
אַלע האָבן באַקומען איצט לשון און געהער
אַלע רייסן זיך צום וואָרט, צו דערציילן וואָס מער

פאַר דעם איינציקן וואָס איז נישט געווען דאָ און צוריקגעקומען...
פון וואַנעט האָבן טעפּ און קליידער אַזויפיל לשון גענומען ! ?
אַזוווי זיי, די וואָס מ׳האָט געשלעפּט אין שרעק
וואָלטן זייער שפּראַך דאָ געלאָזט אין פאַרשטעק

און אַליין אַוועק מיט שטומקייט אויף די ליפּן — — —
אויף די טעלער איז געבליבן אַ רעשטל פון מיידליש כליפּען
אויף דער קאַמאָד ליגט אַ היימישער, נישט דערשריבענער סוד
בלויז דער אָפּענער סידור טענהט ווידער אויס זיך מיט גאָט — — —

*) אין פּויליש : צוריק !... צוריק !...

...ס'איז פוסטער געוואָרן דאָ אין שטיבל, ליידיק...
חפצים אַ סך האָבן מיטגעשפּאַנט מיט דער עדה
אַריינגעקנעטן זיך אין דער שווערער משא פון לעצטן געוויין — —
נישט אַלע וועלן ביז צום לעצטן טריט דערגיין

מ'וועט זיי צוטרעטן אויפן וועג, פאַרלאָזן זיי מיט צער...
נאָר מענטש בלייבט ביז צו דער לעצטער מינוט אַ נאַר —
שלעפּט ער... ווי ס'וואָלט אַ שטיק געווען פון אים...
און די שטומע פריינט האָבן זיך געלאָזט בינדן מיט רימען

און געלאָזט זיך אַרויפליייגן אויף פּלייצעס דערשראָקן...
מיט יעדן טריט האָבן זיי זיך אַנגסטיק מיטגעשאָקלט —
אפשר האָבן אויך זיי מיטגעשריגן מיטן פאַרהוילענעם מויל
אַזוי ווי אויך זיי וואָלט געדראָט דער גרויל — — —

אפשר אויך מיטגעיאָמערט די לעצטע אַרומגעצוימטע וידויים
ווי יידישע חפצים וואָס זענען אַוועק מיט יידן — — —
נאָר דאָ ליגן די, וואָס זענען נישט אַריין אין זאַק
וואָס מ'האָט דעריזען, ווען ס'איז שוין פאַרשנירט געווען דער פּאַק

אָדער ס'איז קיין צייט נישט געווען צו נעמען זיי אין האַנט...
ליגן זיי און קנוידערן זיך פון שאַנד —
וואָס מ'האָט זיי, ווי שותפים, צו דער אימה נישט מיטגענומען...

און שפּעטער, ווען זיי, די שכנים זענען געקומען
און גענישטערט... געשלעפּט וואָס ס'איז אין האַנט געפאַלן
האָט אויך אויף זיי זיך נישט געפונען קיין בעלן
אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט ווערט געווען, דעם יידישן גורל צו טיילן...

רייסן זיי זיך יעצט אַלע צום דערציילן
אויסצוקלאָגן פון זיך דאָס יתומשע זען און הערן
ביז צום לעצטן פאָדעם, ביז'ן גאָרנישט ווערן...

*
**

און ס'ווייסט צו דערציילן ס'זיידענע, צעריסענע קלייד :
גאָרנישט האָט מען געוווסט... זיך נישט געפּאַקט און נישט געגרייט.
געשמועסט האָט מען אין שטוב : ווייסעך וואָס... מ'טרייבט !
נאָר — יידן ! אפּקורסים גאַנצע געוואָרן... נישט געגלייבט...

— וואָס ווייסט מען דאָרט ! האָט משה שכן אַ מאַך געטון מיט ביטול
מ'ווייסט שוין : אַ רינגל... געלט... אַ אַלט, אויסגעפּרווט מיטל !

אַנדערע האָבן גלאַט פֿאַרשטאַנען: ס'איז שוין אינגאַנצן הפקר דען!?
און אַז מ'וועט די געפֿאַנגענע... זיינע דאָרט אין „פלען" ?...

בלויז ביינאַכט ווען ס'האָבן פֿאַרביישפּאַצירט פּאַטרולן אַזוינע
פינסטערדיק־גרין, גראַנאַט־מונדירן און ברוינע
און די לאָדנס האָט מען צו די שייבלעך צוגעהעמערט

האָבן דאַן די געבליבענע צוויי שוועסטערן שטענדיק די זעלבע טעמע:
אַז מ'קען גאָרנישט וויסן... אַזעלכע קענען אַלץ באַווייזן!
דאַרף מען וואָס מ'קען פֿאַרקויפֿן צו די לעצטע פּרייזן
און אַ ביסל געלט זאָל זיין אין שטוב, אויף יעדן פֿאַל...
די בעסערע קליידער האָט מען איינגעפּאַקט אין דער געשטאָרבענער
מאַמעס שאַל
און אַוועקגעטראָגן צו אַ באַקאַנטן קריסט אויף „יענער" זייט;

ס'זאָל הייסן פֿאַר זיך אַליין: מ'האָט זיך צוגעגרייט...

... האָבן זיך אָנגעהויבן דערנאָך לאַנגע, נודנע טעג
ווען ס'עפֿנט זיך יעדע מינוט די טיר און אַ קאָפּ טוט אַ פֿרעג:

— זיי ווילן נישט עפּעס פֿאַרקויפֿן, די זשידקעס פֿון דאַנעט ?
און גאַנצע טעג מיט דינגעניש... אויף די פּרייזן נישט באַשטאַנען...
— וואָסי ? וואָס האַלטן זיך די זשידקעס אַזוי אין גרויסן ?
זיי רעדן אַפילו אידל... מ'דאַרף זיך בלויז אָנשטויסן:

ס'איז נישט יענע צייטן! אַזויפֿיל ווילן זיי! וואָס הייסט: זיי ווילן!?
ווייסן זיי נישט וואָס ס'איז היינט ? אַז אַ מציאה איז יעדן גילדן —
וואָס מ'גיט זיי פֿאַר אַ קליידל, אַ שמאַכטע אָדער אַ וועלכענע זאַך...
וויל... המ... ס'גאַנצע לעבן זייערס, יאַ־יאַ, איז אויך נישט ווערט קיין סך.

און מעשה'ס אַזעלכע... פונוואַנעט ווייסן זיי אַזוי געניי צו דערציילן!?
„זי, זעסטו, כאָטש אַ זשידוווקע, איז אַ גאַנץ היבשע פּריילין —
וואָלט זי זיך נאָך געקענט ראַטעווען... אויפֿן דאָרף זיך באַהאַלטן..."
אויף וואָס דאַרף זי דאָס! ? נאָך אַ קליידל! נאָך אַ פֿאַלטן! ?...

זאָל זי פֿאַרקויפֿן! נעמען וויפֿל מ'גיט און — עסן... לעבן כל־זמן מ'לאָזט...
ווייסן זיי דען נישט, די יידליקעס, ס'אַראַ ווינט עס בלאָזט ?..."
ס'האָט נישט איינמאָל אַפילו אַ גרים געטון אין די געדערעם
ווילסט יאָ, ווילסט נישט — מוזטו דאָך קלערן!

אַז אַלע שמועסן דאָס זעלבע: מ'וועט... און מ'עט...
גויים זענען גרייט אַפילו צו גיין אין געוועט — — —

האָט מען זיך קוראַזש געמאַכט ; מ'ווערט נישט פֿאַרפֿאַלן!
טרייבן ? מילא, דערמיט פֿאַרלירט מען נאָכנישט אַלעם

הענט זענען דאָ — וועט'ן אַרבעטן ! ס'שטיקל ברויט זיך פֿאַרדינען
איינער מיט זיין פֿאַך... אַנדערע ביי שווערע, פֿרעמדע מאַשינען
דערצו : אַ ביסל געלד... אַ געבערענגט חפֿץ... אַ ווייסעכוואָס...
פֿאַרקויפֿט מען און מ'צערט צו... אַבי נישט דער איינער שאָס !...

נאָר זיי, די ערלים: אי די פּיסקעס ! אוי, די ווערעמדיקע צונגען !
אינמיטן דערינען, ביי קליידל קויפֿן.. אינמיטן פּרייז זיך דינגען
שיסן זיי אַריין : אי, זשידקעס ! נאַראָנים גרויסע איר !
און זיי ווייסן באַלד וואָס ס'האָט געזאָגט אַן אָפּיציר :

— די יידן?... כּי כּי, פֿאַר די יידן האָט מען שוין אַ אָרט גרייט...
איז וואָסזשע, פֿאַרקויפֿט זי יאָ אָדער נישט דאָס קלייד ? — — —
גליב זשע יאָ, גלייב נישט — אַזויפֿיל רעדן נישט פֿון דער העלער הויט
און דאָרט אונטערן לעפֿעלע טיאָכקעט... נאָגט עס צום טויט...

פּאַקט מען שטילערהייט אַ פּעקל... ס'וואַקסט אַרויס אַ פּאַק
אַ ביסל טראָגט מען אַוועק צו אַ באַקאַנטן אין אַ זאַק :
זאָל עס ביי יענדרוכן ליגן ! זאָל זיין וואָס צו מאָנען...
און — אַבי יידיש האָב צו האַלטן — זענען דאָ בעלנים

מכלומרשט ; אַ טובֿה.. ר'האָט מורא... נאָר מילא...
נאָר דעם באַדויער שפּאַלט אַדורך אַ פֿריילעכס
און שטילערהייט שמייכלט מען אין די נאָזלעכער, צופֿרידן:
— מ'וועט דאָך זאָוויזאָ אומברענגען זיי אַלע, די יידן...

... און ביינאַכט האַלט מען דאָס אָנטועכץ גרייט ביים בעט :
מיט אַ ציטערדיקן אַנען : טאָמער ס'וועט — — —

.5

און ווייטער געדענקט ס'זיידענע קלייד : אַ פֿאַרטאָג !
עמעץ האָט אַ נייעס געברענגט איבערן געטאָ צוטראָגן:
די אויסגאַנג-געסלקעס אַרום זענען אַלע באַוואַכט...
פֿאַרשטאַרקטע קאָנטראָלן... דאָפּלטע פּאַטרולן אַ גאַנצע נאַכט...

און צילקע, ס'אַכצניעריקע מיידל מיט די געפֿלאָכטענע צעפּ —
האָט די שראַנק איבערגעקערט... די שיסלען... די טעפּ...
אַ שרעק אַזאַ פֿון אַ מיידל פֿאַר געסלעך געשלאָסענע !
...אינדרויסן הילכט דער אויפֿשריי פֿון ערשט-דערשאָסענע :

מ׳יאָגט אַרויס... פינף מינוט סך־הכל גיט מען צייט...
מ׳שלעפּט אין העמדער... באָרפיס... ווי מ׳גייט און שטייט...
פיבערן הענט.. וואַרפן.. זוכן שנעל : וועלכעס נעמען ! ?
נאַטורן אַזעלכע: זלאַטע, די עלטערע, זוכט אַ קאַם זיך צו פאַרקעמען

און אַ שטיקל פון שפּיגל, וואָס צילקע האָט צובראָכן...
מ׳קען אַמאָל — זאָגט זי — טעג אַזוי פאָרן און וואָכן —
מוז מען דאָך ווי אַ שטיקל מענטש אויסקוקן...
און זי שפּיגלט אויך דאָס פּעקעלע אויפן רוקן — — —

נאָר די צווייטע, צילקע, לאַכט שוין איצט הילצערן און געפרוירן:
כ׳האָב געוווּסט — זאָגט זי — אַז מיר זענען ביי „אים" פאַרלוירן
און כ׳האָב געוואַרט און אַזוי געשראָקן זיך; ווען שוין ? ווען ?
איז — גאָרנישט : פּטור ! געקומען דער מאָמענט...

און ביידע פאַלן זיך אין די הענט... קושן זיך און שרייען
ווי ס׳וואָלט מעגלעך געווען צוזאַמענצוּוואַקסן אין צווייען...
נאָר זי, צילקע, נאָך איין רעכנונג האָט זי אין לעבן צו מאַכן:
די זאַכן ! אויף וואָס דאַרף מען אויף דער וועלט נאָך זאַכן ! ?

זע נאָר ווי אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן קענען נאָך ווערן גרעסער!
און זי זוכט גאָר ! וויי איז מיר ! זי זוכט אַ מעסער !...
ביי זלאַטען נעמען פיבערן שווידערדיק די קנעכל:
משוגע געוואָרן ! ווען מען גייט זי דאָ דערשטעכן ! ? — — —

נאָר שוין פאַלט דאָס פּעקל אירס אַראָפּ אין קויקל
און וואַלגערט זיך ווי אַ אָפּגעשניטענער הויקער...
... אויפן אויבערשטן ,גאָרן שטיוועלען זיך שוין טריט פון דייטשן...
אַ שאָס־הילך פּויקט אין שויב... עמעצער שרייט שוין...

דאָס קליינע קינד ביים שכן שנײדט די לופט מיט אָנזאָג...
נאָר צילקע : נישטאָ זיך וואָס צו יאָגן !
דאָס שוואַרצע קלייד וווּ איז ? זלאַטע ! זלאַטע ! ! ?
אַ מיידל זאָל גאָר אין זינען האָבן אַ שמאַטע —

ווען שאָסן ברענען זיך אַריין אין בלויעם לייב פון טאָג — — —
נאָר צילקען האָט עס יעצט אין אַ אַנדער וועלט פאַרטראָגן :
— האָסט געהערט נעכטן? דער גוי... וואָס ר׳האָט געזאָגט דער גוי:
„כ׳וועל עס האָבן !" ,,אַזוי געזאָגט... „אַזוי צי אַזוי..."

און ער שטייט אפשר און וואַרט ווען מיר וועלן אַרויס — — —
איז עס איר אין דער האַנט אַריין געקומען אַצינד !...

אַלץ אַרום איר איז יעצט טויב, שוואַרץ און בלינד
ביי דער שוועל פאַלט אַראָפּ דעם שכנס שרייאיק קינד

וואָס עמעץ האָט אַריינגעשמיסן אין אַכזריותדיקן געשווינד
און אַוועקגעלאָזט זיך זאַמלען הנאה פון געוויין — — —
זלאַטען בריט שוין דער טריט צום לעצטן גיין
נאָר צילקע רייסט נאָך אַלץ און פליקט... מיט די נעגל... מיט די ציין

פונוואַנעט אַזאַ ווילדער כעס ביי זיידענע, יידישע טעכטער ! ?
אַז שוין ביים קאָלבע־קלאַפּ, אויף יענער זייט שוועל
בלאָנקעט נאָך דער לעצטער רים אויף דער שנעל ! ?
שטיל... „כ'וועל עס האָבן!"... גייט אויס אין סם אַ געלעכטער — — —

.6

ס'האָט נאָך עפּעס דער בלוט־פלעק אויף יענער זייט צו זאָגן :
פונם דאָרף ערגעץ האָט עס לייבישן געברענגט צו טראָגן...
ר'האָט געהערט אַז אין שטאָט איז עפּעס... עמעץ זאָגט :
— די זשידקעס ! ווייסט דער טייוול, ווו זיי ווערן דאָס פאַריאָגט ;

פון די בעטן שלעפּט מען זיי... נאַקעטע... און אַלטע, אַלטע לייט!..."
האָט לייביש מער נישט פאַר דעם דאָרף קיין צייט :
טאַטע־מאַמע — זקנים ! ווען די מעכטיקע פּלייצעס זיינע נוצן!?
קעלבער, זעק מיט תבואות אויסגעטראָגן היינט אין די טוצן —

וועט ער זיי אויף די אַקסל נעמען און — ביז עק וועלט !
...פון וויטנס איז שוין עפּעס צו דערקענען... דער שאָסיי איז באַשטעלט !
נאָר — לייביש ? לייביש פּנוויקער ! וועמען וועט ער פרעגן ! ?
אַז די בעסטע חברים זיינע זענען די אונטערוועגן!...

און די שאַרפע אויגן זעען שוין ביים הויז העלמען און געווער...
שאַ, ווער הינקט עס דאָרט אויפן שטעקן אַרום ? האַ, ווער ?
מיליאָנען געדאַנקען־וועבענישן צערעווען זיך אין אים : דער טאַטע!
אַלץ אין אים קאָכט און לעשט זיך, ברוזיט און משאַטעט :

וואָס וועלן זיי מאַכן מיט אים דאָרט, די באַנדיטן ?
נאָר ביים טאַטן דאָרט ווערט ביי די ערשטע טרעפּלעך שווער דער טריט
און אַ קאָלבע, אַ נאַגייע האָגלט איבער אים און האָגלט...
און — לייביש ! וואָס ? זיין טאַטן וועט מען שלאָגן ! ?

— און דאָס ברייטע, ברילאַנטענע האַרץ פאַרלויפט מיט בלוט און שוים —
לויפט ער... אָבער לויפט ! ער ציט דעם אָטעם קוים

און וואָס די הענט זיינע כאַפּן ווייסט ער אַליין נישט קלאָר — — —
— ווּעמען ? וועמען האָט עס דער ייִד דערלאַנגט אַזאַ פּאַרפּאָר ?

עס גאַפּט פאַרשטומט דער צעהילכטער תוהו־ובוהו
און עס צינדן יובעס זיך אויף פּנימער רויע — — —

***

אַ מעשהלע אַ פשוט'ס... נאָר וויפל מעשהלעך אַזעלכע האָט
גערישנט פּוילן ?
פון אַלע הייזער איז בלינד געווען דער גאַנג ווייל די שחיטה האָט
אַזוי באַפוילן
נאָר אויף נייִשטאָט — אין זאַמאָשטש האָט אַ לייביש דאָך באַוויזן
אַ גאָלע פויסט צו הייבן קעגן באַוואָפנטן פאָלק פון שפּיזן

און דער פלעק נעבן יענעם הויז וועט אויך אַזוינס דערציילן
צווישן מעשהלעך פון טויט און איומדיקע גרוילן — — —

# און אַזוי איז עס צוגעגאַנגען...

1.

איבער איזשביצע, לובלין און פּיאַסק — שוין לאַנג
האָט די בלוטיקע קאַסע איר מענטשנסנאָפּעס־שניט געשניטן
בלויז זאַמאָשטש... די שטאָט ביים ראַנד —
מיט שוחד, מיט געוויין... האָט'ס דערוויל געמיטן...

אומרואיק איז מען סיווי... אַז — יעדן שטאָט ! יעדן שטאָט !
נאָר לומדים יידן, וויסער און אַדוואָקאַטן קלוגע —
פּשטלען זיך, באַווייזן קלאָר, אַז אין זאַמאָשטש גראָד —
זיינען זיי נויטיק די יידן ! אָט האָבן די מאַכטהאָבער די הינגע —

ביז איצט דערפאַר אָפּגעהאַלטן : אַ פּליפּלאַך... אַ געביידע...
דערצו נאָך „לא יחרץ"; עפּעס דעם און עפּעס יענעם
און דערפאַר אַ פאַרזיכערונג : „וועגן אייך איזט קיין ריידע"...
אַי אַנדערע שטעט ? זאָל די גאַנצע וועלט אפילו ברענען !

דער פּרעזעס פון יידנראַט, אַ חשובער אינזשעניער פון „דאָרט" —
ווייסט איינס : ואשלחה !... מתנות, יידן... מתנות !
אַז ער זאָגט — ווייסט ער דאָך בעסער פאַרט :
גאָלד ! דאָס בעסטע צו פאַרווישן בייזע כוונות...

⁂

ס'האָט די סכנה אַ שוועב געטון איבער די קעפּ
און געלאָזט אין דער לופט איר בייזן אָטעם
האָט דאָס האַרץ איר נאָכגעשפּירט מיט הויכע קלעפּ
און דערזען, אומעטום, אין שרעק איר וואַכן שאָטן

ס'לאָזן דער שכל און ווילן אויף טרייסט־האָקנס זיך פאַנגען
און פאַרזינקען אין די נעצן פון ליגנטן קרישטאָל
נאָר ס'האַרץ איז שטענדיק מיט די דראָענדיקע קלאַנגען
באַטש עס ווייסט אַליין גישט : טאָ וואָס זאָל מען טון ! ?

2.

אָנגעפּראָפּט אַ שטאָט דאָ מיט מענטשן אַלערליי —
געבּרענגט זיי צו שלעפּן פון אַלע עקן לאַנד
און פאַרקירצט די יידנגאַסן, ריי נאָך אַ ריי
כאָטש נעמט און דערשטיקט זיך אין ענגעניש בּיינאַנד — — — —

נאָר יידן וואַקסן אַריין איינער אינם צווייטנס שטוב
מ׳צאָלט פאַנטאַזיע־סומעס גויים פאַר די שטאַלן
מ׳ווילצלט זיך נאָך : ווי געפעלט אייך מיין קלוב ?
און בּטחון נאָך : נאָר בּיי זיך נישט פאַלן ! — — —

מ׳לאָזט נאָך קריסטן דאָרט זיך דרייען פריי אַרום
די געסלקעס פון געטאָ — נאָך אַלץ נישט אַרומגעצוימט...
אַ גוי, אַ באַקאַנטער... אַז ער קען נאָר — קומט...
און גייט אַוועק צופרידן, הייטער־אויפגערוימט...

ס׳איז גוט אַזוי פאַר זיי וואָס יידן דאַרפן עסן —
און בּיי זיי איז מעל פאַראַן, גרויפּן און קאַרטאָפל...
— וואָס טויג זיי געלט דען היינט — אונטער דייטשע שלעסער ?
דאָס צירונג פאַר אַ בּרויט ! לאַקירענע פאַנטאָפל...

פּויערים פון די דערפער קומען אָנגעלאָדן —
בּרויט און פונטן פּוטער איז בּיי זיי פאַראַן !
און טאַפּן דערבּיי ס׳מעבל... ווילן די שענסטע בּגדים...
אַ מבין געוואָרן אויף סחורה, שנעל אַזוי — סטעפּאַן !

ס׳שמייכלען קאַלט די וואָנסעס מיט כיטרען פּויער־ישוב;
פון זיינעטוועגן, מילא... ס׳קען זיין דער פאָרטעפּיאַן...
און די פערד אין דרויסן הירזשען, פון מיוחס־געוואָרענעם כשוף
און רייסן זיך צופרידן פון פּויערישן געשפּאַן — — —

און טאַקע !... הערט און זאָגט אַליין :
ווער דאַרף דען היינט נאָך שפּילן, ווען פּחד איז דאָ גרויס ! ?
זאָל איוואַן אַוועקפירן דאָס קלאַווירענע געוויין —
און זאָל עס דאָרט פאַרקרעכצן דאָס אויסגעצירטע הויז...

*
**

זיי קומען מיט דאָרפישע שליטנס —
זיי קומען און דאַרפן דאָ אַלץ...

פאַרקויף זיי דיינע שטאָטישע זיטן
דאָס לעבן באַצאָל זיי פאַר זאַלץ...

די שטוב איז געטאָרבט מיט פאַפּירן
יעצט גיב זיי שפּיגלען, דיוואַנען...
ער וועט זיי אַהיים שוין דערפירן —
די מלחמה — זי דינט דאָך כסטעפּאַנען — — — —

ער וועט זיך באַבלומען דעם דיל —
באַשפּיגלען די ליימיקע ווענט
די טאָכטער וועט לערנען קלאַוויר
און איידלען אין פאַרפום די הענט...

זאָלן יידישקעס קומען אין דאָרף —
אויב מ'וועט זיי צום לעבן באַשערן
אַקערן און זינקען אין טאָרף —
די הענט זאָלן פאַרגרעבט ביי זיי ווערן...

דאָס געלט וועט ער פירן אין באַנק
און קויפן פאַר גראָשנס די הייזער
פאַרוואַרפן דעם דזשעגעכץ־געשטאַנק
און לערנען אין פאַנטאָפל זיך שפּרייזן — — — —

נאָר — יידן זענען אַלץ נאָך פאַראַנען !
כאָטש ס'קלינגען די שמועות און קלינגען
מוז מען די פורלעך נאָך שפּאַנען
און מאַכן פאַרמעגנס פון הונגער...

.3

שוין אַלץ דאָ געמאַכט געניי, ווי אומעטום מסתמא
אויפגעשטעלט פּאָליציי, מיט געשריי־רויטע היטלען...
ס'קאָסט ביים „פאַן פרעזעס" אַ נישט־קליינע סומע
אָדער פּראָטעקציע... און אַנדערע מיטלען...

עס וואַקסט אויס ווי שטעכעכץ אַ שטאַב דאָרט מיט ווערעם
פּאָליציי און באַאַמטע — „פאַר יודענראַט נויטיק"...
פון שטעט אין דערווייטנס — געשמעקט שוין... געלערנט —
און אַלץ איז געגרייט... קליפּער און צייטיק...

באַשטעטיקט בפירוש אין דייטשע ביוראָען
באַסטעמפּלט מיט רויט פון געסטאַפּאָישן זיגל...

שפּרייזן זיי אַרום מיט טעמפּער הנאה
וואָס אויף זיי איז פאַרשפּרייט דער האַקנקרייץ־פליגל

זיי נעמען שוין שוחד און טראָגן שוין שטעקנס
קענען שוין שלאָגן און טרייבן פון דירות...
זיי ווייסן וויאַזוי צו האַנדלען מיט שרעקן
פאַרקויפן אויף ברעקלעך און מאַכן עשירות — — —

אין אונטערוועלט־לעכער, אין אַסימילאַנטישע היימען
האָבן געטייעט די הערשאַפטס־חלומות
און ס'האָבן דערפרייט זיך די צוויטיקע שליימען
צו שטעלן זיך צום רוף פאַר שטעכיקע צוימען...

זיי גייען, עס דוכט זיך איבער די קעפ
זיי קוקן אויף מענטשן נאָר ווען זיי מוזן
זיי שפּיגלען זיך דורשטיק אין די גלאַנציקע קנעפ
און שעפּן פון דאָרטן מאַכטיקע העזה...

און יידן זיי גייען, שטיל אין דער זייט —
מען מיידט זיי אָדער מ'האָט פאַר זיי גאָר דרך־ארץ...
„אַמאָל אויך דער פוקס — האָט זיך זיין צייט" —
ראַטעוועט אַ מאמר די ערע — — —

*
**

נאָך אַלץ נישט אַרומגעצוימט דעם שטח
וווּ יידן דאַרפן פאַרקאַסטנט ווערן —
דרינגען מענטשן אַז : מ'זעט דאָך...
דאָ האָבן זיי אַ עסק, אַ שווערן...

ס'איז דאָ די גרענעץ פון רוסלאַנד נישט ווייט
עס ציען און קאָלאָנען...
ס'ברענגען די שלאַכטן, מ'דאַרף דעם שאָסיי
זיי וועלן דאָ פאַרמאַכן נישט קאָנען — — —

מ'דינגט אָפּ די ראיות פון וואַרשע און ווו...
ס'איז נישט... עס איז נישט צום גלייכן !
מ'וויל זיך מיט רייד פאַרשטאַרקן די רז —
ווי דייטשן וואָלטן געפרעגט נאָכן שכל...

עס קומט אויף אַמאָל אויך אַ געדאַנק :
אָפּן... דאָס איז דאָך נאָך ערגער !...
עס הייסט דאָך — זיי מײנען גאָרנישט אויף לאַנג — — —
נאָר ספּיקות, זיי מוז מען דערוועגן...

.4

...און דאָרט, אין די שטאָקיקע מויערן פון לובלין
קריצן מיט כעס די פּעדערס, זינגען שרייבמאַשינען : אויס דערמיט!
מ׳לויפן שוין פּאַפּירן, האַלב־אָפּגעלאָזן און פּאַרטון :
זאַמאָשטש ! אַ פּאַפּירן מעסער פאַרן קייזער־שניט — — —

מ׳שלאָפן נאָך טויזנטער אונטער די אונטערטעניקע דעכלעך פון געטאָ
מ׳ווינט נאָך מיט ווייבער דאָרט און מ׳שמייכלט צו מיידלעך נאָך אַזוי
פון געוויינשאַפט מעלה־גרה׳ן סוחרים נאָך : ברוטאָ... נעטאָ...
און פאַרטאָג, בגנבה, טאַפּט מען נאָך אַ זעקל תבואה ביי אַ גוי...

אין די ביוראָס האָט מען צייט און מ׳גרייט זיך ווי צו אַ שלאַכט;
מ׳ועט נישט פאַרזוימען! דערוויל דאַרף מען אויספּרעסן וואָס מ׳קען !
דער דיקער מעדאַל־שעף — נאָר ער לאַכט :
— וואָסי, מיינע ליבע שטאָט־יידן אַנטלויפן דען ?

נעמט מען דערוויל אויף גמינע־דעלעגאַציעס: וואָס קען עס שאַטן?
„זיי זאָלן נאָר קיין אַנגסט נישט האָבן!... אַלץ איז ליגן! ליגן!"
אַ געשיכטע — ווי טראָפּנס וואַסער ענלעך — ביי אַלע יודענראַטן:
המנ׳ס גזירות... נאָר — אַ דאַנק דעם פּרעזעס : מ׳האָט זיי אָפּגעשריגן !

און אין די נעכט — אין קהילה — נאָר מ׳שרייבט און מ׳שרייבט :טאָמער...
אַ מעשה דיר... טאָמער מוז מען װעמען שיקן... איז — די שנאָרער !
קומען ווייבער... רייסן די האָר זיך אין משוגענעם געיאָמער...
שרייען... און קושן די הענט פון יעדן קהלס־פּאָרער...

נאָר זיי — גזלנים קאַלטע ! מ׳שווייגט אָדער מ׳שטויסט אַוועק
אַ ליסטע פון „אָפּגעהיטענע" גרייט מען : צאָלערס... קאָנטריבוציע־געבער...
די האָבן נאָך מיט וואָס צו היילן זייער שרעק
און מ׳קען פון זיי אַרויסנעמען די לונג מיט דער לעבער...

— זיי קען מען לאָזן אויף צולעצט ! — פּסקנט שלום ציבעלע במתינות...
אַ געוועזענער דאָרף־לויפער... יעצט פאַרבינדונגס־מאַן מיט „זיי" —
און קהל ? מ׳האָט דען ביי עמעצן געפרעגט מבינות ?
תקיף בלייבט תקיף — און אַ האָן טוט נישט קיין קריי...

און שלום קען ס'שטעטל ! און די וועלט, האַלט ער, קען ער אויכעט :
„— אַ יקרות וועט זיין... די קבצנים וועלן סיי־ווי פון הונגער שטאַרבן..."
און ער לאַכט פון גאָלדשטיינען, דעם בטלן וואָס איז פאַרמחט :
„גלייב מיר ס'אַנ'עברה זיך דעם אַפּעטיט צו פאַרדאַרבן..."

און אויף דעם מילכיקערס זון — ווען מ'דערציילט אים אויפן אויער :
— דער חברה־מאַן קומט פון לאַגער... און וועט דאָס אַלץ פאַרשרייבן...
שמייכלט שלום אַזוי זיך... זים און זויער :
— גיי שוין... ער וועט דאָ אַזוי לאַנג זיכער נישט אַנטרייבן...

... געלט ! ווו האָט זיך אַזויפיל געלט דערנומען ביים עולם ! ?
מ'פּרעסט ! מ'זויפט ! און דערביי זענען דאָ אַזויפיל הונגעריקע רייען !
נאָך אַ ביסל זופּ פון קעסל.. אַ רויע קאַרטאָפל און אַ קילאָ קוילן
ווי די וועלט דאָ וואָלט זיך איינגעשפּאָלטן אויף צווייען — — —

און דורך די פענסטער קוקן די ראַטניקעס אויף די רייען
און פליסטערן מיט זיכערקייט : נאָך אַ טאָג ! נאָך אַ טאָג !
זיי שטייען די שנאָרער ! ? מילא, וואָס — זיי שטייען !
זיי פאָרן אַלע מיטן ערשטן צוג — — — "

נאָר דאָרטן נעמט מען צו די ליסטעס פונם פּרעזעס
מיט אַ קילקייט, וואָס פאַרדעקט אַ געלעכטער;
אויב דו האָסט אויגן, קוק און לעז עס :
— אויך איר וועט גיין... מיט אייערע זין און טעכטער — — —

# און אַזוי האָט אַ שבתדיקע עדה

# אַוועקגעשפּרייזט צו גאָט...

.1

אחרון של פּסח. תש"ב. קנייטשן מח־יידן ביי בערעלע ווײַנמאַכער אין מנין די פּסוקים
מ'זוכט... איז קיין נייעס אין בלאַט נישטאָ — זוכט מען אין תורה, אין רמזים:
ר' יואל !... לויט ווי ס'שרייבט דער זאַמאָשטשער מקובל און טרייבער פון דבוקים
וועט מען שוין ביי אים, אם ירצה השם, קיין שופר נישט בלאָזן...

און דאָ איז ערשט פּסח־צייט... און מ'זאָגט... אוי, מ'זאָגט דאָך פּאָרט !
געקומען אַ ייִנגל פון פּיאָסק... באָרפיס, אָפּגעריסן : ער האָט געזען אַליין !
„בעלזשעץ" — זאָגט ער... און דערציילט אַזעלכעס וואָס קען אויפטרייסלען אַ שטיין...
נאָר — ייִדן... טרייסט מען זיך און מ'שרייט אויף אים אָן : ווייסעך וואָס דאָרט !

אַ משוגענער דאַרף מען דאָך זיין אַלעמען אַזוי אויסצוהערן :
וואָס הייסט ? נעמען מענטשן, שטעט גאַנצע און — גלאַט אַזוי!... סתם זיך אַזוי — — —
כאָטש — פאַרטאָג, ביים ערשטן אויפשפּראָץ פון ייִנגן טוי
האָבן העלמען אַלע קרומע אָדערן פון שטעטל באַשטעלט מיט געווער...

*
**

פליק... פליק... פליק... ווי שוואַרצע ראָבנפּיסקעס וואָלטן געפּיקט דעם ווייסן טאָג
אין די גאָלדן־שבתדיקע שלעפן זיינע... האַ, וואָס שיסט עפּעס דאָ אַרום ! ?
נאָך איז רואיק דער טאַטע... גיסט אָפּ די נעגל זיך פרום
און דורכן פענסטער־שפּאַלט בליקט ער צום טויטן געסל־רוג.

— „נו־אָ!" ברומט ער אין שטוב אַריין... ס'הייסט : גלאַט איז עס נישט אַזוי!
אָט לויפט אַ פאַרוויינט ייִנגעלע פאַרביי... אַ קינד רייסט זיך ערגעץ נאָענט
און פון דאָרט, דער גרעסערער גאַס, ביים סאַמע מאַרק־פראָנט
שרייט עפּעס צעשויבערט אַ האָר־צעפּלאָשעטע פרוי — — —

בוך ! בוך ־ בוך ! שפּאַסן רויך־הילכעלעך איבער די הילצערנע דעכער
און די געטאָ־שטיבלעך, מיט דער אייביקער הכנעה, בייגן זיך און בייגן
אין דער טאַטע : מנע, אין מיטן שטאָט צו קומען שיכּן פייגל !
כאָטש דאָס געשריי אַרום ווערט אַלץ קלאָרער, העכער — — —

אַהאַ ! פּאַראַליזירט עס אין קאָפּ... אין די פּלוצים־דערשראָקענע געהירן
און אַלץ אויפאַמאָל רייסט זיך... שרייט... באַהאַלט זיך און קריכט אַרויס :
זאָל עס דאָס טאַקע זיין ? אָדער אפשר איז אומזיסט די שרעק בלויז
און אומזיסט איז דאָס משוגענע ברעכן שויבן, פאַרהאַקן טירן ! ?...

רעדט שוין דער טאַטע אויס, אינמיטן זאָגן פון סידור אַרויס :
— מ'וועט נאָך אַ אומגליק ברענגען חלילה מיט דער בהלה...
כאָטש גאָט ווייסט, וויאַזוי ס'האָט זיך צעפלאַקערט די יללה
און ס'שאַרן דערשראָקענע טריט זיך איבערן גאַנצן הויז...

נאָר שוין יאָגט מען פונם שכן... שוין לויפט מען פון אַרום... יאָ, מ'טרייבט !
צום מאַרק־פּלאַץ... און אין דער מענגע אַריין : טראַך ! טראַך־טראַך !
ס'דאַכט זיך ווי ס'וואָלט אויפגעטייעט דעם פּיאָסקער ייִנגס באָרפיסער לאַך,
דער געפרוירענער, פון נעכטן : נאַראָנים ! אויך מיר האָבן נישט געגלייבט...
— — — — — — — — — —

.2

מ'האָט זיך שוין לאַנג געזוכט צו באַוואָרענען מיט עפּעס :
געזוכט צו פאַרשרייבן זיך אויף אַרבעט... האָבן אַ שיין...
ווייל קלאַנגען קומען קיינמאָל נישט פון זיך אַליין
און אַ ליגנט מוז אויך האָבן אין וואָס זיך אָנצוטשעפּען...

ס'האָט זיך אַ ווערטל אַזאַ, פּיניע פּערל, דער פּעסימיסט פון געטאָ :
פליגן מוזן האָבן אַ מיסט פון וואָס אַרויסצוּוואַקסן — — —
האָט יעדער איינער שטיל אין זיך אָפּגעפּסקנט :
מילא, פאַרפאַלן... ס'איז שטענדיק בעסער ווען מ'האָט ביי זיך אַ צעטל...

זענען יידן אַוועק שניידן טאָרף און אויסגראָבן קאַנאַלן
מ'האָט זיך פאַרשריבן צום כווילן־טראָגן און קאַזאַרמען־בוי...
געהיטן זיך, די דאַטומס אויפן ביכל זאָלן זיין גענוי
און בכלל זאָל מען אין אָרדענונג זיין ביי זיי מיט אַלעם — — —

כאָטש — פיניע... אי איז ער אַ סקעפּטיקער געוואָרן, פיניע!
— יידן! זאָגט ער — לאָמיך ליגנט זאָגן; מ'טאָר אים נישט געטרויען!
שרייט מען אָן אויף אים, מ'פאַרשטאָפּט — ווען ער רעדט — ס'אויער...
כאָטש מ'ווייסט אַליין אַז ער פאַרשטייט אַ ענין...

נאָר — שבת! געוואַלט, ווי קען מען עס נעמען און גיין! ?
זוכט מען מיטלען דעם טאָג פון וואָך אַרויסצודרייען
מ'קומט נישט... און מאָרגן קומען קלעפּ... סתם אַזוי געשרייען...
און אַמאָל שיקט מען דאָס ביכל — זאָל עס דאָרטן זיין...

דער פאָראַרבעטער רוקט עס אַריין מיטן גאַנצן שטויס אין ביוראָ
און דער זעלנער סטעמפּלט, חתמעט אין געאייל —
די מענטשן ווערן דערווייל צו דער אַרבעט פאַרטיילט
און ס'ליגט אים נישט די צאָל געגוי אין זכרון...

אודאי קלאַפּט דאָס האַרץ אַ גאַנצן טאָג און פלאַטערט
— וועט דאָס שפּיל נישט אַדורכפאַלן הייַנטיקס מאָל ?
ס'קען אויך איבערן געטאָ אַ ווימל טון אַ דייטשע קאָנטראָל...
נאָר איר זעט דאָך ווי ס'געלינגט ביז איצט לעת־עתה !...

אויך דער שבת איז געוואָרן איינגעשרימפּן און געמאָגערט
אַ סך גאַסן האָט מען פון זיינע ציטער־פליגל אויסגעשניטן
אַ סך פון זיינע פריינט האָבן ווי אַ סכנה אים געמיטן...
אָבער ווי קען מען אין אַזאַ צייט אויף אָט־אָ דעם זיך קלאָגן ! ?

ווי די יידן זיינע, מוז ער קורטשען זיך אין אַ ענגן שטיבל
און געניוג האָבן דעם שטילן ברום פאַר זיינעטוועגן — — —
און אויב זיין שבת־לויער ווערט צעטרעטן אויף די וועגן
ווייסט ער אַז מ'טאָר נישט האָבן אויף קיינעם קיין פאַראיבל...

*
* *

מיט גאָט איז יעדן מגאַזמשאַ שטרענג געוואָרן פאַרבאָטן
ווי די יידן האָט ער געלאָזט זיך פון אומעטום פאַרטרייבן...
ס'האָבן הילצערן געגאַפּט בלויז די ארון־קודשדיקע לייבן
ווען זעלנער־פערד האָבן די בית־המדרש שוועל באַטראָטן — — — —

ס'האָבן שאַנדיק־דרויט זיך געצונדן תורה־מאַנטל און פרוכת
ווי זיי וואָלטן וועלן אַ גאַס טון דאָ מיט בלוטן
נאָר ס'האָט גאָט אַליין אָפּגעשוועבט מיט גוטן
און נישט אַ פרווו געטון אַפילו זיינע כוחות — — —

האָבן יריעות בלאַסיק־בלייך אין פּסוקים זיך געוויקלט
און פאַרשעמט געריסן קריעה צופוסנס פון באַלעמער
און ס'האָט אַ פערד געהירזשעט, נצחונדיק פון עמער
ווען די ערד האָט פרום געקושט אַ תורה'דיקן שטיקל — — —

שפּעטער זענען דייטשן פון הויז צו הויז אַרומגעגאַנגען
און געזוכט טליתים, חומשים... תפילין און מזוזות...
און זיי — ווי קינדער וואָס די מאַמע איז געוואָרן נאַקעטדיק־מבוזה
האָבן מיט קליין־יתומדיק געוויין געלאָזט זיך פאַנגען...

אַ שטיקל צייט האָבן די שול־פענסטער אין רעגנדיקע טעג געטרערט
אַרויסגעשריגן דורך די שויבן מיט די הייליק־געוועזענע פוסטן...
נאָר ס'האָט זיי באַגנעטיק איינגענומען די שטאַליקייט, די געמוזטע
און ס'האָט זיי איבערגעשריגן דער זעלנער־געהייל פון פערד...

שפּעטער האָט דער יודענראַט זיך איבערגעטראָגן אַהין...
אין דער בית־המדרש'דיקער שטאַל, דער חרובער און וויסטער
האָט מען שטיל געקוילעט יידן... געזאַמלט זיי אויף ליסטעס
און די שול געהאַלטן גרייט — פאַר אַ ירושה־מאַגאַזין — — —

בייטאָג איז דאָרט געקומען געוויין און זיך רחמים'דיק געטוליעט —
געהאַלטן אַנטרעפן געהער — ביים שטרייכן אויף אַ חודש...
נאָר די הערצער זענען געוואָרן האָלץ — ווי אָן תורה דער ארון־קודש
אין פאַרסמט געוואָרן פון נאַכט, וואָס מ'האָט בראָנפנדיק פאַרהוליעט — — —

האָבן יידן מיט תפלה אין האַרץ פון דאָרט שוין רעזיגנירט
און זענען מיט גאָט אַוועק אין ווינקלען זיך באַהאַלטן
כאָטש שרייען האָט מען באַדאַרפט, די הימלען געזוכט צו שפּאַלטן
און נישט פאַרהעמערן די לאָדנס און האָרכן צו דער טיר — — —

.3

ס'האָט אויסגעזען אַזוי, ווי מ'וואָלט גאָט פון די הימלען געשליידערט
זיינע טראָגנען האָבן מחבלים פאַרנומען און אין דער שפּיץ — סמאל...
זיי האָבן די ווייבע, בלויע הימלען באַפאַנצערט מיט שווערן שטאָל
און אים געלאָזט דאָרט צערן צוזאַמען מיט זיין עדה...

נאָר ס'האָבן יידן אים אויפגענומען ווי אַ קעניג אין בעטלער־קליידער
אים געגעבן ביי בערעלען אין חדר — וויפיל מ'קען — אַ ווינקל
און אין שבתדיקן פרי האָבן אויגן שבועהדיק געפינקלט :
זאָל זיין וואָס עס וויל — מיר ברעכן נישט דעם נדר — — —

ס'איז פיניע געקומען אַהין — זיין גאַל דאָרט אויסצושיטן
און זיין שוואָגער נחמיה — מיט די צדיק־אויגן פון סאַמעט
און ס'איז געווען דער ווייסער מעכל, אַ שמונים'דיקער חקירה־מלמד
וואָס האָט געזוכט ס'האַרץ פון דער וועלט — וואָס מעסערס האָבן
אויסגעשניטן — — — —

און יונתן כ"ץ, דער חריף — דער אַלטער גרויער עילוי
וועלכער האָט אַמאָל מיט דער סביבה אַזוי געשאָקלט
און הערשל זשימנאָוואָדאַ — אַ שוחט אין ווייסע זאָקן
וואָס איז געוואָרן פאַרטריבן פון וואָצלאַוועקער „תורה וגדולה"...

און יאָסעלע קאַלעכשטיין דער מטיף; אַ מויל וואָס שיט מיט פערל
און דער שומר פון פנקסים — דער אַלטער חיים יאָשע
מיטן שמייכל פון אַ מזל־טוב וואָס לעשט און איז נישט דערלאָשן
כאָטש פון רויטן אויג קאַפּען טראַכאָמע־טרערן — — —

און נאָך אַזוי און נאָך... יידן בייזע... שטילע...
אָנגעפּראָפּט ביז פול דאָס מויל פון קליינעם צימער
און ס'האָט גאָט אַמאָליק אַזוי אויפּסניי געטון אַ שימער
און אַוועק מיט אַ נדבה־זאַק ווו ס'האָט געצאַפּלט די לעצטע תפלה — — — —

⁂

און בערעלע וויינמאַכער אַליין... פון איבער שבעים אַ זקן
מיט אַ זייבער־ווייסער באָרד, הויך און בוימיק־גלייך...
האָט ער אין קול זיינעם דערהיטן די ווייך
וואָס האָט זיך אין צייט־אָנהייב דערשראָקן...

געבליבן איז ער מיט אַ איינינקל נאָר, אַ דערשראָקן קרענקלעך מיידל
מיט אויגן וואָס האָבן קרומלעך אָנגעשטאָכן אַלץ, ווי אַ שפּיזיקע בין
און אַ פּנים וואָס האָט דאָס רויטסטע קליידל אָפּגעגאָסן מיט סקעלעטישן גרין
אַפילו די אָנגעפּאַסמעטע האָר אויפן צוגעשאַרפטן שיידל — — —

נאָר — קלוג געווען, די אסתר... כסדר געבעטן זיך: זיידע!
וועסט זען... זיי וועלן באַמערקן... ס'גייען יידן אַהער... אַזויפיל...
כ'וויים נישט, זיידע... כ'האָב עפּעס אַזאַ מאָדנע פאַרגעפיל...
נאָר בערעלע... — אַ מייסטער געווען אויף איבעררעדן!

האָט ער איר געגלעט די צעוואָרפענע האָר, געוואָלט מיט די פינגער פאַרפלעכטן
אַ צאָפּ...
און ווייכער מאַכן די האָר־שפּיזן מיט די שטילע, גלעטיקע רייד:

אסתר... כ'דאַרף דיר נישט זאָגן אין וואָס מיר גייט...
און כ'ווייס נישט וואָס דו האָסט זיך אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ — — —

מער ווי איין זיידע איז איר נישט געבליבן — איז זי געוואָרן רואיק...
געשטאַנען אין דרויסן און געהיטן ווען יידן האָבן געדאַוונט
כאָטש די מחשבות האָבן אויפן הימל געמאָלן משונה־אימהדיקע כתב'ן
וואָס האָבן איר מורא כסדר אויפגעוועקט און אויפגעטליעט — — —

איז זי אַלעמאָל צוגעפאַלן און געהעמערט אין דער פאַרקייטלטער טיר:
אַמאָל איז עס געווען ווען אַ זעלנער איז גראָד פאַרבייגעלאָפן
אָדער אַ נייגעריקער גוי וועלכער האָט פאַרדעכטיקט, פאַרוואָס דאָ איז נישט
אָפן...
האָט זי אַריינגערוקט איר קול אין שפּאַלט : יידן ! און ווייַ איז מיר !...

האָט א אימהדיקע שטיל אַלע העלזער וואַרגיק אָנגעכאַפּט
טליתים האָבן שווידערדיק זיך געקנייטשט אין שטרייכן־שוואַרצע פאַליעס
די פלינקערע האָבן באַהאַלטן אונטער דער באַנק דעם טלית
און די פענסטער מיט די לאָדנס אויסגעקלאַפּט...

נאָר ביסלעכווייז האָט מען זיך שוין צוגעוויינט צו אירע שרעקן
ווידער איז מען געזעסן און געדאַוונט... געשמועסט...
אַפילו אַמאָל אַ טרייב געטון פּאָליטיק, געשפּילט זיך אין נביאות...
און מיטגעפיבערט דעם גרויסן קאַמף פון באַזיגן יעקען — — —

.4

אין יענעם שבת האָט קיינער גאָרנישט פאָרגעאַנט פון פריער...
פאַרטאָג האָט מען זיך אַריינגעשלייכט מיט טלית אונטער מאַנטל
ביז צום דאַוונען אַ תהלים'ל געעפנט, געשמועסט מיט באַקאַנטע...
און אפילו אַ בר־מצוה מיטגעברענגט צו דער ערשטער עליה — — —

ס'האָבן געפעלט בלויז אַ טייל וואָס האָבן ווו אַ קלאַנג פאַרנומען
באַקאַנטע פּאָליציי געהאַט... יודענראַטניקעס פאַר פריינט;
האָט מען זיי סודותדיק געזאָגט בלויז : גייט נישט היינט...
נאָר אין דרענגעניש זעט מען דען ווער ס'איז יאָ, אָדער נישט געקומען ! ?...

ציען זיך די תפילות... זאָרגן אַפילו נישט וואָס הימלען זענען פאַר זיי געשלאָסן...
שטויסן זיך אין לופט צוזאַמען... ברוגזן און בעטן זיך איבער...
גוט איז וואָס זיי רייסן הערצער אויף, וואַרעמען אויף די ליפּן
און פאַר דער ווייטקייט פון זייער גרייכן — האָט קיינער נישט די מאָסן...

און — אסתר, ווי אַלעמאָל... קוקט אין די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן פֿון דער גאַס
זוכט און צאַפּלט אַרויס יעדער אומרו־האָר פֿון דעמער...
נאָר שטיל זענען די געסקעס, דרעמלען איין ווי לעמער
און די זון, אַ נישט־פֿאַרקעמטע, וואַרפֿט שטראַלן־האָר אין שפּאַס...

נאָר ביים בית־המדרש פֿון אַמאָל — אוי, אַלע פּאָליצײ!
זיי גייען דאָרט און לויפֿן... שפּרינגען אַהין און אַהער...
ס׳פֿאַרפֿאָרט אַהין אַ טאַקסי... געסטאַפּאָ מיט געווער...
און ס׳רודערט דאָרט אויף דער גערודער מיט באַפֿעלעריש געשרײ — — —

און ס׳צעלויפֿן זיך מוראַשקעס, אין שטיוול... מיט רויטע קעפּ
צעקריכן איבער געטאָ, שטורמען ווי אַ טויער — — —
קומט אַ געדאַנק מיט נעגל און טוט אין קאָפּ אַ בויער:
— וואָס איז געשען, וואָס? הער, ווי ס׳זעצן די קלעפּ!

ס׳האָט דער זיידע אָנגעזאָגט: קום נישט יעדע מינוט אונדז דאָ שטערן!
פֿאַרוואָרפֿט זי די נייע זעאונג טיף אין זיך צוריק
כאַטש אַ מטורפֿער פֿיבער פּרעסט שוין ווילד דעם בליק
און ס׳לאַכט שוין אַריין אין אַ שויב דער קנאַל פֿון מאַשינגעווערן — — —

דאָס מאָל האָט זי נישט געקלאַפּט, נישט געריסן די טיר פֿון קייטל...
די ציין האָבן זיך פֿאַרקלאַפּט און דעם געשריי אין שטום פֿאַרקלאַמערט...
די פֿינגער האָבן בלויז אין חלשדיקן גראַבל געשטאַמלט
ווי אַ ווידערקול וואָס ווערט פֿאַרלוירן אין די ווייטן — — —

***

אַלץ האָט צעקראַכט אויפֿאַמאָל, ווי אַ לאַווע געצוימט אין פֿאַרטײַע — — —
די שטילקייט האָט צעריסן דאָס מויל און אויפֿגעלאַכט ווי אַ צעווילדעטע חיה

אין נאַקעטן מויל פֿון דער גאַס האָבן צייניק צעשפּיזט זיך די ביקסן
און אויפֿן גאָלענעם פֿליך פֿון דער ערד האָבן מונדיריק צעגרינט זיך געוויקסן...

זיי האָבן פֿון אָרט זיך געריסן, געבלישטשעט מיט שטאָלערנע קעפּ
געשפּרינגען דורך פֿענסטער אין דירות און נאַקעטע פֿון דאָרטן געשלעפּט

פֿון אַ גאַנעק האָט אַ מענטש זיך געקוילערט און בלוטיק די שפּורן באַפֿאַרבט
דער מאַנטל איז באַזונדער פֿאַרפֿלויגן און קנוילק אויף דר׳ערד זיך געגאַרבט...

און דרויסן זענען פּאָליציי שטראָם געלאָפֿן — מיטן דרייסיקסטן זילבער
באַצאָלט
מיט מגן־דוד׳ס אין גלאַנציקער חרפּה, ווי אַ הייליק־פֿאַרשעמטער סימבאָל...

.5

ס'האָבן שטיוול דאָס שטאַרע מיידל פון טיר אַוועקגעשאַרט
און אַ זעץ געטון אין טירל — אַז ס'האָט אַ קרעכץ געטון
די שוועל מיט שטילן ווי האָט אַ קריץ געטון פאַרצאָנט
און דער ריגל האָט געשטייפט זיך — ווי מ'וואָלט אים דאָ גענאַרט — — — —

און שטיל איז דאָרט געוואָרן — ווי וועלט וואָלט איינגעשטומט
און טויב־שטוב דאָרט געלשונט מיט פחד־בלייכע הענט
נאָר דער טירן־הילך האָט געעכאָט פון די בלאַסע ווענט
ווי ער וואָלט זיי דאָרטן שפּאָסיק נאָכגעקרומט...

און פּלוצים אַ שטיקל לעבן — מיט אַ מענטש פון פענסטער שפּרינגט...
ס'ברעכן זיך די ציצית־פינגער אין טליתדיקן שלעפּ —
וואַקסן אויף אין לעבער יאַרמעלקענע קעפּ
און פאַלן אַריין מיט יאָמער אין גרין־באַהעלמטן רינג — — —

האָט טיר שוין נישט קיין ברירה און צעלאָזט די יאוש־הענט
און שטויסט אַרוים די עדה ווי אַ צעברעקלט מפּיל־קינד...
די הייזער אַרום פאַרתמען מיט געמאַכטן בלינד
ווי זיי וואָלטן די עדה קיינמאָל נישט געקענט — — —

ס'פאַלן .קליינע שאָסן, קלעפּ באַשווילן שאַרבנס —
ס'וואַרט אויף דער שבת־עדה דער אַרומגעצוימטער מאַרק
און ס'גאַפט זיין שטעכיק מויל : ווי יידן זענען שטאַרק !
אַלץ איז שוין צובלוטיקט און קיינער קען נישט שטאַרבן — — —

*
**

שפּעטער האָט איינער פון דער יידישער פּאָליצי דערציילט :
די גרופּע אין מאַרק אַריין צו פירן — האָט מען מיר צוגעטיילט...

די ס.ס. איז וויטער געלאָפן איבער די הייזער, די ביידעם
ווי אַ יום־טוב אויף וועלכן ס'וואַרטן לאַנג די שדים

אויפן מאַרק האָבן זיך געוואַלגערט די ערשטע, פרי־געשאָסענע...
קינדערשע קעפּלעך עטלעכע, מיט בלוט פאַרגאָסענע.

און אונטער די דראָטן — די ערשטע, אָנגעכאַפּטע מענגע...
„ס'טאָר נאָך צוויי — קיין מינוט נישט דויערן לענגער !"

אַזוי איז דער באַפעל געווען פון געסטאַפּאָ־שעף
האָט מען געכאַפּט אַזוי... לויטן בלויז, צופעליקן טרעף...

דער פּרעזעס האָט אַפילו די ליסטע זיינע צוגעגרייט;
געוואָלט מיר זאָלן גיין זוכן... געווינען צייט...

נאָר יענער, מיט זיין האַרטן געסטאַפּאָישן שטייגער:
„— פיר טויזנט יידן — פּונקט ביז צוויי אַזייגער...

האָסטו דאָס, מיסטזאַק, פאַרשטאַנען! ?
און יעצט טראָג זיך מיט דיינע כלבים אָפּ פון דאַנעט..."

... איז נישט מעגלעך געווען צו קלויבן, צו בראַקירן...
אונטערגעקומען אַ ייד — מוזטו צום פּלאַץ אים פירן...

ס'קוקן אויגן פון אַלע זייטן — און דו ביזט ערב דערפאַר!
נאָר דאָך האָט ווי געטון, געשניטן דאָס האַרץ;

ווי און ווי ווען איר וואָלט געזען דאָס בילד!
פאָרויס איז געגאַנגען בערעלע — די באָרד געגלעט זיך מילד

ווי ער וואָלט אַליין דאָ געמאַכט אַ שפּאַציר...
(אסתרן האָט מען פאַרגעסן אונטער דער געפּראַלטער טיר...)

און הערשל זשימנאָוואָדאַ — גייט און איז מתפלל
און טאַפּט מיט הענט דאָס גליק — דעם עטרה'דיקן טלית —

און ס'שטראַלן גאָר ביי אים די פאַרבלוטיקטע אויגן! — — —
דעם קאָפּ געהויבן גלייך — האָט ער אים פּלוצים פאָרויס געבויגן...

ס'האָט פון פּנים געטריפט אים בלוט — און טלית האָט עס רויט פאַרדייעט
בייגט זיך הערשל איין: נישט זיין היינט קיין צ ו ב ע . . .

און דעם ווייסן מעכלס גרוי האָט ווייטער קלוג געשוויגן
ווי ער וואָלט געחקרנט זיך, אויב דאָס אַלץ דאָ איז נישט ליגנט...

בלויז דער ווייבער „עמך"־רבי, יאָסעלע קאַלעכשטיין
איז געוואָרן דער שליח־צבור פאַר אַלעמענס געוויין — — —

זאַמאָשטש - 1942; בוכענוואַלד, מאַי 1945.

# אין טאָג פון אומגערעכטן משפּט...

ה. לייוויקן —

אַ קליינער ווידוי־שפּליטער

.1

שבת שלעפּן די פערד שטענדיק טרויעריק דעם וואָגן
זיי זענען אומצופרידן און קענען עס נישט דערזאָגן
שלעפּן זיי און שטעלן זיך אָפּ... ווי וועלנדיק כאַפּן אַ ישוב...

זיי זענען שוין אין שטאָט געווען, די פערד, היינט...
עפּעס האָט די גאַס אויסגעזען אומרואיק און פאַרוויינט...
נאָר מילא, וואָס האָבן פערד זיך דאָ אַריינצומישן ! ?...

און דאָך גיבן זיי זיך אַלעמאָל פּלוצים אַ שטעל אָפּ
זיי דרייען אוים דעם אומעטיקן פערדישן קאָפּ
און די אויגן פרעגן עפּעס דעם בחור אויפן וואָגן...

שפּעטער ברומען זיי זיך ביידע איבער אין דערשטיל
גיבן האַסטיק דעם שווערן וואָגן אַ שטאַרקן ציי
און נעמען לויפן אין דערשראָקענעם משוגע...

אויפן וואָגן האַלט דער פויער יאַנטאָשטשאַק די לייצעס פאַרקלערט
די שטילקייט פון שליאַך שרייט עפּעס וואָס נאָר ער איינער הערט
בייטשט ער אין דער לופט אַריין — דאָס הערעניש צו פאַרטרייבן...

און מאָרדקע ,זיין צוגעטיילטער, יידישער געהילף
זיצט אויף די קאָרן־זעק און שעפּטשעט עפּעס שטיל...
מילא, אַז אַ יידליק קען נאָך היינט אין גאָט זיך גלייבן ! — — —

ער האָט אים גערן געקריגן שוין אַ צייט, דעם קליינעם
אַ יידליק — אַ „ראַבין" געווען... אַרבעט מיט גויים אינאיינעם
און הערסט נישט קיינמאָל פון אים קיין זידל־וואָרט...

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט אים דער דייטשער אָפיציר געברענגט
האָט מען אים געברענט די טריט... מיט אַלע מיטלען אים געקרענקט
געטריבן אים און נישט געלאָזט אים איינשטיין אויף אַ אָרט...

נאָר מאָרדקע האָט די שטיק זייערע פאַרביסן אַראָפגעשלונגען
געענטפערט מיט אַ וואָרט אויף זייערע הונדערט
און שטיל געטון אַלץ וואָס מ'האָט געהייסן...

אפילו דאָס האָט אייל אויף זייער פייער צוגעגאָסן;
דו רעדסט... שרייסט... און ער שווייגט... האָט עס פאַרדראָסן!
נאָר ס'איז זיי שנעל נמאס געוואָרן דער עסק...

האָט מען ביסלעכווייז מיט אים צוזאַמען די סנאָפעס געשניטן
און צוגעוויינט זיך צו זיין פאָרכטיקן אָנטון דאָס היטל
ווען ער דאַרף זיין גאָט אָפּגעבן דעם ליפּן־חוב — — —

אַז געטראָגן האָט ער און געאַקערט ווי אַלע געבוי
און ווינטער גלייך ווי אַלע — באַמיסטיקט ס'פעלד מיט גנוי —
איז פאַרפאַלן! זאָל אַ ייד זיך דרייען אויפן הויף...

*
**

היינט מוז יאַנטאָשטשאַק מיט מאָרדקען פירן ס'קאָרן אין מיל...
יאַנטאָשטשאַק ווייסט שוין עפּעס... און ס'דריקט אַ פאָרגעפיל:
— מאָרדקע! דו ווייסט... איך וואָלט דיך נישט געראַטן...

נאָר מאָרדקע וויל היינט פאַרטיק ווערן פריער
מ'קען היינט שנעלער אָפּלאָדן אין מיל די זעק מיט תבואה
און זיך צוכאַפּן זען די שוועסטערן, דעם טאַטן...

קנייטשט יאַנטאָשטשאַק מיט דעם פאַרשוואַרצטן שטערן:
מילא... איך זאָג — ווייס איך... נאָר אַז ווילסט ניט הערן
איז פאָלג כאָטש איינס: נעם אַראָפּ דיין זשידאָווסקע צייכן!...

און אין מיטן האַקט ער עפּעס זיינע ווערטער איבער
זיינע אויגן נעמען פאַרנעפּלען אין אַ טרויעריק גרינעם פיבער
און די הענט זוכן אין דער לופט און קענען גאָר נישט דערגרייכן...

.2

אויפֿן וועג ציען זיך לאַנגע קאָלאָנעס פֿון פּאָליציי און ס.ס.
קליינע שפּילקעס בייסן דעם בחור, מאַטלען, אין געזעס;
וווהין ציען זיי דאָס אַלע אַזוי אין שטורעם ! ?

דער פֿויער קוקט זיי נאָך מיט שטומער פֿאַרבאָרגענעם וויסן
ווי זיי וואָלטן דעם בליק זייגעם מיטן געאייל זייערן מיטגעריסן
און אין אויג געלאָזט אַ גרינעם, נאָגענדיקן וואָרעם — — —

אַ כיטרע פֿויערל הינקט זיך פֿריילעך פֿאַרביי ;
— העי, דו ! וואָס קלערסטו אַזויפֿיל דאָ אַריין ! ?
מ׳מאַכט דאָך הײַנט חתונה אַלע, אַלע זשידעס ! — — —

און ער זאָגט עס נישט מיט קיין שאָדנגיריקן האַס
און זיין פֿריילעכקייט האָט גאָרנישט פֿון קיין שפּאַס
ס׳איז נאָר אַזאַ גאָר־זיכערקייט; אָט אַזוי איז עס !...

כאַפּט יאַנטאָשטשאַק אַ זייטן־בליק אויף זיין שכן
בײַ וועמען דאָס פּנים בלייכט... און די אויגן — אַרויסגעקראָכן...
און גלייבט אַליין נישט אַז ער דערווידערט : וואָס בראָקסטו פּאַר אַ ליגנס !

נאָר ס׳גויעכל הינקט שוין ווייטער־צו אין שטאָט
און ס׳חלומט שוין פֿון רויב זיין יעדן שפּרינגער־טראָט —
טרייסלען ביידע זיך אויפֿן פֿורל איינגעשוויגן — — —

*
**

נו־יאָ... איצט איז שוין גאָרנישט דאָ צו פֿאַרהוילן
צום הימל רויכערן אַרויף דראָענדיקע קוילן
וואָס ווייזן אים ווער ס׳האָט הײַנט איבער וועלט די מאַכט...

און פֿון יענער זייט ווו יידן לעבן אַ צייט אין ציטער
טראָגט זיך אַ בייזער קנאַל ווי אַ אָנזאָג פֿון געוויטער
וואָס מעסט אויס די וועגן פֿון דער שלאַכט — — —

הויבט דער גוי אָן צוערשט צו באַשיטן די ווונד מיט זאַלץ :
— זעסטו, מאָרדקע, ווי דער חשבון איז געווען פֿאַלש...
צומערשט האָט ער אייך, דער גאָט אייערע, אָפּגעזונדערט...

געמאַכט אייך פרעמד... פון אַלעמען אייך אָפּגעשיידט...
ס'זאָל קיינער אייער גליק נישט טיילן... נישט האָבן מיט אייך קיין מיטלייד...
און יעצט באַהאַלט ער אַליין זיינע וווּנדער — — —

ס'איז שוין אפילו איצט גאָרנישט אויסצוגלייכן
ס'וועט נישט העלפן קיין שום מענטשלעכער שכל
קענסט ניט זוכן אַפילו קיין ברירה ווייל — דו האָסט נישט...

כ'וויל בלויז אַליין פאַרשטיין אייך, כ'וויל באַגרייפן :
ווי אַזוי עקשנט איר זיך עס, צו אַלדע טייוול !
פאַרשטיי, מאָרדקע... אַ געטרייער גאָט — פאַרלאָזט נישט — — —

ווי עס קומען שוין נישט מער צו מאָטלען אין מויל קיין רייד !
אַלץ אין קאָפּ האָט זיך מטורפדיק איבערגעדרייט
און אַוועקגעשלעפּט די געדאַנקען אין אַ קאַראַהאָד

און דאָ האָט אויפגעוואַכט אין פּויער אַ באַגראָבענער פילאָזאָף...
ציט ער, ציט זײַן פראַגע־קנויל אָן אַ סוף... אָן אַ סוף...
אַזוי ווי ער וואָלט דאָ אָנגעטראָפן צום ויכוח דעם יידישן גאָט...

נאָר מאָרדקע שפּרינגט שוין, צעטראָגן פון די זעק אַראָפּ :
— יאַניע... כ'בעט דיך... לאָז יעצט אָפּ ! לאָז עס אָפּ...
און ער פיבערט : טו אַ טובה... פאָר אין מיל — אַליין... — —

מאָטלס בליק פליט שוין מיט, מיט יענעם ווייטן רויך...
ביי יאַנעס טאָטשעט אויף אַ חשד אין מח
בעט ער זיך : נאַרישער ! וווהין ? וווהין ווילסטו דאָס גיין ! ?...

נאָר יענעם האָט דער ווינט שוין אַריינגעזעצט פליגל אין די טריט
און ווי אַ זייטיק־פאַרגעסענע זאַנג צום שניט
אים אַוועקגעשלעפּט צו דער גרינער זעלנער־קאָסע — — —

האָבן די פערד אים נאָכגעקוקט בלויז מיט טעמפּן באַדויער
און יאַנען האָט ס'האַרץ געבריט, פון אַ פרעמדן שטייניקן טרויער
און ס'האָט די בייטש אַ פּאָך געטון צום הימל מיט פאַרדראָס...

.3

די זון האָט אתנך־זונה — אַ שאַכטל בלוטיקן רויט
שמירט זי זיך דאָס פּנים צו געפינען ביי וועמען חן...
ס'רוקט זיך אָן די נאַכט, וואָס הייסט זי שטענדיק גיין —
שמירט זי זיך און שמירט די באַשפּרענקלט־געלע הויט...

דער בלויער תם, דער הימל, וויגט אַ וואָלקנס וויג
און זעט נישט ווי ס'קאָקעטירט, זיין טאָכטער רויט־באַשמינקט
זי שמייכלט אָפּגעפּאָרן און שענקט איר גאָלד־גלי פלינק
יעדן סאָלדאַט באַזונדער וואָס זויפט דאָס בלוט פון זיג...

זי גייט מיט זיי אין לעכער, שפּריינזט פאַר זיי פאָרויס
זי קלעטערט מיט אויף ביידעם, ווייזט באַהעלטן־ווענט
און לאָזט איר גאָלדן לייב ווי אַ ליכט אין זייערע הענט —
וואָס גייען רציחהדיק שטורמען יידיש הויז נאָך הויז — — —

ווי אַ שפּיצל אויף די וועגן באַטאַפּט זי יעדנס גאַנג
און טראָגט אַוועק צו אויגן יעדנס בלאַסן שטריך
און שפּיגלט זיך דערביי אין אירע וואָלקן־ווייסע שיך
ווי זי וואָלט געזוכט דערפאַר אַ צירונג־שיינעם דאַנק...

***

אָט איז שוין די רייכע, אויסגעפּוצטע אַלטע שטאָט !
פאַרבאָטן געוואָרן פאַר יידן מער צו וווינען דאָ

שטייט זי, די מיוחסע מיט אירע געשעפטן די פאַראַרישטע
שטייט און בלאָזט פון זיך מיט די אָפּדעכלעך די פאַרנאַרישטע

אונטער וועלכע יידן האָבן דאָ אויסגעחכמהט זייערע טעג...
היינט קוועלט זי, די זאַמאָיסקי־יחסנטע מיטן לייכט־באַקומענעם פאַרמעג

דערקענט נישט קיינעם מער... פּוצט זיך מיט רויטע האַקנקרייצן
און מיט אויפגעקומענעם דייטש שמייכלט זי אויס די שיינע רייצן

וואָס יאָרהונדערטער האָבן אירע שלעסער אָנפאַרטרויט — — —
הנאה האָט זי וואָס מ'האָט איר שיינעם רינג פאַר'גוי'ט !

די אויפגעגרינטע גערטנער שמייכלען גאַסטיש און קאָקעט
די בוימער אויפן וועג פאַרבויגן זיך צניעותדיק און נעט

ווי גרעפישע זונות וואָס קומען פריש אַרויס אין גאַס — — —
זיי מאַכן זיך טויבלעך ווען ס'טוט אַ שלאָג אַ זעלנער־שפּאַס

און טרוימען ווייטער וועגן ראָז־פאַרהאַנגענע גאַבאַרדינען...
נאָר ס'האָבן זיך באַוויזן יידישע פּנימער אין מיטן דערינען...

זיי לויפן יעצט אַרום מיט סם אין די אויגן... זוכן... שאַרן זיך זייטיק...
מ'שטעלט זיך אָפּ ביי אַ הויז... קוקן און שטעכן עס מיט ווייטיק...

ווי זיי וואָלטן עס געוואָלט אָנשטעקן מיטן פחד פון זייער שטאַם
נאָר די הייזער האָבן שוין אָנגענומען דעם געזעציק־פּאָליצייאישן שטראַם

שווייגן זיי מיטן גרויעם פאַרב פון כמאַרע און האַרץ־געריבטן שלאָס
און חדושן זיך איבער: וואָס איז עס פאַר אַ חוצפּה, וואָס! ?

זיי קומען זוכן דאָ אַ פאַרשטעק... אין זייער נעכטיקן פאָדערהויז
נישט ווי באַלעבאַטים מער... נאָר ווי פון אַ פאַסטקע לויפנדיקע מייז

וואָס דאַרף נישט מער ווי אַ לאָך... באַהאַלטן פון מענטשנס אויג — — —
נאָר ס'וויל דער סטרוזש נישט מער זיך חניפהדיק פאַרנייגן

היינט קען ער בלויז פאַר דיר פאַרהאַקן דאָס קליינע אייזנטויערל
און וווּנדערן זיך: וואָס האָבן יידן נאָך צו שפּעקולירן מיטן גורל! ?

לויפט מען... ווי רעדלעך וואָס האָבן זיך אַוועקגעקוילערט פון דער שרויף...
מ'לויפט!... ווייסן יידן דען אויף אַלטער שטאָט וווהין מען לויפט! ? — — —

.4

מ'דאַרף נישט אָנקלאַפּן מער אין שטאָט־טויער ווען מ'קומט אַריין
ס'האָט סייווי שוין אָנגעשראָקן די לופט אַ אויפגעהויבן געוויין

און אַלץ איז שוין צעטרייסלט פון דערשאָסענעם האַרמידער...
נאָר דייטשן משעפּען נישט אויפן וועג קיין לויפנדיקע יידן

אָפּגעצוימט בלויז די געפּראָפּטע געסלעך מיט זעלנער־זוענט און שטאָל
און פון דאָרט מוז היינט באַקומען ווערן די נויטיקע צאָל

די אַנדערע זאָלן דערווייל אָפּקומען מיט שרעק פון געפּלאָגטע חיות
און הונדערט מאָל אַזוי מיט אַ געלונגענעם אַנטלויף זיך פרייען...

ס'וועט קיינער פון זיי סיי־ווי פון דעם זיך אַרויס נישט דרייען
ווען די באַשטימטע ציפער וועט פאָדערן אים אַריינצודרייען!...

ייט דערווייל דער בחור, מאָטל, און מ'פרעגט נישט קיין דאָקומענטן
כאָטש פאַרביי יעדן זעלנער נאַרט דער געדאַנק: ער דערקענט נישט!

און ער דערקענט נישט — אַ סך אַזעלכע, וואָס לויפן דאָ ווי ער
און טאַפּן אַרום מיט פאַרשער־אויגן דאָס געלאָדענע געווער —

וואָס פֿאַרדייעט שוין אין קנאַלן געסל־רויב נאָך געסל
זיי לאָזן אַפֿילו פֿאַרביי אים אין גרויסן שיסער־קעסל

פֿאַרלייגט אים אַ בלוטיקע באָרד אינמיטן וועג דעם לויף
אַזוי ווי ער דאַרף באַצאָלן דעם ייד נאָך דאָ אַ חוב

אַן ס'דוכט זיך ווי עס שרייען זיינע צעטרעטן־טויטע הענט ;
יעסטו נישט די סכנה ? דו משוגע־טויבער מענטש !

נאָר ס'האָט מאַטלען שוין איינגעשלינגען זיין מטורפֿער געדאַנק
שטויסט ער זיך מיט פֿיבער אינמיטן פֿויערים־דראַנג

די צעבלוטיקטע הרוגים מיידט ער אויס אין היפֿער
און זויגט און קייט געשריי מיט שטומער צונג און ליפּן...

ער גייט דען ? דאָס טראָגט ער דאָך וואָס... און ס'שטויסט אים פֿאַרויס —
ווי אַלע גויים אַרום באַרויבט ער יעדן הויז

און שטאָפּט זיין געדאַנקען־טאַרבע מיט פֿאַרבלאָנקעטן געשריי
וואָס זוכט נאָך אַלץ אַ לעבן אין ווענענען ס'זאָל צוריק אַריין — — —

⁂

פֿאַר זיי איז היינט אַ יום־טוב, פֿאַר די שכנים
פֿון זיי וועט מען נישט אַ ריר טון אָט דאָ קיינעם

זיי שטייען אַקייגנאיבער דעם דראָט־געצוימטן פּלאַץ
מיט פֿריילעכן און נייגעריקן צושויער־געשוואַץ

און זעען צו, ווען מען מ'האָט דאָרט אַלץ געפֿאַנגען...
מ'לערנט זיך פֿון די וואַך־עפּאָלעטן די דייטשע ראַנגען

און מ'קלערט אַריין אויב ס'וועט נאָך ווער פֿון יידן בלייבן...
אַממיינסטן קאָכן זיך די אויסגעפּוצטע, קיילערשע ווייבער :

— ווי זיי האָבן עס געציטערט איבער יעדן זאַך ! איבער אַ שיסל...
געבעטן זיך : פֿאַרקויפֿט ! און זיי : מ'וועט נאָך וואַרטן אַ ביסל...

די ס'וואָלט ביי זיי אַ שטובן־קינד געוועזן...
נאָר יעצט וועט זיי דער דייטש אויסקערן מיט זיין בעזעם...

עמעץ דערזעט די שוואַרצע האָר פֿון מאָטלען... זיינע ברילן...
און מ'ווינקט זיך איבער מיט כעסדיקן רציחה־ווילן :

אַ יידל אודאי... טאָ וואָסזשע דרייט ער דאָ זיך אַרום ?
אַ גוי ווייזט אָן אַ זשאַנדאַרם מיט אַ אַלץ־זאָגנדיקן שטום;

ס'זאָל הייסן: אָט איז נאָך איינער... וואָס געהער אַהין...
נאָר יענעם האָט דער גרויסער טאָג געמאַכט שוין מיד

מאַכט ער נאַכלעסיק מיט דער האַנט און זאָגט:
מיר האָבן זיי שוין היינט פֿאַר אונזער צאָל גענוג —

און זיי וועלן ביי אַ צווייט מאָל אויך נישט אַנטרינען...
און פֿאַרוואָגלט צוריק אין זיין טעמפּן, גאָרנישט־קלערנדיקן זינען.

שטויסט שוין מאָטל זיך ביז צו דער צווייטער זייט מאַרק
יעדער טריט איז שווערער ווי אַריבערצושפּרייזן אַ באַרג.

פֿון ווייטנס פֿינקלען אַזוי פֿיל אויגן... אַזוי פֿיל בליקן פֿול מיט ווידוי!
ס'איז אַ לעצטער בליק פֿון פֿיר טויזנט ייִדן —

וואָס געזעגענען זיך מיט איינעם, איינעם וואָס האָט די שרעק פֿאַרשפּעטיקט...
קנוילערט זיך זייער צוגעוואָרפֿענער געזעגן ווי געשוואָלענער ווייטיק

לייגט זיך אונטער יעדער טריט און לאָזט נישט ווייטער שפּרייזן
יעדער וויל געזעגן ווערן, וויל זיך פֿאַר אים באַווייזן

און זאָל ער אים איינפֿלעכטן אין זיינע געבליבענע טעג אַריין — — —
אַ פּאָליציאַנט שטעלט זיך אָפּ אין מיטן איילעוודיקן גיין

און אַ באַדויער, אַ שרעק קילט אין אים אָפּ זיין פֿאַרוווּנדערטן צאָרן:
— דו! ? זעט אויס, אַז ביזט משוגע גאָר געוואָרן!

שוין וואַקסט אויס אַ צווייטער... מאָטל ליגט אין אַ פּויסטן־קלאַמער:
— מ'דאַרף אים פֿאַרשפּאַרן ערגעץ אין אַ קאַמער...

זעסט נישט אַז דער יונג איז נישט ביים קלאָרן זינען! ?
און מאָטל ווייסט אפילו נישט וואָס עס נעמט דאָ וואַרעם רינען

איבער זיינע בלוי־געוואָרענע באַקן — — —
קרעכצט בלויז שטיל דער כעסדיק־אָנגעכאַפּטער נאַקן

און לאָזט זיך שלעפּן ווי אַ אומגוויטיק שטיק ברודיק געוויין...
ס'זאָגן זיך אָפּ אַפילו אַ קריץ צו טון די ציין — — —

.5

אַ שפּליטער פֿון יענעם מאָטל זיצט דאָ יעצט אין חדר
ער איז געקומען צוריק פֿון וואַנדער און די שורות זענען ביידעס;
זיצט ער דאָ אָט יעצט און זאָגט פֿאַר מיר עדות:

זיי און ווידער ווי — צו זיין גרויסער מענטשלעכער שאַנד!
ער איז דאָך דאָ געבליבן ביי זיין קלאָרן פֿאַרשטאַנד!

משוגע ? דאָס איז ער נישט געוואָרן
אַפילו שפּעטער־צו, נאָכן פאַרציען זיך פון יאָרן

אויך דאַמאָלסט איז ער געבליבן, ווייַ ווי אייזן־שטאַרק !
דער טאַטע מיט די שוועסטער זענען געווען דאַן אויפן מאַרק

און זייער בלוט איז געווען באַשטעלט פאַר קליינע הנאה־גראָשנס
און אין אים איז געווען בלויז דער נשמה־פלאַם געלאָשן

ס'האָט דער צער נישט דערלאַנגט צו דער גאַנצער טיף פון אַ ברודער
אַז ס'זאָל דאַרט אַליך אין אים זיך טון אַ צעשווידערטן רודער

וואָס זאָל אויפרייסן דעם מח מיט בראַזגיקע קראַכן
און אויפיערן דעם גבורה־יאוש פון אַ ייִנגל דאַן אַ שוואַכן;

וואָס זאָל אַריינוואַרפן אים דאַן אין וועלטן איבערגעקערטע
ווי ס'לאַכן שוין דערשטיקטע מיט געיאָמער פון נישט־דערהערטע — — —

שעמט ער זיך ביז רויט וואָס ר'איז עס נישט געוואָרן
און ס'נוקמט זיך אין אים דער אייגענער זכרון — — —

*
**

זיבעציק זענען געווען אין הויז — געבליבן זענען צוויי...
נאָר פון אַכט און זעכציק האָבן די ווענט פאַרהאַלטן דאָס געשריי

געלאָזט עס שרייען אַרויס פון אַלע שטומע חפצים
ווי יענע וואָלטן געווען גאָט און זיי — ירושה־קרייצן...

וואָס קען שוין העלפן דיר אַז ווערסט בייַנאַכט נישט שלאָפן
אַז אויך צום וואָך די טיר איז געבליבן פאַר זיי אָפן

גייסט פאַרטאָג אַרויס — ס'איז אַ פּוסטער נאָך אַלעם
די ווענט שרייען אַליך און דו ווערסט אין זיי פאַרפאַלן

הערסטו אַז די קליינע זאָשקע, אָט דער בלאָנדער מלאך
האָט נישט זוכה געווען צום אומענדלעכן מהלך

ס'האָט אַ קויל זי שטום געמאַכט אין איר מוטערס שויס
און ווי דער ערשטער קרבן — געהייליקט אונזער הויז

און מלכהלע מיט ברײנען — צװײ שטילע מײדל־טױבן
האָבן צעװװנדיקט זיך די הענט מיט צעהאַקטן גלאָז פֿון שױבן

און שיען, דעם האָרעפּאַשנע ייִד, האָבן געלעקט ס'בלוט די שװעלן
און פֿון זײנע טראָפּנס שױם האָט די ערד געמאַכט זיך קרעלן...

און שטוב אַזױ נאָך שטוב — ייִדן בלײַבע, שטילע
װאָס האָבן פֿאַרן גײן — נאָך גאָט געשענקט מחילה

אין יעדן הױז אַזױ... ביז די צײַט האָבן זײ פֿאַרשפּעטיקט
איז זײער לײב געבליבן דאָרט... און מיט טױט די לופֿט געזעטיקט...

פֿיר הונדערט אין שטאָט אַלײן... צום מאַרק זײ נישט דערפֿירט
אַ צײכן בלױז — פֿון בלוט, אַזאַ, האָט דיל און בעט באַשמירט...

און די טױזנטער פֿון אונטערן צױם — באַלד בײ די ערשטע טראָט
האָט אַ קױלן־האָגל מיט צײַן פֿון פֿײַער זײ באַשאָטן...

און די גאַנצע לעמבערג־גאַס — ביז צו װאַגאָנען־מילער
איז געװאָרן אַ צעבלוטער קלאָץ אין האַנט פֿון מענטשן־קילער...

די זון איז געװאָרן רױט און מבלומרשט מיטגעגוסט
נאָר אױף מאָרגן צוריק אַרױס און װידער מיט לאַך געפּױזעט...

און הונדערטער מיט אַ געלעכערט האַרץ זענען געבליבן אין רציחהס טאַש
און די שטײנער האָבן געקװיקט זיך מיט אַ גאַװערדיקן בלוטן־נאַש

ס'האָט די לבנה װײטער שפּאַצירט מיט אירע ממזרימלעך די שטערן
בלױז די נאַכט האָט װינטיק געקלאָגט מיט נישט־געװײנטע שװאַרצע טרערן...

.6

פֿאַרטאָג איז דער געטאָ פּוסט און בלאָטעס לײגן די טליתים
װאָגנס — װי גנבים בײנאַכט — זאַמלען צונױף די מתים

מ'פֿירט זײ אָנגעהױפּט צו יענעם פּלאַץ פֿון קברים
די גאַנצע שטאָט זעט אױס װי אַ גרױסער מטה־ארון

די פּאָליצײ פּוצט אָפּ די ערד פֿון אירע רױטע װוּנדן :
ביז אַכט אַזײגער פֿרי מוז יעדער שפּור פֿאַרשװוּנדן !

שטייען יידן דאָ — ווי שאַנד־באַזיגטע פּענער
און רייבן אויס דעם שפּור — מ'זאָל דעם חורבן נישט דערקענען...

פון וואָגן טרייסלען הענט, פון גופים איינגעפּרעסטע
נאָר ס'איז פאַר זיי צו שפּעט מיט ווער מען זיך צו פאַרמעסטן

טרייסלען זיי זיך און שטאַרן אַרויס אין איינגעדעמפּטן חלל
זייערע פינגער קנעטן נאָך אויס אַ בלייכע, לעצטע קללה

נאָר נעכטן האָט געטריבן דער דייטש — היינט איילן אונטער די וועגן...
בלייבט זייער קללה אין לופט — פון קיינעם נישט געזעגנט...

***

עס קומען אַרויס די מענטשן פון ביידעמס און פון לעכער
ס'האָט נעכטן פאַרזעטיקט דעם מאָרד — פילט מען היינט זיך זיכער...

ס'קומט אַרויס אַ פינק פון אַ ברענענדיקן קוימען
און אַ ייד לויפט זוכן מנין, צו הנפּענען גאָט מיט „גומל"...

אין יודענראַט די בירוראַ אַרבעט פריש אויף פאַרע
און מענטשן באַלייגן פריש דעם געטאָ ווי אַ כמאַרע

ס'איז אַרבעט היינט פאַראַן — די טויטע צו באַגראָבן...
פאַרשרייבט מען הענט אויפסניי — באַגרעבער דאַרף מען האָבן!

מ'דאַרף עפענען דעם פּיסק פון ערד און מיט יידן אים פאַרשטאָפּן
געבן איר צו זויגן פון מלבושים די רויטע טראָפּנס...

און מ'קריגט אַ ברויט דערפאַר איבערצובעטן דעם קבורה־ריח...
גייען זיי... גייען יידן... פאַרדעקן דעם זכות פון מזבח

באַגראָבן די קדושה, דעם יאָמער... דעם זכר פון נעכטיקן טאָג...
און ס'הוידעט זיך מיט פאַרוורף אַ ברויטל אויפן וואָג — — —

7.

אַ גאַנצן טאָג גייט מאָטלען נאָך, אַ טריט, אַ נישט־געהערטער
ער וויל פאַרשטעלן פון אויג די בושה־געשלאָגענע ערטער

ער גייט... און פּלאָנטערט זיך אַריין אין די צערעוועטע געדאַנקען
ווי אַ קינד וויל ער אַ גלעט טון, פאַרשפּילן מיט געשאַנקען...

ער בלאָזט דאָרט קיל אַרום אַלע צאָרן־פלאַמען
און לייגט זיי שלאָפן מיד, מיט רחמנות פון אַ מאַמען...

און שפּעטער ווען ער דערשפּירט די צייט פון מאָטלס פּוסטער שעה
שרייט ער אויס אַנטפּלעקיק: און איך בין ווייטער דאָ!

— דאָ!? צעכליפּעט זיך דער פרעמדער באַגלייטער־טראָט...
— ווי אַזוי ביזטו דען דאָ אַז דו ביזט — גאָט!?

— כ'בין דאָ אין איבערגעשניטענעם האַלז, מיך ווערגן די אבלים־זעק!
קום איך דאָ מיטטראָגן דעם גרויסן שווייגן־פלעק

און אָפּקומען מיין מאַכטלאָזיקייט מיט אייך צוזאַמען — — —
מאָטלס מחשבות לאָזן זיך אָבער נישט שותפותדיק פאַרקאַמען

פלוישן זיי זיך צעשויבערט מיט אומגעברענגטער שרעק:
— דו? אויב דו ביזט עס אפילו... טאָ גיי אַוועק!

נישטאָ דער פרייז — אין האַרץ דיך אויפצונעמען...
— גוט... אָבער בלייבן מוזטו דאָך מיט עמעצן... טאָ מיט וועמען?

ס'וועט דיר באַנגיק ווערן וועסטו בענקען נאָך מיר... בענקען!
דיין אויפברויז וועט ס'לעבן צוריק אָפּשווענקען

וועסט צוריק טראָגן דיינע אברים ווי שטיינער און דאַן...
וואָס פאַר אַ ווערט האָסטו, אויב איך בין נישט פאַראַן!?

מיינסט אַז אָן מיר קענסטו הימלען האָבן? קייען ערד?
— גיי אַוועק יעצט! כ'בין נישט גרייט צום פאַרהער...

דו טאָרסט נישט זיין יעצט... נישט בלאָנקען אין מיין זינען
ווייל אויב ביזטו עס — קענסטו פון משפּט נישט אַנטרינען...

כ'וועל מוזן דיר אַ שווערד אָנטון און פאַרהאַסן דיך אין שעלטן
זיי נישט — אָדער רעגיר מיט דיינע וועלטן! — — —

ער לאַכט נישט מער גאָט און ער קען נישט מער פאַרשווייגן...
ער האָט דאָ פון זיין פרילינג דעם לעצטן פון זיינע פייגל

ווײל ער אים פֿאַרהאַלטן אויף די פּוסטע, געפֿרױרענע דעכער
ווײל ער אַרײַן זיך שטאָפּן אין די גרױסע װוּנדן־לעכער:

הײלן! הײלן! הײלן — — —
נאָר ס׳האָבן סמ׳יק שױן אַרײַנגעבערענט די פּײלן

און די גאַנצע װעלט מיט הימל איז אַ קױטיק שטיקל װאַטע
צוזאַמען מיט אַלע געטער... פֿאַרלױרענע און געהאַטע...

בלײַבט ער שטײן אַ װײל און מאָטל שפּרײזט זיך װײטער —
אַ אָפּגעריסענער פֿון זיך, אַ געשפּאָלטענער און צװײטער

אַ פֿינק חרטה לױפֿט אים נאָך, װיל אים צוריק דערגרײכן
נאָר די גרױל אַרום פֿאַרמעקט אויף שנעל איר צײכן — — —

*
**

אין יענער, דער צװײטער נאַכט נאָך, האָט מאָטל געגעסן ברױט — — —
פּ׳האָט נאָך גרױליק־ביטערס, געפּליקט פֿון אים די הױט

געשריגן אין אים, באַשפּיגן... דעם גופֿיקן מױל־געקײ —
ס׳איז אָבער געװען די גסיסה, פֿון אײַנגעשטילטן װײ

װאָס האָט צוימען זיך געלאָזט, פֿון הונגעריקן מאָגען...
פֿאַרלאַנגען זענען צוריק אַרױף, אויף פֿלײשעדיקע טראָגען,

פֿאַרדרענגט דאָס גאַנצע זען, אין אַ ענגן לאָך פֿון פֿאַרגעס...
באַפֿעלן פֿון בלינדן בלוט האָבן צוריק דעם גוף צעטרײסלט

אים פֿאַרצױגן צוריק צו שלאָף, צו טראַכטן װידער, װידער...
װי אַזױ מ׳באַקומט אַ ברױט, װי אַזױ מ׳שטאַרקט די גלידער...

פּאַריז, יולי 1945.

# דער לעצטער ייד אין געטאָ

...ס׳האָט די פּעדער ס׳לעצטע מאָל אַ סקריפּע געטאָן : יודענריין !
און נישט העלפן וועט מער ס׳שוחד־געלד און דאָס צוגעגעסענע געוויין :

וואָס מיינען זיי דען מיט זיך, די בעסערע יידן, יודנראַט־לייט און פּאָליציי ! ?
שוין ! אַלעס איז אָוועקגעשיקט... נו, איז יעצט געקומען זייער ריי.

מ׳האָט זיי אויף צום לעצט געלאָזט... שפּיאָנירן זאָלן זיי... ליקווידירן !
די לעצטע איבערגעלאָזטע יידנבעבעכעס צוזאַמענצונעמען פֿאַרן האַר

איז יעצט... יעצט קומט די לעצטע באַצאָלונג דערפֿאַר :
זיי וועט מען די לעצטע קיין בעלזשעץ *) פֿירן — — —

ס׳לעצטע מאָל גייט דער פּאָליציי־שעף און בלויז דער פֿינגער זיינער ווייזט :
„דו ! דו ! דו !" פֿאַר דער ריי אַזוי שפּרייזט ער און ער שפּרייזט.

אַזוי פֿיל זענען זיי און — ער... קליין זענען די מעגלעכקייטן און באַגרענעצט...
דאָס געהילפֿס־זעלנערל זיינס איז מיד און פֿויל... טוט עס בלויז אַ גענעץ :

„ס׳קען שוין זיין גענוג... „דאָרט" האָט מען געזאָגט" — — -
אין אַ ווינקל ביים עק ריי, אַ געשמינקט מיידל קלאָגט :

„הערר שעף ! פֿילייכט איך?... איך ! איך ! ! איך ! ! ! !"
און דער פֿאָטער אירער ביי דער זייט טרעט איר אויפֿן שיך :

„רעדסטו שוין — דערמאָן אַ וואָרט אויך וועגן דיין ליבן פֿאָטער !"
נאָר — ער... אַ דיקע מאַסקע ! שטייט זיך אַ פֿאַרשטאַרטער

בלויז די דיקע ליפּן זייגן דעם גראָבן שפּיץ פֿון ציגאַר...
... צו עמעצן אַ מקורב ענטפֿערט ער : „נו, עס איזט דאך קלאַר

*) בעלזשעץ — גאַז־קאַמער ביי טאָמאַשאָוו, לובלינער קרייז

איר מוזט פֿאַרשווינדן און דערבײַ איז ניקס צו מאַכן!..."
מ'זעט נאָך אפֿילו יענעמס לעצטע, הניפֿהדיקע אונטערלאַכן:

„און דאָך... ווען דער הער שעף וואָלט נאָך איינמאָל זיך באמת!..."
אָבער דאָ קאָכט שוין יענער אויף ווי פֿון פֿייער קוילן געבריט:

„דרעקזעקע איר! ווען איך זאָגע: נישט! איז קיין צווייט וואָרט נישטאָ!
יידן זענט איר און דערפֿון ווערט אײַך קיינער אין דער וועלט נישט רעטן!"

... און פֿונדעסטוועגן שטייט די מאַסע — מאַרגנדיקע סקעלעטן! —
און מ'שמועסט צווישן זיך אַז — גאָרנישט... אַ האָפֿענונג איז נאָך אַלץ דאָ!

באשר... יעדן פּנים־צוג שטודירט מען און מ'לערנט אַראָפּ דערפֿון:
„זעסטו! ער איז אויפֿגערעגט! אים אַליין קאָסט עס ווייניק געזונט, קלערסטו?"

האָ! „...רעטן"! האָט ער געזאָגט! הערסט נישט אָדער הערסטו!!!
פֿונדערווייטנס לויפֿט עפּעס אַ מונדיר... פֿאַרמוחט, פֿאַרטון:

אַ ציטער לויפֿט איבער דער רײ אַריבער: אַ פּאַפּיר... צו... אים... צום שעף!
נישט בײַ איינעם העמערט עס אין קאָפּ... בויערט עס אין שלעף:

דער אפֿשר וואָס האָט צו דער טאָכטער געלאַכט? אָדער יענער פֿון ברילאַנט?
ניסים, אויף גאָלד־אָנגעשמירטע רעלסן קענען אַמאָל דאָך קומען!

שטיל — — — טויט אַרום... פֿאַרשעמט קלעפּט יעדע צונג צום גומען —
אויסגערעדט שוין אַלץ וואָס מ'האָט נאָר געקענט... יעצט בלויז — וואַרטן!

בלויז איינעם אַן עקשן, אַ ייד אַ איינגעשפּאַרטן —
קען מען נישט איינשטילן: ס'פּאַפּיר איז זיכער פֿאַר אים! פֿאַר אים!

באַלד אָבער שלענגלט זיך אַן עלעקטרישער ציטער אַדורך... אַ שטים:
„ראַפּאָפּאָרט מוישעק זאָל אַרויסטרעטן פֿון דער רײ!"

אין דער רײ שושקעט מען זיך: „נו יאָ... אים דאַרפֿן זיי..."
פֿון דער רײ אַרויס שפּאַרט זיך אַ פֿעסטער מענער־גוף

נאָך אים שלאָגט אַדורך די רייען אַ דינער פֿרויענרוף:
„משה!... אָט בלײַב איך דאָ... מיט די קינדער... געדענק!"
נאָר — משה! שוין שרייט עס אין אים פֿון גליקלעכן טריאומף־געשענק,

עפּעס שרייט ער אין דער רײ אַרײַן... ער וועט שוין זען, הייסט עס...
אַז אַ פּאַפּירל זאָל אַזאַ כשוף אָפּטאָן איז... דער טײַוול ווייסט עס !

טרויעריק קוקן צוויי פּאָר קינדער־אויגן ווי דער פּאָטער פאַרשווינדט
אין די גטאָ־געסלקעס, די געשטאָרבענע, אָן אַ „זײַט געזונט !" — — —

פונדערווייטנס שימערט נאָך ס'לעצטע מאָל די אייגענע גאַס
איבער וועלכע ס'האָט לײַכטער זיך פאַרטראָגן די בליקן פול מיט האַס

פּילנדיק אונטער זיך די שיצנדיקע ווענט פון הונדערטער יאָרן „היים".
נאָר גאָרנישט ! וואָס ווילסטו, מענטש, דען פון אַ שטיבל אויס ציגל און לײם,

ווען — הערצער... ווען — הענט ! ווען אַלץ טרײַבט דיך ,שטויסט און יאָגט,
און ווען אפילו בײַ דיר אין האַרץ דאָרט ברענט עס און ס'נאָגט —
...טוליעט דײַן שטיבל שוין אַנדערע צו די געטרײַע ווענט,
און דו... גײ און פאַרעק ! פאַר „אַהין" און ווער פאַרברענט ! — — —

.2

שטויב... שטויב און ציגלברוך פון אַ שטאָט... פון דורות !
ס'גייעם שפּאַצירט... נישטערט בײַ יעדן שטײן און ברעטל.
יידישע הענט — אויך די יידישע הײזקעס טרײַבט'ן פון שטעטל,
— ס'קומען פון די דערפער זיך צונויף די פויערן ;

מ'רײַסט די דעכער פון די פאַרשעמטע דירות,
מ'שלעפּט די טישן, די ווענט, בענק און בעטן.
— אויס מיט דער געשיכטע פון יודנשטעט און געטאָס !
פון יידישע הײַזער־לעגענדן און קליינשטעטלדיק עשירות ! — — —

און נישט איינמאָל ווײַזן די אָפּגעשווירענע געסלעך צו דערציילן
פון קעלערס... פון עלטער־זיידע־קעלערס ! ווו מ'האָט גאָלד געזוכט באַהאַלטן,
און געפינען האָט מען דאָרט — אַ ציטערדיקע... אײַנגעהילט אין פאַלטן —
אַ מיידל... וואָס האָט דעם גורל פון אַלע איריקע נישט געוואָלט טיילן...

וואָס ? האָט זי געמיינט מ'עט זי נישט אַנטדעקן קיינער ?
וועט זי אויסהאַלטן אַזוי אין קעלער נישט טאָרנדיק זיך אַרויסצווייזן ?
ווערנדיק פון הונגער פאַרפּייניקט, צעפרעסן פון לײַז ?
ניין ! איר, טרוקענע נשמות, וועט שוין קיינמאָל דעם צויבער נישט וויסן
פון חרוב־געוואָרענע היימען ! — — —

— — — — — — — — — —

מיט רוגזה שפּייט דער בעקער־קוימען זיין רויך אין דער נאַכט אַריין,
ווי אַ זאַטער נגיד וואָס רויכערט צעטראָגן זיין ציגאַר,
העי, די בעקעריי מוז געלאָזט ווערן אויף דער פולער פּאַרע!
פאָרזעצן די אַרבעט פון די יידן „ראַפּאָפּאָרט און קליין".

דער איינציקער ייד אין שטאָט פאַרבליבן — טאָ זאָל ער לייסטן!
הונגעריקע זענען די ס.ס.־קאַזאַרמען, און הונגעריקע — שפּייזט'ן!
און ס'איז פול מיט מעל־ברויט־און זעמל־טרוימען
יעדער שטעטלדיקער אַמאָל־נגידישער בעקער־קוימען...

משה... מאָשקאָ... מאָזעס... פאַר יעדן איינעם מוזטו אַנדערש הייסן.
פאַר „מאָשקאָ" מוזטו שמוגלען... פאַר „מאָזעס" מוזטו זיך פלייסן!
אין די נעכט קלאַפּן פינגער אין די הינטערטירן; אין די שויבן;
— מאָשקאָ, אַ ברויט פאַרקויף, ניט אַלץ באַהאַלט פאַר די שוואַבן!

און אַ זעקל מעל אַמאָל אַ שכן — אויף לינק מוז „מאָשקאָ" באַקן
און היטן זיך און ציטערן — „מאָזעס" זאָל נישט פאַקן.
און — משה... משה אַליין האָט אויך באַדערפענישן... זאָרגן.
אין אַ אונטערקעלער ווו ליגט עמעץ נאָך פאַרבאָרגן,

און ס'האַרץ... ווייב און קינדער אַוועקגעלאָזט, און יעצט — — — און יעצט
טראָגט ער אַוועק אַ ברויט אין קעלער — זעצט ס'האַרץ און זעצט...
נישט ווייט איז נאָך אַ יידנלאַגער דאָ,
כאַפּט ער בגנבה זיך אַוועק אַהין אויף אַ שעה,

נאָר דער געסטאַפּאָ־שעף — אין וועמענס חסד ר'איז פאַרבליבן,
האָט אים איינמאָל אַזוי זיך אין דער פרעסע אַריינגעריבן:
„יודע דרעקיקער! איך שפּריך מיט דיר, זויף שנאַפּס מיט דיר צוזאַמען,
און דו... ס'ציט דיך דאָך צו דיין אַלטן שטאַם."

און נאָך זאָגט ער, דער הער שעף: „די יידן פון די לאַגערן, די לעצטע,
„די שלאָסער און שאָפערן אַפילו, מיט די קאָמבינעזן די פאַרפּעצטע —
„אויך זיי וועט גאָרנישט העלפן צו אַנטרינען — — — —
„זאָל ער וויסן „מאָזעס": ביי זיי האָט'ן יעדן אויפן זינען...

„נאָר ער — מאָזעס — אַ אַנדערער אַזעלכער איז ער — ווי קיין יודע!
„ער קומט אין קיין לאַגער! זאָל ער ווייטער... אין זיין בודע!...
„ס'עט קיינער נישט וויסן — זאָל ער זיכער זיין! — ער איז געראַטעוועט!"
— — — און ביינאַכט — אין לאַגער דאָרט — שושקעט מען זיך אין די
ענגע בעטן:

„מ׳דאַרף זיך יעדן טאָג אויף דער „חתונה” ריכטן !
און פון אַנדערע לאַגערן דערציילט׳ן... אוי, ס׳אַראַ באַריכטן ! — — —

.3

שטיל גראַבלט אַ דערשראָקענער נאָגל אויף דער שויב פון דער בעקעריי :
ניין, קיינמאָל קלאַפּט נישט דאָרט אַזוי איינער פון „זיי” !
ס׳איז אַ בעטן זיך און אַ וואָרענען; אַ וויינען און אַ רעטונגס־געשריי...

אַ בייזער רעגן פּאַטשט די ליידיקע גאַסן מיט זיין שטעקן־ווינט,
און אויף דער גאַס איז אַן עבֿרה אַרויסצולאָזן אַ הונט...
...איבערגעלאָזט די גאַנצע אַרבעט אויף די שקצים דאָרט, די געהילפן זיינע,
און געקומען... אַהיימגעקומען איז ער זיין מיט זיך אַליין.

אַ שטיבל ביי דער בעקעריי; געהייצט איז דער אויוון, און אין שטוב —
אַ הייך.
אַליין... און דאָך — ווי עמעץ וואָלט אָנגעקלאַפּט אין שויב מיט אַ נאָגלשפּיץ.
ווו ער גייט זאָל דאָס קלאַפּן אים באַגלייטן... רופט עמעץ ? זוכט ווער שוין ?

מיט מידע טריט לאָזט ער זיך צום פענסטער זען וואָס ס׳איז :
בלאַסע פינגער צאַפּלען אויף דער שויב... באַקאַנטע פרויענפינגער אַזוינע, —
צאָרן... שרעק... נייגיר... אַלץ מישט זיך ביי אים אויס מיט שטוינען :
הע, אַ פרויענפינגער ! דער יונגער פרויענאָגל איז אין זיין האַרץ אַ שפּיז...

אָן ווערטער פּראַלט ער אויף די טיר... בלינד נעמט זיין האַנט אָן אַ האַנט,
אין דער פינסטער שפּירט ער אַז די פינגער זענען אים פון ערגעצוו באַקאַנט:
ווער ? ווער ? ווער ? — —
אַלץ אין אים פלאַמט פון נייגעריקייט און באַגער. —

...קום ! קום ! ברומט עס אין אים צום טונקעלן ווען אויף יעדן מין שפּראַך,
און אַלץ אין קאָפּ צעפלאַמט זיך; געדאַנקענגרענעצן פאַלן איין אין קראַך —
„צביה ! ! ! צעברילט ער זיך ביים ערשטן שיין פון ליכט,
פונוואַנעט קומסטו עס אַזוי שפּעט, אומגעריכט ?”

און זיין אַמאָליקן שותפֿס זיבצניעריקע טאָכטער צעווייִנט זיך אויף זיין ברוסט
זי ווייסט אים דאָ זיכער טרעפן — האָט זי געוווסט;
באַהאַלטן זיך אין וועלדער, אין קעלערס חרובֿע, פאַרלאָזענע...
געקאָכט זיך מאַכלים אַזעלכע, אויף צווייגלעך, גרינע אַזוינע, גראָזענע,
און אָט שוין צוויי טעג ליגט זי אַזוי, באַהאַלטן דאָ אין אַ לאָך,
אַ לאַבן ברויט בלויז — און זי ווייסט ווידער איבערהאַלטן ערגעצוו אַ וואָך —

...צביה! שיין איז זי געוואָרן? אָדער דאָס געפּיל פון אַ נאָנטער נאָנט,
אַ פּנים — נאָנט... יונג און אין ערשטן רייפן — — —
און די נאַכט איז בייז און ברומיק; און דער מאַן אין אים בוויערט די שלייפן!
ער ווייסט: ער טאָר נישט! נאָך שטייט דער שאָטן פון אַלע — דער טויט,

נאָר זי דאָ רויטלט זיך מיטן ערשטן פאַרלוירענעם רויט;
נעבן דער נאַכטס שוואַרצן, אָנצייניקן מויל און ביים פלאַם פון קוימען —
איז אַ מינוט לעבן אַ אייביקייט וואָס רופט! נישט צום פאַרזוימען — — — —

.4

בייז קלאַפּט עמעץ מיט דער חוצפּה פון אַ האַר אין דער טיר:
„ווער איזט דען דא היער?!"
— „פאַרשטעק זיך! שרייט אַלץ אין אים צו איר.

שוין קלאַפּט אַ גאַנצער שטורעם ווען זי איז אין פאַרשטעק,
נאָך פרעגלט זיך אין דער לופט איר אָטעם; וואַרעם איז פון איר די דעק.
דורך דער אָפענער טיר דרינגט דער שעף אַריין מיט זיין געהילף
מיט אויגן גלאַנציקע ווי ביי בייזע, הונגעריקע וועלף:
„זאָ מאָזעס! וויר האַבן דיין טיפן שלאַף געשטערט!"

— וואָסי? זאָל ער עטוואָס שוין האָבן דערזען, געהערט?
— — — „טרינקען! זאָל ער אַרויסגעבן וואָס צו טרינקען, ד ע ר   יי ד!

נאָר וואָס איז ער אַזוי דערשראָקן, בלייך און מיד?
גאָרנישט, ער וועט מיטטרינקען מיט זיי און זיך אויפהייטערן עטוואַס...
אינטערעסאַנט, לעצטנס זעט ער, מאָזעס, אויס אַזוי בלאַס, אַזוי בלאַס!"
— מיינט ער עס ערנסט דער שעף, אָדער גלאַט אַזוי, אין שפּאַס?

נאָר דער געהילף, דער אָבערליטענאַנט, לאָזט נישט קלערן לאַנג:
„וואָס דוויערט עס אַזוי ביים ייד מיטן שייסלעכן געטראַנק!?
זאָ... טרינקט ער מיט, מאָזעס... זאָל ער טאַקע ווייזן ווי אַזוי אַ ייד טרינקט!
און נאָך עפּעס... נאָך עפּעס מוז ער זיי ווייזן... אומבאַדינגט!

וואָס שטייט ער, וואָס? ווו איז זי דאָס, די „ראַכעלאַ" פאַרשטעקט?
מיט זיין „ראַכעלאַ!", מיט זיין „ראַכעלאַ", וואָס ער מאַכט אימער, זאָל ער —

הע, אויסזוכן זי!! און ער — נאַקעט אויסציען זאָל ער זיך און אַן עק!"
האַ! וואָס שטייט ער אַזוי שטום דאָרט און גאַפט פאַר שרעק?
ווילד גרייפט שוין אַ האַנט צום אָרט ווו דאָס מיידל ליגט.
שפּאַסן זיי אין שכרות? אָדער זענען זיי פאַררוקט?

...שוין שטייט זי אין מיטן שטוב... הענט רייסן פון איר ס'לעצטע העמד.
צאָרנדיק שרייט דעם שעפס שטים, בייז אַזוי און פרעמד:
„און אויך פון אים רייס אַלץ אַרונטער... אָט אַזוי! אַזוי!
און יעצט, מאָזעס, צייג מאַל — — — נו, ווי געווײנלעך, מיט אַ פרוי! — — —

— — — — — — — — — —

# עפּילאָג

אין אַ פאַרטאָג האָט ס. ס. פיר לאַגער־יידן אַוועקגעפירט אַהין.
נאָך האָט דער לעצטער פונק זיך געלאָשן אויפן קאַמין
און ממזריש געבלינצלט אויף די צוויי צוזאַמענגעפלאָכטענע קערפערס
אינדערמיט...

... שטיל האָט יעדער פון די פיר דערשטיקט אין זיך דעם לעצטן זיפץ
ביים אויפהויבן צום טראָגן דעם צוויי־אין־איין גוף — — —

... און אין אַ ווינקל אויפן פעלד אין אַ בלייכער חלום־נאַכט
האָבן דערשראָקענע יידן־הענט אַ קבר אויסגעפלאַכט

פאַר משה ראַפּאָפּאָרט און צביה איילבוים — די לעצטע זאַמאָשטשער
מאַראַנען.
באַהעפט און דורכגעשאָסן דורך די פאַראייניקונגס־אָרגאַנען — — —

אין אַפּריל 1943

# שלמה דער סטאָליער דערציילט...

(איינער פון די צענדליקער איטעניטישע ווידויים, אויפגע-
כאפטע אין קראַנקענהויז פון שרעקלעכן „ווערק צע״ — אין
לאַגער פון סקאַרזשיסקאָ-קאַמיענאַ 1943).

.1

... און ס'דערציילט דער הויכער סטאָלער שלמה, פון נעבן אַפּט :
אויך איך... אויך איך בין אַ מענטש געווען איידער מ'האָט מיך געכאַפּט...
ווי די פּאָליציי דאָ — געטראָגן שטיוועלעך און אַ קראַוואַט צום קאָליר
אַ שטיק דאָרפישער... אָבער — פאַרן שטעטל-באַגריף — אַ קאַוואַליר !

הויך און ריזיק... און אַ פאַרדינער ! וואָסזשע מיינט איר ? אַ שטעטל מיט
מיידלעך...
וואַרפט זיך יעדע אָן... רעדט צו דיר פאַרשידענע אַזוינע ריידלעך —
נו, האָט מען געלעבט ! אויסגעפּוצט זיך נאָך דער אַרבעט און שפּאַצירט...
אַ געטאָ... ענג... קיין קינאָ... האָט מען ראָמאַנעלעך געפירט...

אַ סטאָלער בין איך געווען. „גאָלדענע הענט!״ האָבן יידן און גויים געלויבט
און — בעלי-מלאכות ווערט מען נישט ריידן... האָט מען געגלויבט...
פאַר די דייטשן האָב איך די בעסטע אַרבעטן אויסגעפירט — אַז זיי האָבן
געשטוינט
און — אומזיסט אַהין, אומזיסט אַהער — ס'האָט ד אָ ך געלוינט !

האָט איינער געגעבן דאָס, דער צווייטער יענץ — אַ געשאַנק
איינער פאַר אַ שטיוול-קנעכט; דער צווייטער פאַר אַ שראַנק
דעם אמת געזאָגט, האָב איך בעסער געהאַט ווי פאַרן קריג...
ווייל וואָס בין איך דען געווען אַמאָל ? אַ וואָרעם... אַ פליג !

קיינער פון די בעסערע קרייזן האָט נישט געהאַט קיין וואָרט מיט מיר...
צווישן אייגענע סטאָלער־חברים — יאָ... אָבער יעדע בעסערע טיר —
איז דאָך געווען געשלאָסן... אינטעליגענץ... מיט דער אייגענער, שווערער שפּראַך
און איך — קיין שולע נישט געהאַט... און נישט געלייענט קיין סך...

און דאָ, אין קריג — אַלץ איז אַרבעט! דער גרעסטער מיוחס זענען די פינף פינגער!
בעלי־בתים פון אַמאָל... קרעמער... לומדים — מוזן ס'שפּייעכץ שלינגען
און שוסטער, שניידער — זיי זענען ביי דער מאַכט די הויפּט־אינזשעניר...
שתדלנים גאַנצע! קליידן זיך... קויפן פוטער און שטוב און אייער!...

האָבן בעסערע מיידלעך זיך געשאַרט צו אונז... געזען דאָ ברויט און שוין געלויבט אונז... קאָמפּלימענטן געמאַכט — „אויף פּוץ"
אויסגעזוכט רייד צום געפעלן, און שטוב אַריין פאַרבעטן
און מיר האָבן צווישן יחוס... אויף יחוס אַרומגעטרעטן — — — —

*
**

אָנגעהויבן האָט זיך עס געגנוי ווי איבעראַל:
אַ ליסטע פון „אומנויטיקע" — דער ערשטער קאָנטינגענט!
מ'טיילט אויף שטוב־זיצער און אַרבעטס־הענט —
ווער ס'איז נוצלעך אָדער נישט פאַרן האַר...

בין איך אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען פריי ווי אַ פויגל —
און שטעטל ברענט... געשרייען... טרייבעניש און שיסעריי...
יעדעס מאָל פירט מען אַ צעשויבערטע גרופּע פאַרביי
מיט מטורפע, פאַרצווייפלטע און דערשראָקן־בעטנדיקע אויגן...

איך ליג צווישן האָלצשניצעכץ און מוז נאָך הובלען ווייטער
דורכן פענסטערל וואַגלען אַדורך די קלאָגן, פון געכאַפּטע...
דער הובעל קרעכצט אַרויס מיט זיפצן אָנגעזאַפּטע
און איך... שמייכלען מוז איך צו מיין געפרייטער — — —

כ'האָב דאַמאָלסט פיינט באַקומען אַלע מענטשן וואָס לעבן ערגעצוואו!
אַמבעסטן וואָלטן געווען ווען די גאַנצע וועלט זאָל מען פירן אָט־אַזוי, אַזוי!
און דאָרטן... אין גאַז־קאַמער זאָלן זיי זיך טיילן: גוי־יוד... ייד־גוי...
...איך זאָל בלייבן. בעלי־מלאכות באַשעפטיקטע לאָזט מען דערווייל צורו...

איך הער אָבער יעדן טאָג און שפּיר אַז אַלץ גייט אין ראָד
בין איך — מיט אויפגעשפּיצטע אויערן פאַר יעדן מינדסטן שאָרך

זע איך צווײ זעלנער שטײן און שושקען — שטײ איך און כ'האָרך
טאָמער װעט אַ װאָרט זיך צוקװילערן צו מיר גראָד — — —

ביז אײנמאָל דערפֿיל איך אַז ס'איז הײס אַרום... ס'ברענט —
פֿאַרשװינד איך דורך די אַרומגעשטעלטע געסלקעס אין נאָענטן װאַלד
יעדער טריט שװידערט; כ'װײס נישט אױב מ'אַנטדעקט נישט באַלד
און דאָ — אָן אַ „שפּײער"... קײן פּעקל... מיט לײדיקע הענט...

...איז װילאַנג קען מען ליגן אין װאַלד אַזױ ? אַ טאָג... אַ װאָך !
גראָזן... אַ קאַרטאָפֿל בײנאַכט פֿון פֿעלד... נמאס װערט אַלץ און מיאוס !
עסן ! פּרעס אַ שטיק רױ גראָז ! דערמאָנט איך : אַ ײנג — אַ ריז !
און — שלאָף ! שלאָף אײנגעגראָבן אין דר'ערד... אין אַ מײזנלאָך...

בין איך בײנאַכט אין דאָרף אַװעק... אָנגעקלאַפּט אין אַ שײבל :
— עפֿן ! און נאָך שטילער : עפֿנט דאָרט, אום גאָטעס װילן!...
ס'האָט דער הונט דערשמעקט מיך און גענומען בילן —
און — איך... קײן פּיפּס מער... איך װיל מיט קײן װאָרט אים נישט
פֿאַרטרײבן...

ביז אַ באַקאַנטע שטים, אין גענעצן געװיקלט, ציטערט דורך דער שפּאַרע :
— נו יאָ... דאָס בין איך, שלאַמקע ! דער מעבל-סטאָלער שלאַמקע !...
װײטער אַ פּאַרעניש... אַ טיר-סקריפּ... דער שטילער קרעכץ פֿון אַ קלאַמקע
און די אױגן פֿאַרלױפֿן פֿון װאַרעמער, שטוביקער פּאַרע...

װידער זע איך די רז פֿון אַ שטוב... קאַרטאָפֿל און מילך... פּױערישע גדולה...
און כ'פֿאַל אים צו די פֿיס : װי אַ קנעכט װעל איך אים דינען !
מעבל װעל איך אים מאַכן... לאַנדװירטשאַפֿט-מאַשינען —
בלױז אונטער זײנע פֿליגל זאָל ער נעמען מיך, האָװרילע ! — — —

נאָר האָװרילע שװײגט פֿאַרכמורעט : אַ ענגע שטוב... אַ אוקראַינער אַלײן...
און — שכנים !
ס'איז טאַקע שלאַמע... נישט אײן טובה פֿון אים אַמאָל געהאַט...
איז קען ער אײנמאָל בײ אים אָפּעסן, זיך אויסװאַרעמען און װערן זאַט
אָבער — בלײבן ! ? ער װײסט דאָך : מ'קען אין דאָרף דאָ יעדן אײנעם...

און מעשה'ס אַזעלכע : אין אַ דאָרף, אָט-אָ-דאָ נישט װײט האָט אַ ייד —
בײ אַ פּױער אין שײער זיך פֿאַרשטעקט... טיף אין שטרױ
דער פּױער — אַ רחמנות אים... אַ ייד טאַקע — ציטערט אָבער אַזױ...
און אין דרױסן כאַפּט מען אים בײ די ערשטע טריט...

פֿאַרבלאָנקען צוויי זעלנער אין דערפֿל : פֿוטער זוכן זיי... אייער... גענז...
איבער די שטאַלן קריכן זיי... איבער יעדן כאַלופּע
אין איין אָרט — אַ קיצלדיקע מויד... אין דער צווייטער קאָכן זיי זופּע
און איין פּויערס בלאָנדע שיקסע ווילן זיי לערנען טאַנץ...

און יענעמס שעמעוודיק חפֿץ שפּילט זיך אין יאָגעניש מיט זיי
לויפֿט זי צווישן די ביימער... און זיי — וואָס הייסט : זי לויפֿט ! ?
מיט די באַגנעטן האָבן זיי ס'לאַנד מיט אַלע טעכטער אָפּגעקויפֿט !
איז — אין שייער אַריין מיט איר ! אין שמעקעוודיק־טרוקענעם היי !...

אַז דייטשע זעלנער ווילן — איז גאָרנישט נישט פֿאַראַן !...
און — אַ ייד ? קען דען אַ ייד נישט הוסטן דאַן ? — — —

...שפּעטער זענען די פּאָליציי געקומען... ווי הייסן זיי ? די קיסטאַפּאָ !
די גאַנצע כאַלופּע אונטערגעצינדן... ס'גאַנצע דערפֿל אַרומגערינגלט...
און — גאָרנישט ! ס'גאַנצע דערפֿל איז אַוועק מיט די פֿייער־צונגען — — —
דאַרף ער דאָס אַז ס'האַריץ זאָל אים שטענדיק קלאַפּן ?...

און ווידער אַ מעשה און נאָכאַמאָל : אָנגעזאָגט געוואָרן שטרענג !
דער סאָלטיס... דער וואָיט... אַלע קענען ליידן דערפֿאַר
און דערצו — מעג שלאַמע וויסן — איז אין דערפֿל פֿאַראַן אַ אייגענער
זשאַנדאַר
וואָס האַלט ס'אויג אויפֿן דערפֿלס פֿאַרדעכטיקע גענג...

נאָר האַווריליע... דאָך אַ אַנדערער ווי אַלע, דער האַווריליע !
רעדט און רעדט... אינדרויסן אָבער איז די וועלט מיט שוואַרצער בלינדעניש
געשלאָגן
און כאָטש : אום גאָטעס ווילן ! זאָל ער זיך, שלאַמאַ, ערגעצוווּ אָפּטראָגן !
איז עס אָבער גיכער אַ בעטן זיך... מיט רייד אַזוינע שטילע...

יאָ, געלט האָט ער ביי זיך, שלאַמע, אַמעריקאַנער אַזעלכעס... גאָלד !
און „שטיינדלעך" אַזעלכע... און זלאָטעס... קנאַקעדיקע „גוראַלעס" !
און עסן... פֿאַרן אויסבאַהאַלטן באַקומט האַווריליע אַלעס...
און אַ סטאַדאָלע שטעלן האָט ער דאָך אַמאָל געוואָלט !...

בלייבט עס : נישט אין שטוב נאָר אונטער האַווריליעס סאָד, אין קעלער !
דאָרט וועט שלאַמאַ אַרבעטן טירן... פֿענסטער, בענקלעך און טישן...
ס'איז אַ ריזיקע ! מסרן קען מען אַמאָל... מ'קען גלאַט אַזוי דערווישן...
ווייס ער ? אפֿשר באַגייט ער אַמאָל דערמיט אַ פֿעלער ? — — —

און אַזוי האָב איך געאַרבעט פֿון פֿינסטער ביז פֿינסטער
אַמאָל האָט האַווריליע ברויט געבראַנגט... אַמאָל ס'ווייב — קוכן

פון יעדן געקעצך געברענגט מיר עפּעס צום פּאַרזוכן
נאָר אַזוי — קיין פויגל זאָל דערפון נישט וויסן...

.2

אין די טעג האָב איך אין לאָך געאַרבעט... געגעסן און — געציטערט...
און ביינאַכט, ווען האַווירילע איז צו שכנים אַוועק... טרינקען... פּלאַפּלען...
איז זיין פאַרעלטערטע פרוי געקומען... וואַרפן זיך אויף מיר... צאַפּלען
און מיט טויזנט מיילער געזויגן פון מיר די בלוטן...

נישט איינמאָל האָב איך איר נישט געוואָלט עפענען די טירן
זי האָט אָבער געוויינט... געדראָט... געשאָלטן... געבעטן...
האָב איך געלאָזט זי פון מיר שטיקער רייסן... ס'פליש מיר קנעטן
און די רייד אירע וואָס האָבן געזעגט מיר די געהירן :

שלאָמע... זשידעק דו... יינג ביזטו, וואַרעם און פריש
און מיינער דאַרט — גאַנצע נעכט קריכט ער מיט דיינע פּאַפּירקעס אַרום!...
און יעדע נאַכט כמעט אַזוי קומט זי און זי קומט
פרעסט פון מיר, רייסט שטיקער און דראָט : ווען נישט... ווען נישט...

און איינמאָל זאָגט זי מיר : ווייסטו, ס'ווילט זיך מיר צום וואָיט אַוועק
אים זאָגן : אַ זשידעק באַהאַלט מיין מאַן זיך אוים ! און — שוין...
ווייל האַווירילע — אַ כשוף האָט אים אָנגעטון דיין פּאַפּירענער לוין !
וויל איך צו אַלעמען צוזאַמען מאַכן אַן עק — — —

אַזוי זאָגט זי אַלעמאָל און לאָזט עס איבער אויף נאָך אַ טאָג...
קומט פיבערדיק און פלאַטערט צוריק אַוועק ווי אַ ציטעריקע הון —
געהיטן אַליין זיך ס'זאָל עמעץ נישט דערוויסן זיך דערפון
און ס'זאָל צו האַווירילען זיך נישט געבן אַ פּאַרטראָג...

איז אַט אַזוי אַ וואָך און צוויי אַוועק אין געיעג...
די נעכט — משוגענע, נמאסע און באַליידיקטע, ווי קרעציקע שאָף...
אַביסל — די האַווירילעכע... און אַ טייל — געשפּענסטיקער שלאָף
נאָך חניפהדיק־צעהאָרעוועטע, סכנה־פאַרקויפטע טעג — — —

*
**

ביז איינמאָל אין אַ נאַכט. זי איז גראָד דאַן נישט געקומען —
ווען די בייזע פינסטערניש האָט געגעסן די שעהן מיט די שוואַרצע ציין...
און ס'איז שוין בעסער מיטן טייוול צו זיצן איידער מיט זיך אַליין
בשעת די צונג פּלאַפּלט אַליין פאַרן איינגעשטומטן גומען...

ס'זאָגט זיך נאָר : אַליין ! אַז אַרום דיר בראָיען אַרום געדאַנקען
פינסטערע, ווי פון איר אַליין אַרויסגעקנעטן און געוואַקסן
פילסטו ווי זיי זעצן זיך דיר שווער אַראָפּ אויפן אַקסל
און בייסן זיך אַריין אין גוף, אין בלוט אַריין ווי שלאַנגען...

דערמאָנסטו זיך די שטוב... די דייניקע... וואָס איז מיט זיי געוואָרן ?
אַוועק... גוט, אַליין אַ לאַך פאַר זיך געפינען —
נאָר — און ס'רייסט פון זיך שטיקער דער אייגענער זינען
אַז דו ווילסט רופן הילף קעגן זיין פלוצימדיקן ווייי און צאָרן — — —

איז פלוצים... האַמערט אַ שרעקעוודיקע פויסט אין דער קעלער־טיר...
ניין ! קיין דייטשן ווערן אַזוי נישט קלאַפּן... אויך נישט — זי
אַ חלשות־געבעט רייסט זיך פאַרזיכטיק פונם קלאַמקע־צי
און שפּעטער שטומט עס געוויינליק דורכן פאַרצווייפלטן ברעט־באַריר...

טרייבט מיך עמעץ צום טירן־שפּאַלט, לאָזט די פינגער פריי
— און זיי עפענען... ס'זאָל אַפילו געשען דאָס וואָס עס דאַרף געשען...
און ס'האָבן מיר טריט אַריינגעשפּאַנט אין קאָפּ, אין געהער
און אַ געפּרווירן ווייגען האָט זיך אין קעלער־וואַרעם געטון אַ פאַרגיי — — —

גאָט ! ווי דאָס האַרץ צעבריזגעט זיך אין קליינע שטיקער !
ווער איז דאָס געווין ! ? ס'איז מיר דאָך קענטלעך ! קענטלעך !
אַ בלאַסע שיין יאָגט פון די אָפּגעהובלעוועטע ווענטלעך
און פון מיר אַליין שרייט עס, ווי אַ נישט־געווינטער שכור...

— טאַטע ! ! ! ס'קוקן אויף מיר די שפּיזן פון זיין געשניטענער באָרד
און די אויגן זיינע !... רויטע, באַאָדערטע אויגן
וואָס בלאַנקען אויף מיר פאַרתמט, מיט אַ פרידיקן זויגן
און פאַלן צו די ליפּן — אויסטרינקען ביז דנאָ דאָס געפאַלענע וואָרט...

שלמה ! ! ! גלעטן די בלוי־געשוואַרצטע ליפּן דעם נאָמען מיינעם... שלמה !
און ס'יאָמערן מיינע ליפּן מיט אַ פרייד וואָס ער קען נאָך ריידן
כאָטש די שרעק שפּאַלט דאָ די לופט אין מיליאָנען שריים
וואָס כאַפּן און טראָגן אונז ביידע אַוועק אין תהומות — — —

אינדרויסן גאַפּיעט דער חושך און הערט, שנאַפּט ווי אַ אויער
און דער טאַטע ציטערט... ציטערט פון קעלט און פיבער...
אינדרויסן שפּילט דער ערשטער שניי מיט בוימער זיך אין ליבע
און פאַרווייסט צולהכעיס דעם חושכדיקן לויער — — —

און ס'דערציילט דער טאַטע... דערציילט ? כ'האָב עס מיר אַליין געזאָגט !
...אַוועקגעפירט... אויסגעשאָסן די שטאָט... דעם ברודער... די שוועסטער...

און ער — דעם אייגענעם מענטש אין זיך געלעסטערט !
געלאָפן איז ער... באַהאַלטן זיך... אין אַ לאָך — ביינאַכט; אין וואַלד — ביטאָג...

ווו ער איז געשלאָפן ווייסט ער שוין נישט אַליין
אַמאָל אין אַ חרובן שייער... און אַמאָל דעם שלאָף דערשטיקט אין די טריט
ס'האָבן אַמאָל בלעטער דעם קאָפּ אים פאַרשיט
און אַמאָל האָט דער הימל באַגאָסן מיט געוויין...

„— ס'איז פּראָסטיק, שלמה'ניו... דער וואַלד טרייבט!..."
און כ'זע ווי די אויגן זיינע טאַפּן בלינד מיין באַנק
די אויגן זיינע גיסן מיט רויטן, בליקיקן בלוט... קראַנק איז ער... קראַנק ! ! !
העמערט עס אין מח ביי מיר און פאַרטייבט — — —

אָט באַלד וועט ער צופאַלן צו דער ערד, אַריינלייגן זיך אין איר —
ס'בויגן זיך די קניען, פיבערן תפלהדיק אוים זייער מיר
און ס'לאָזט זיך פאַנגען אין דרעמל אַריין גליד נאָך גליד
מיטן לעצטן, חשבונדיקן פאַרליר — — —

טאַטע ! אַ הונט האָט פון מיר זיכער דאַן אַרויסגעוואָיעט :
— מאָרגן פאַרטאָג... האָורילע וועט קומען מיך וועקן — — —
און דעם טאַטנס בגדים צעטרייסלען וואַביק זיך ווי צעוישעטע פלעקן,
אַזיווי מכשפים־פליגל וואָלטן דאָ אַרומגעבראָיעט...

... שפּעטער־צו האָט מיר דערציילט דער אייגענער זכרון :
„— זיי מיר מוחל, שלמה... דו ביזט יינג — און איך קום דיר שטערן..."
דאָס רעשט האָבן שוין דערזאָגט, אודאי, זיינע טרערן :
צוואָס נאָך זוכן לעבן... אַ מענטש אין מיינע יאָרן ! ?...

ער האָט מיר נאָך געקושט... איר הערט ? אַרומגענומען — — —
און איך האָב נאָך מער ווי פאַרלוירן ס'לשון... כ'האָב געשוויגן...
כאָטש אַ שטים אין מיר האָט אַזוי משוגעדיק געשריגן
און אים געוואָלט צוואַרפן צום געזעגן נאָך, אַ ברום — — —

אַוועק ? זאָגט איר... וואָס פרעגט איר מיך ! ? יאָ אַוועק און ניין...
זיין שאָטן איז ווייטער געבליבן שטעקן, אין די אויגן מיר געטאַנצט...
דער בליק זיינער האָט דעם חושך מיט רויט דאָ באַגלאַנצט
און אין יעדן ברעטל דאָ אָנגעקלעפּט זיין טאַטעדיק געוויין...

ס'איז אים איבעריק געווען זיין פעקל פליש און ביינער
האָט ער עס אַוועקגעטראָגן, ס'זאָל קיין אָרט נישט פאַרנעמען,

ס׳זאָל מיך נישט אויפּציטערן ביים אָנקום פון וועמען
און ער אַליין איז דאָ... דאָ — אַזוי, ס׳זאָל נישט באַמערקן קיינער — — —

דער גאַנצער אויסלעש דאָ קנעט זיך אַריין אין זיין פאַלטן
קנוידערט אוים זיין פיגור, לאָזט אים אין דער לופטן אינמיטן בייגן
דוק איך אונטער דאָס געלעגער... יאָ זאָל ער זיך לייגן !...
כ׳וויש אַריין די הענט אין שאָטן־קנוידער און קען אים נישט פאַרהאַלטן...

ביז אַ חוזקע קלאָרקייט עפנט מיר דעם בליק פאַרצווייפלט :
— העי נישטאָ... געווען אפשר... אָבער יעצט איז ליידיק... ליידיק !...
די געדאַנקען קומען צוריק בייז און שאָדנפריידיק
דערציילן מיר אַזוינס, וואָס כ׳קען איצט נישט באַגרייפן :

פאַרוואָס האָב איך אים געלאָזט אַוועק ?
פאַרוואָס בין איך נישט מיטגעגאַנגען ? נישט נאָכגעלאָפן ?
וואָס האָב איך געמיינט ; כ׳וועל היינט ווידער שלאָפן —
ווען דער טאַטע — — — און כ׳זע אַ ביקס... גוויים מיט העק — — —

ווילאַנג דאָס האָט געדויערט ? סעקונדן קענען אויך זיך ציען ווי יאָרן !
און ציילן איז נישט מעגלעך געווען... פאַרלוירן די מאָסן...
אַז די ווייטיק־שאַרף פון די רגעס האָט זיך איבערגעגאָסן
און פאַרמישט דאָס משוגענע אין מיר צוזאַמען מיטן קלאָרן — — —

ווער איך נמאס זיך אַליין. כ׳שפּיי אויף זיך מיט שרעק :
ווי קען איך ! ? דעם איינציקן וואָס כ׳האָב נאָך, דאָס לעצטע!...
און ס׳שפּעטן מיר נאָך די באַדויערן, צערייצטע און אויפגעהעצטע :
געטריבן דעם טאַטן ! דעם טאַטן... פון קעלער־פאַרשטעק !...

דריים איך די טיר אויף פון קעלער... לאָז זי אָפן
כ׳לויף און ווייס נישט אויב איך לויף... צי כ׳לעב אַפילו...
אַז כ׳האָב נישט דעם ראָק אויף זיך און ס׳פרעסט אַ לופט, אַ קילע —
כ׳האָב אַפילו דעם געדאַנק נישט מער — זיך אַליין צו שטראָפן...

.3

אַ גאַנצע נאַכט בין איך דאַן אַרומגעלאָפן זוכן דעם טאַטן
באַשמעקט יעדן בוים... אַפילו געשאַרט מיט די טריט אין שניי...
ס׳האָט געברענט מיך : פאַרוואָס האָט ער געקושט ? פאַרוואָס נישט אַ געשריי —
וואָס זאָל שרפען אין קעלער, צינדן האַווירלעס כאַטע ! ?...

נאָר דער שניי האָט פאַרשיט אַפילו די סימנים פון זיין גאַנג
ס'זענען געבליבן די הויכע, משוגענע בוימער־מתים,
וואָס זענען געשטאַנען איינגעהילט אין תכריכים ווייסע
און איינגעפּרעסט די טריבע ווייסקייט אין זייער צוואַנג

און אין פאַרטאָג האָב איך צוריק נישט געקענט —
דעם טאַטנס אויגן האָבן זיך געקוילערט ווי רויטע רעדער אין דער לופט
און געצויגן ווייטער... אָט דוכט זיך אַלץ — ער רופט
און ס'וועלן אים באַלד טראָגן אַ פאַרחלשטן מיינע הענט...

נאָר ס'האָבן אים, בעסער פאַר מיר, אויפגענומען די באַהאַלטענע וועגן
אפשר האָט דער שניי זיך ווו פאַרפּוכט אים צוקאָפּנס
געוואַשן אים דעם חושך פון פּנים מיט ווייסינקע טראָפּנס
און אויסגעשפּרייט אַ ווייסן ליילעך אויף זיין ברייטן געלעגער — — —

נאָר ביי מיר איז דער ווילן צו הפקר זיין אַריין אין יעדן רגע
איך וויל יעצט פון מיר אַנטלויפן, אָפּטיילן זיך פון יענעם, דעם נעכטיקן...
כ'וויל זיך דערשטיקן אַליין — קענען די הענט זיך נישט מעכטיקן
טראָג איך זיך און וואַרט — ס'זאָל מיר קומען אַנטקעגן — — —

*
**

אויף דער צווייטער נאַכט האָט מען מיך געפאַנגען.
פאַרוואָס זיי האָבן נישט דערשאָסן ? נישט צום פאַרשטיין !
אַז כ'האָב זיי פיינט באַקומען שוין בלויז צוליב דעם אַליין
וויל סיי־ווי האָבן געשטיקט מיך דעם טאַטנס פאַרכל־קלאַנגען !...

דערנאָך ?... נישט וויכטיק וואָס ס'איז דערנאָך פאַרגעקומען !
אַ פאַרהערעניש; וואָס ? וויאַזוי ? אַ באַרג מיט פראַגן האָבן געשיט זיך נאָכאַנאַנדער...
ס'איז געפעלן זיי וואָס כ'האָב אַ האַלב־נאַקעטער אַרומגעוואַנדערט;
אַ געזונטער ! און מ'האָט מיך צו אַרבעט צוגענומען — — —

נאָר — מיטן טאַטן ? יאָ כ'האָב דערוווסט זיך דאָ אַלץ גענוי :
אין דערפרי איז ער אין שטאָט געקומען... געגאַנגען פראַנק און פריי...
געגאַנגען און געקוקט אין די אויגן גלייך דער פּאָליציי —
און אַריין אַהין : כ'בין אַ ייד... באַהאַלטן זיך... אַזוי און אַזוי...

געשאָסן ? וואָס דען וועלן זיי טון ! ? אים לעבן לאָזן ?
מ'האָט אַפילו געפרעגט אים... זיי האָבן עם עפּעס נישט געקענט פאַרשטיין :

ס'קומט אַ ייד... באַהאַלט זיך נישט — נאָר קומט אַליין...
נישטאָ קיין תענוג פון כאַפּן... אַ אמתע יידישע העזה !

האָבן זיי אים געפרעגט אויב ער וויל נאָך לעבן אַביסל... הערט : אַביסל !
אין מיטן מאַרק ביי אונז איז עס דאָרט געווען
די פּאָלאַקן זענען געשטאַנען און צוגעהערט, עס צוגעזען...
און דער טאַטע : מוחל אייך אייערע מערדער־נסים !...

און נאָך עפּעס : אַלע גויים זאָגן ס'זעלבע : ער האָט געלאַכט !
זיי שטייען גרייט צום שיסן... לאָדן ס'געווער
און ער — לאַכט... הא, ער לאַכט און עפּעס זאָגט ער :
שיסט... אָבער מיין זון האָב'ך געזען די היינטיקע נאַכט — — —

*
* *

...איר זאָגט : שטאַרקן זיך... ס'וויים נישט וואָס איר מיינט און ווילט מיינען...
ס'וועט דען העלפן ? קען מען לעבן און אַרומטראָגן זיך דערמיט ?
איר גלייבט — יאָ... אָבער, ניין ! איך גלייב עס נישט — — — — — —

און כ'בין מקנא שלמה סטאָלער, וואָס ער קען נאָך וויינען.

סקאַרזשיסקאָ 1943

# צו אייך הונגעריקע און שקלאַפן מידע...

די טויזנטער חברים מיינע, אומגעקומענע אין סקאַרזשיסקער אַמוניציע־פאַבריק „ווערק צע" —

אַ שטילער הספד.

1.

צו אייך, הונגעריקע, קען מען נישט רעדן קיין סך
נישט מ'זעט אויף אייך אַ שמייכל; נישט מ'הערט פון אייך אַ לאַך
דער טויט האָט זיך בייגדלשפּיל געמאַכט פון אייערע גלידער —
וואָס זשע וועל איך עס דאָ פאַר אייך פּרעדיקן ווידער ! ?

אַז פון אייערע בגדים זענען געבליבן — בלויז כשוף־צוויטן
און פון די אויגן אייערע קוקן אַרויס הונדערט טויטן
וויאַזוי זשע קען איך עס, שרייבער, פּרעדיקער און נאַר —
אייך פּרעדיקן, משפּטן דערפאַר און דערפאַר, און דערפאַר ? !

... אַרבעט ! האָרעווען אין הונגער ! אויסהאַלטן אין שמוץ, אין דרעק, אין קויט
נאַרמען! 1) שאַפן זאָלט איר! לייסטן מיטן דאַרן זעקל ביינער און געלער הויט
דאַן ווען איר בייסט פאַר צאָרן, פון יסורים ביז בלוט די פינגער
און יעדער טריט אייערער פיבערט : כ'הונגער ! כ'הונגער ! ! !

זע איך, הער און וויים יעדן ברום אייערן, אייער מינדסטן באַריר
און ס'גלעט אייך מיין אויג אין אייער גיפטיקן געל; אין אייער ברוינעם טראָטיל־קאָליר...
...אַז אינגאַנצן זענט איר גאָר געוואָרן גיפט און שרויט !

מיד זענט איר נאָך פון משאס הייבן; פון שלעפן, שטופן, טראָגן
און פון איבערגעבראָכענעם שלאָף אין ספק־נעכט, ספק־פאַרטאָגן
גיסט איר אַריין אַ לעפל קלעפיק מיסט אין ליידיקן מאָגן
און לאָזט אייך פירן אין די ליכטיקע האַלעס פון טויט...

*
* *

הונגעריקע איר! אַז איר ווילט נישט אויפגעבן —
אַז ווייטער ווילט איר זיך שלעפן... העזה האָט איר צו לעבן —
מוזט איר די העכסטע פרייז באַצאָלן! מוזט איר אַלץ באַווייזן!
פאַרן יחוס בלויז אויפן זאַטנס ערד צו שפּרייזן

און פאַר זיין באַוויליקן בלויז אויף אייער דאַרן גוף צו קוקן
מישט זשע שנעל די קעסלען! שלעפט די משאס! בויגט דעם רוקן!
שטופט גראַנאַטנוועגן שווערע באַרג־אַרויף!
צערירט די דאַרע גלידער! טוט די געלענקען אַ צעשרויף!

אַנו, זאָל דער רוטהאַלטער זען עס און זיין צופרידן:
„— זיי שאַפן דאָך עטוואָס, די פאַרפלוכט־פאַרדרעקטע יידן!"...
טרייבט דעם אָטעם אייערן... קיין מינוט נישט אָפּצורוען!
זאָלן גיפטקעסלען אייער האַרץ פרעסן! זאָל עס ביי אייך קרעכן אויסבריען!

ווייל — גאָרנישט... באַשאַפן זענט איר צום ליידן —
אַז אָפּרייסן זאָלן זיך די לונגען; איבערדרייען זאָלן זיך די אינגעווייד...
הונגערט זשע און טרוקנט! זאָל אייער צונג צום גומען קלעבן!
העי, באַצאָלט! באַצאָלט מוז ווערן פאַרן טייערן לוסט צום לעבן! — — —

.2

און אויך דער טויט קומט נישט ביי אייך גלאַט אַזוי, שנעל
אין שטעקלעטשלעך... גלאַט גערופן פון דער שוועל —
ווי אַ לאָקיי וואָס מ'קען יעדע מינוט רופן צום געברויך...
העי, העי, צום שטאַרבן מוז מען האָבן כוח!

און איר האָט עס נישט מער... ניין! איר קענט נישט שטאַרבן!
(פונקט ווי מ'קען נישט צעברעכן אַ שוין־צעבראָכענעם שאַרבן...)
איר קענט נישט אַזוי צו זאָגן זיך מיטן לעצטן באַקלער:
ניין! ! ! כ'וועל נישט! איך קען נישט מער!

און — פּאַרטיק ! איר גייט נישט מער אין שפּאַן !
(די איינציקע נקמה אין האַר — וואָס ס'איז ווינציקער אַ שקלאַף פּאַראַן !)
ווי אַ טעות־ליכט וואָס לעשט נישט און ברענט נישט — — —
ווידעראַמאָל זע איך ווי איר ווילט און — קענט נישט, ביי גאָט ! — איר קענט נישט !

נישט איר קענט פּאַרלעשן זיך און נישט איר קענט צעברענען זיך, אויפפלאַמען
און אומקומען אויף די חורבות מיט די פּלשתים צוזאַמען — — —
ווייל בלינדע גבורים וואָס וואַרפן זיילן אום אין בלינדער אָנמעכטיקער גבורה האָט עס אין לעגענדעס בלויז געגעבן... אין פאַרשטייפטע מומיען־שורות...

איר האָט אפילו נישט אין זיך דאָס ביינאַכטיקע וואָיען פון הונגעריקע וועלף וואָס באַפעלן צום לעצטן, נישט־צעבראָכענעם הונגער־צאָן זייערן : העלף !

— — — — — — — — — — — —

אַלץ אין אייך איז שוין אַזוי פאַרשטייפט פון פריער
אין אייער נשמה איז בלויז פוסטער געהייל און שדימדיקער געפּריר
וואָס מ'קען שוין מער מיט הונדערטער פייערן נישט דערגליען
איר וועט שוין מיד אַזוי און שלעפּעריק דעם שקלאַפנוואָגן ציען —

ביז צעזעצט ווערן ! אויפּרעסנדיק קרישקעלעך פון דער אייגענער גאַל
ביז צום פּלאַצן... ביז צום פאַלן — — — —

***

אַמאָל ווייסט איר עס אַליין אויך : דער טויט וועט דאָך זיכער קומען !
איר שפּירט עס אין דעם טריט פון די שטעקעלעך־פיס; אינעם ביטערן זאַפט פון גומען
און אינעם געלן ווינט וואָס שלענדערט זיך צווישן הויט און ביינער
שוין שלעפּט איר די פיס ווי פרעמדע, ווי צוגענאָגלטע שטיינער

און שוין זעט איר דאָס משוגע־שפּיל פון דאַר ווערן און אָנגעשוואָלן
נאָר איר זיצט שוין אין משוגעים־העמד; אַריין שוין אין די שקלאַפנראָלן !
צאַפּלט איר נאָך אין מינוטן אויך; אַלץ אין אייך שטרענגט ס'לעצטע אין זיך אָן :
נאָך אַ שאַנס אפשר ? פּרוווט איר שפּילן נאָך אַ קאָן

זוי מעפיסטאָ וואָלט אין די טויטע אברים אַריינגעשריגן : טראָג ! פאַרטראָג !
אפשר נאָך אַ וואָך ? אפשר נאָך אַ טאָג ?
און אַזוי גייען און קומען טעג ! טעג !
און אַזוי קומט איר צו אייער פון פריער־באַשטימטן וועג — — —

## 3.

אייערע טעג! ווען מ׳זאָל זיי קענען טיילן אויף מיליאַרד־טיילן פֿון מינוטן —
וואָלט אַ טיילכל אַזעלכעס בכוח געווען צו פֿאַרסמען די בלוטן
פֿון איינעם אַ זאַטן אַזעלכן, וואָס גלויבט אייך נישט און וועט נישט גלייבן
— וואָס איז דען ביי אים אייער טויטע אַרבעט? אייער משא־הייבן —

ביי גיפֿט־שלינגען... אייער יעדן מינוט מיט טראָטיל זיך שטיקן, מיט פּיקרין
זיך באַפֿאַרבן
ניין? איר ווילט נישט? איר ווילט נישט שטאַרבן?
געניסט זשע! געניסט פֿון דעם שקלאַפֿנלעבן, דעם זיסן!
קלייבט פֿון אונטער די רייכע טישן דעם אַוועקגעוואָרפֿענעם, באַשפּיגענעם
ביסן

און — שרייט נישט! ביי אייער לעבן! און ביים לאָזן די שלאַנגענרוט אויף
אייער גוף
בויגט זיך נאָך טיפֿער פֿאַרן טיפֿסטן טיף
און לאָזט שטויסן זיך אין אָפּגרונט, אין די תהומען אָן אַ ברעג
און דערציילט נישט קיינעם... מאַכט נישט אָן קיין שרעק

ביי אַזעלכע וואָס האָבן עס נאָכנישט געהערט — — —
נישט איינמאָל זע איך אייך אַזוי קומען נאָך טעג ווילדע פֿון פּראַצע און
גערויש
אָנגעווייטיקטע פֿון אַ שלעפּ, אַ קלאַפּ, שמיץ אָדער גלאַט אַזוי אַ שטויס
און איר וואַרפֿט זיך אין די משיחדיקע אָרעמס פֿון שלאָף ווי אייער לעצטע
טאַמע

ווייל אויף יענער זייט טרעפֿט איר אַמאָל אייער שוועסטער, אייער ווייב,
אייער פֿאַרשלעפּטע מאַמע...
קרעכצנדיק הער איך אייער שנאָרך ווי אַ טויב־שטומעמס אַ געבעט —
ווען דער מידער קאָפּ אייערער טוליעט זיך צום האַרטן ברעט
און ווען אייער לעצט ביסל מידע וואַרעם צערטלט אינעם בעט די לעצטע
געציילטע שטרויען

(ווי ס׳האָבן אפשר אַמאָל אייערע אברים געטוליעט צו זיך פּרויען...)
— ביז אַ ברוטאַלע האַנט ברעכט איבער אייער שלאָף אינדערמיטן!
צעגעגנעצט איר זיך... וואַרפֿט זיך... און אַנדערע אַזוינע זיטן
פֿון מענטשן אין אייער שניט... קריכט איר אַרויס פֿון קליינעם הייפֿל שטרוי

און דער געגעץ אייערער קומט אַזוי מיאוס אַרויס... זעגעדיק און הינטיש־רוי
ווי איר וואָלט דערמיט געוואָלט אַדורכזעגן די אימה פון דער פינצטערער
נאַכט

ווייל אַ „שיכט" אָפּאַרבעטן — דאָס איז פאַר אייך : פאַרמעסט ! שלאַכט —
מיט מיליאָנען שדים, אומגעזעענע, וואָס קומען מיט רייטבייטשן אייף אייער
יעדן שעה...

אויס קורצער חלום — סקעלעט דו איינער ! — דו ביסט ווידער דאָ... דאָ... דאָ!
שוין שטייען גרייט האַלע פּיסקעס אייך צו צערייבן, אייערע כוחות
אויסצוזאָגן
גיפט צו מאַכן פון אייער שלאָפלאָזיקייט, פון אייערע גרויע פאַרטאָגן

און זיי ווינקען... און זיי לאָקן... און זיי רופן... און זיי דראָען...
און דיין לעבן ווערט צוריק אַ שרייפל אין דער גרויסער מיל פון העד שגעון...

***

... און אַזוי גייט זיך אייער לעבן ווי דאָס מאָנאָטאָנע לעבן פון אַ גריל.
טיף אין אייך בלויז ברעכט זיך... רייסט זיך.. אַן אָדערל פּלאַצט זיך שטיל
און יעדער אבער באַזונדער קעמפט פאַר זיין לעבן, גייט זיך אויס באַזונדער

און ווען אַזויפיל זענען שוין טויט אין דיר — באַוויזטו ווונדער
פון שאַפן, פון אַרויספרעסן פון דיר אַזעלכעס, וואָס פאַר דיר טויטע האָבן עס
נישט באַוויזן...

אָט זע איך אייך ווי איר האָט שוין נישט קיין טריט... קיין אייגענעם ריר
שלעפּט איר זיך... קריכט אויף אַלע פיר...
כאָטש איר ווייסט אַליין אַז איר געפינט זיך אין טויטס פאַרשפּרייטע נעצן —
און איר באַמיט זיך אייער מילבנעקזיסטענץ ווייטער פאַרצוזעצן

וואַרפט איר זיך, באַמיט איר זיך — מיט די שפּיץ־פינגער
אויפצוטרייסלען זיך... דירעוודיקער ווערן... ייִנגער !
מיטן טויטן געשווילעכץ פּרוווט איר ווייטער טרייבן, אַליין זיך איבערשטייגן
און ווען אַן אבער פּלאַצט... מיט ווייטיק — באַמיט איר זיך צו שווייגן —

ווייל איר ווייסט, ווייל איר פילט וואָס ס'הייסט נישט מער צו טויגן...
שאַרט איר זיך... מיידט איר אויס פרעמדע און אייגענע אויגן
ווייל דער טויט ליגט אַמאָל אויך אין אַ בליק אַזאַ וואָס טראַכט : אויס !
און דאַן : אַ שאָס ! ווי מ'צעטרעט אַ וואָרעם, ווי מ'פאַרגיפטעט אַ מויז —

ווערט פון אייך אַ שאָטן בלויז, אַ דאַרער ביינער־פלעק
ווילט איר נישט... און ציט וויטער דעם קנויל ביז דעם עק.
וואָס גייט און גייט; שלעפּט אַהין זיך און שלעפּט זיך צוריק
ביז ער פאַלט ערגעץ אויפן וועג... גייענדיק פון פאַבריק...

.4

זאָל עס נישט הייסן קיין באַשולדיקונג פאַר אייך און אויך נישט קיין באַדויער.
נישט כ'קען אויף אייך אַ רוט הייבן און נישט כ'פאַרמאָג היינט טרויער
איבער אייער פאַלן און איבער אייער לעבנס ווילן...
ס'איז בלויז, אַזוי זיך — אַ פּרווו... אין איינעם אַ טאָג ,אַ שטילן

מיט זיך אַליין און מיט דער גאַנצער וועלט אַ חשבון זיך צו מאַכן
וואָס האָט אונז פאַרהונגערן געלאָזט פון זאַכן
וואָס וועלן שוין קיינמאָל מער צוריק באַשאַפן נישט ווערן — — —
פּונקט ווי מיינע אויגן וועלן שוין קיינמאָל נישט פאַרמאָגן קיין טרערן

און פּונקט ווי איך מיין האַרץ וועט שוין נישט וויינען קיין געוויין
שרייב איך עס אַזוי און דערצייל עס פאַר זיך אַליין...
קען מען דען הונגעריקע באַשולדיקן פאַרוואָס זיי זענען הונגעריק געוואָרן?
קען מען זיי משפטן פאַר זייער שקלאַפנחניפה אַנשטאָט מענטשנצאָרן?

ווייל אויך הונגעריקע און יאָרנשקלאַפן האָבן טיף געליטן, אין זיך געבלוטיקט
האָבנדיק די הערנביימטש פאַר זיך... אייביק — אומגעזעטיקט...
און געליטענע... און געשלאָגענע פאַר זיי האָט נאָך פאַרשטענדעניש אַיעדער
וואָס זאָל אַ שטיין זיין אַפילו... אויב ס'לעבט נאָך זיין פעדער...

*
**

— — — זע איך אייך אין אייער מידקייט, אינעם קורצן אָטעם אייערן...
ווו זענען עס די מענטשנאויגן ! ? ווו ערגעץ די נשמה־פייערן ! ?
אַ פאַלק וואָס הינקט אויף שטעקעלעך, אַ מאַסע פון בלויזער געלער הויט
אינעם געדרוי פון אַ ברויט־ביסן, מיט דאַרע פינגער אין הויפנס קויט

און אויגן — אויגן פון וועלף און פון געשלאַכטעטע שעפסן צונויפגעזאַמען
אויגן וואָס וועלן שוין נישט וויינען מער... כאָטש : צער — גאַנצע ימים !
זע איך אייך ווי איר באַמיט זיך... איר ווילט און קענט נישט מער
מענטשן ווילט איר זיין ווייטער... ארבעטן... כאָטש אַ טריט טון איז שוין שווער

און די אברים זענען מיט יאוש־בליי אָנגעגאָסן...
ווען אַ — זון... די משפחה... אַלץ און אַלעם פאַרברענט און דערשאָסן
און אַליין געבליבן צווישן טויט־מאַשינען וואָס פאַרציען די גסיסה לאַנג, לאַנג...
דאָרט ווו מ׳שטאַרבט עסנדיק, שלאָפנדיק און אין מיטן גאַנג — — —

דורך אַלערליי אומגעזעענע ווענט איז אייער צוג פון לעבן אָפּגעלאָפן
און איך האָב בלויז טויט... אומעטום דעם טויט אָנגעטראָפן — — —

***

און אויך דער טויט קומט נישט אַזוי שנעל, „לייכט" אַזוי —
און ווי אַמאָל... מיט דעם פולן רעש פון אַ לעבן אין לעשן... מיטן מעכטיקן:
אוי!
ווען ס׳האָבן אַמאָל אויפגעציטערט די בלעטער אויף די ביימער אין שטעטל
מיט געשרייען אַפריער... מיט געוויין דערנאָך... מיט אַ קבר־ברעטל...

לאַנג וואַרפט איר זיך אין די נעכט אויף דער האַרטער נאַרע
צאַפּלט... נאָך טעג פון גערויש, פון פּראַצע און שגעון
נאָך מיליאָנען סעקונדן ווען, פאַרצווייפלט, קריצט צאָן אין צאָן
פון שלעפן מיט איבערכוח אייזנאָנגעלייגטע ווענט אַ „לאָרע" נאָך אַ
„לאָרע" 3)

און ס׳ווייגט אין אייך יעדן אבר פון מאַכטלאָזיקייט, פון נישט קענען
מיטדרייען זיך אין גרויסן ראָד פון דאָזעלטיקן גיהנום
און פון נישט קענען באַפעלן די אייגענע הענט זיי זאָלן נישט אָנדראָלן
און וואָס איבערגעוואַלט ווערן די פיס געשוואָלן — — —

די אברים ווערן מיד ברעקלעכווייז, פאָדעם נאָך פאָדעם
און ווען אייך געפיל שטאַרבט איז נישטאָ דאָס צווייטע וואָס זאָל רעאַגירן
און די פאַרשיידענע שטיקער לעבן גנבענען זיך אַרויס — אָן צוערשט צו
שפירן
איר דערשפירט ערשט ווען ס׳איז אייך שווער אַ טריט צו טון אַ גראָדן...

און אַז איר קענט נישט גיין מער — מוז מען אייך פירן!
צום אַרויסגיין... צו די גרויסע האַלע־טירן.
און דאָ איז אַלץ אין זיך פאַרזינקען, מיט זיך פאַרנומען
ווער זשע וועט אייך דאָ העלפן קומען?

שטייט איר אײַן טאָג נישט אויף מער: כאַטש: קלעפּ וועט איר באַקומען!
איר ווילט אַ האַנט הייבן... דעם קאָפּ... אָבער: ווי אָפּגענומען!

מוזן די שטעקנס צעברעכן זיך אָדער — רעזיגנירן...
און וואַרטן... ביז די ריי קומט — אויפן שיספּלאַץ אייך צו פירן

ליגט איר אין ווינקל אַזוי טעג אַמאָל און אַמאָל — וואָכנלאַנג
לעבלאָז... אָן אַן אויג וואָס זאָל צווען דאָס צוקן... אָן אַן אויער פאַרן כאָרכל־
געקלאַנג

אין אייגענעם לייז־געריי און צואה... אין אייגענעם געשטאַנק
ליגט איר אַזוי און צאַנקט... און צאַנקט...

.5

פאַרגליווערט אַמאָל אַזוי איינער צווישן שטרוי־געפּרחע און צואה
צווישן גרויסן באַראַק־געררודער, אינמיטן שלאָפס אַזעלכע פייפעריקע, רויע
זענען שוין דאָ גיריקע הענט אַזעלכע... מיט פיבער אין די אויגן
וואָס שטייען שוין איבער אַזעלכן טיף אַריבערגעבויגן

וואַרטנדיק אויף דעם לעצטן שאָרך — ווי פון אַ אַוועקגייענדיקן צוג — דער
פייף

און ענדלעך — ווען ער הויבט שוין אָן צו פאַרציען זיך מיט שטייף
ווערן די „שיך" אַראָפּגעצויגן... — די שמאַטעס אַראָפּגעריסן!
שמאַטעס טאַקע... לייז... ווערעם! ס'וועט אָבער זיין דערפאַר אַ ביסן

פון אַ נאָכמער נאַקעטן וואָס ס'מזל זיינס האָט אַזוי וויט נישט געטראָגן...
און נאָך צוויי אַזעלכע — טויטע ווי ער... מיט די געלע הויט און ביינער
שלעפּן אים... שלעפּן זיך... ווי אַ הויפן באַוועגלעכע שטיינער
צום יחוסדיקן, פאַרן מיסט־באַשטימטן לאַגער־וואָגן — — —

— — — און דאָרט אין מיסט־קאַסטן, הינטערן קלאָזעט
געזעגנט איר זיך... איז אייער אָפּשייד פון „וועלט צע", אייער גט...
דאָרט ליגט איר אויף אַ הויפן אַזויפיל צוזאַמען
דאָרט זעט איר אייער שוועסטער — דאָרט טרעפט איר אייער מאַמען — — —

— — — — — — — — — —

ניין! כ'וויל אייך אַפילו קיין שקלאַפן נישט רופן... ווייל — שקלאַפן?
יענע האָט מען אַלס גופים געהאַלטן: צום בויען, צום שאַפן
בלויז דעם מענטשלעכן כבוד אין זיי געבויגן; אויפן האַלז זיי געטרעטן,
געצווונגען זיי צו אונטערטעניקייט, צום חנפענען, צום שמייכלען און בעטן

און אָפטמאָל זיי אַפילו געלעגנהייט צום קאַמף זיי געגעבן — — —
שקלאַפן? יענע האָבן די איינציקע גנאַדע געהאַט: צו לעבן!

און איר ? שאַטנס זאָלט איר זיין ! אַ פינצטערער פלעק, אַ גרויער !
וואָס מ'מוז בלויז פירן יעדן טאָג אַרבעטן צום טויער
אָבער נישט : ער זאָל לעבן ! ער זאָל זיין אַ וואָרעם צום טרעטן !
פון אייך וויל מען נישט זען קיין שקלאַפן צו וועלכע מ'דאַרף נאָך קייטן —

נאָר — טויטע ! באַלויזטע אַזעלכע און קרעציקע נישט צום היילן
וואָס וועלן אין פרייהייט קיין פרייע מער נישט זיין נאָר — מומיען ! מומיען...
וואָס וועלן קיינעם אַפילו צו חלום נישט קומען
און אויב נישט צו טון — אַ פויסט כאָטש צו ביילן — — —

...הונגעריקע ! אין די טויזנטער וואַקסן אייערע רייען, אין די מיליאָנען —
וועט נאָך עמעץ דעם כוח האָבן אַמאָל צו שרייען; דעם חוב צו מאָנען?...

סקאַרזשיסקאָ, 1943

1. נאָרמע — באַשטימטע הויכע צאָל גראַנאַטן אָדער קאַסטקעס וואָס יעדער האָט יעדן טאָג צו פּראָדוצירן אין דער פאַבריק

2. האַלע — לאַגער-טערמין פאַר אַ פאַבריקס-לאָקאַל.
3) לאָרע — אַ שווערע אייזערנע וואַגאָנעטקע אויף רעלסן.

4. די טויטע האָט מען אין „ווערק צע" געשמיסן אין אַזאַ מיסטקאַסטן נעבן דער אוביקאַציע. ערשט אין די לעצטע מאָנאַטן פאַר דער „ליקווידאַציע" פון לאַגער האָבן די דייטשן פאַראָרדנט אויפצושטעלן אַ קליין באַראַקל, ווו צו לייגן די טויטע.

5. פיקרין און טראָטיל — צוויי גיפטן, וואָס האָבן פאַרגעלט און פאַרברוינט דאָס מענטשלעכע לייב.

# א מענטש איז זיך מתודה...

## (פון דעם קאַפּיטל „ווידויים")

1.

...זעסט ווי שטיל ס'איז איצט אין לאַגער ? אַ בית־עולם !
אַלע זענען צו דער אַרבעט אַוועק... אַביסל — אין די באַראַקן...
די לופט אַרום — אַ שטיק פאַרגליווערטער, בלויער גולם
וואָס שרעקט אַפילו אָפּ די קראָען צו קומען אַהער קראַקען...

דיר איז גוט איצט, אינמיטן הונגער און צוגעוויינטער שרעק —
כ'ווייס נישט ווו דו האָסט גענומען אַזאַ ווייכע גאַל ! ?
קריכסט זיך צווישן די בעט־ווינקלען טיף אַוועק
און ווערסט אין די פּאַפּירן דיינע ווי פאַרפאַלן...

אַ כח פון אַ מענטש דאָ, צו זיצן און צו שרייבן !
וואָלסט געמיינט ס'איז ערגעץ אין דער היים, ביי אַ טישטעכדיקן טיש —
ס'איז פרייטיק פאַרנאַכט... די מאַמע האַקט די פיש —
און דו זוכסט דערוויל די צייט צו פאַרטרייבן — — —

כ'בין אַ פריינט דיר — דו ווייסט עס אפשר בעסער...
אפשר דיינס אַ ברודער איצט... אַ שטיק פון דיר אַליין...
און אונזער קליינקייט מאַכט איינער דעם צווייטן גרעסער —
וויל איך זיין פאַר דיר, דאָס וואָס כ'קען נאָר זיין...

נאָר ווערסט זען, ווי כ'וועל פלוצים ווערן ווילד...
צופאַלן צו דיין געשריפט און רייסן... רייסן שטיקער !
ס'וועט קומען, אָנגעזאַמלט פון יאָרן, דער געשילט
און קרום אַרויסוואַקלען זיך פון מויל, אַ שכור

...שרייבסט און מיינסט אַז כ׳וויים נישט אַז דו אַנטלויפסט —
רינגלסט זיך אַרום מיט טינט־ווערעם ווי באַשיצער
נעמסט דיין חיה׳דיקן דאָ, ציקלסט אים אין פרומעם טויף
ווי יעדער וואָלט אַ קבר געווען און דו — זיין מצבה־קריצער...

ס׳קען קיינער נישט מעסטן די טיף פון ווייסן פּאַפּיר —
ווי ווייט מ׳קען דאָרט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָמער...
שפּעטער קומסטו אַרויס, ווי פון אַ כשוף־צוגעהאַקטער טיר
און שפּרייזסט זיך ווייטער אויף דער אויבערפלאַך פון תהומען...

די שטיינער שווערן נישט אין דיר ביז טיפן פאַרזינק...
כ׳שווער, אַז ביזט צופרידן וואָס דיר אַליין איז לייכטער !
דעם גיפט צעלאָזטו דאָרט מיט ווינקלדיקן פעדער־טינק
און כאָטש קורטשעסט זיך ווי אַלע — ביזטו אינעווייניק אויסגעגלייכטער...

טראָגסט דיין קרעטן־פּאַנצער עגאָאיסטיש ווי אַ שלאָס
קעגן אונזערע שלאַנג־געביסענע טעג, די שווערע —
טאָ זאָל דיך טרעפן אַ שפּיז פון מיין סם און פאַרדראָס...
זאָל דיך פאַרוואַרפן כאָטש אַ שעה דאָס בלויזע הערן...

***

...כ׳בין נישט קראַנק... ניין ! און ביים קלאָרן זינען...
וויפל יאָרן בין איך שוין פאַרשפּאַרט ? צייל איבער !
וויאַזוי־זשע בין איך עס געוואָרן אין מיטן דערינען ?
ווי קומט צו מיר אַ קרענק ? משוגעים־פיבער ?

כ׳וויל נאָר נישט מיר זאָלן אינדרויסן דאָ זיך דרייען...
זעסט די טויבע ווענט ? זיי הערן און פאַרשרייבן !
די לופט אַרום זיי וועט נאָך קומען אַמאָל און שרייען
און מיט זייער שטומעניש די גאַנצע וועלט פאַרטייבן...

זיי וועלן אפשר בלייבן נאָך אונז די לעצטע עדות —
דאָ שטייען זיי אינדרויסן — מיטן פּנים צו דער וועלט...
דער ווינט, ער קומט דאָ זוכן פון אונזער אָטעם די אבדות
און ער כאַפּט אַרויס פון מויל, דאָס וואָס אים געפעלט...

און איך וויל עס אפֿילו פֿאַר זיי דאָ נישט אַנטפּלעקן
כ׳וויל עס פֿון מיר פֿאַריאָגן און ס׳זאָל ווייטער בלייבן סוד
בלויז די נאָר אויך דאַרפֿסט טראָגן מיינע שרעקן —
און אויך פֿון דיר אַרויס זאָל וואַקלען זיך מיין טראָט

טאָ לאָמיר גיין אין ווינקל, לאָמיר גיין פֿאַרלירן
אין אַ טעמפּער פּוסטקייט, פֿון זיך אַליין פֿאַרשטײַלט
איך וועל ווערן מויל — די וועסט ווערן אויערן
און לאָזן דעם גאַנצן גוף — ווי האַלצשיך ביי דער שוועל...

.2

...אַט אַזוי... אַזוי ! רוק זיך נענטער, נענטער !
כ׳וויל נישט ס׳זאָל אַ באַנק־שפּאַלט ליגן אין דער מיט...
ס׳וואַרפֿט ס׳האַרץ ביי מיר זיך, אויף רציחה־שטריק געפּענטעט —
וויל איך נישט ס׳זאָל ווערן מיט חלל־לופֿט באַשיט...

איך וועל דערציילן, רעדן... די נעם עס און פֿאַרשלינג
ס׳זאָל אַפֿילו אַ רגע נישט ווערן אין הויל פֿאַרזויערט
ווי ס׳האַרץ וויל איך רעדן שטיל, אָנעם וואָרט־פֿאַרקלינג
אַז ס׳זאָלן מיינע ליפּן ווערן פֿון דיר דאָס אויער...

***

דעם לעצטן טראַנספּאָרט... ווייסטו... פֿון געטאָ געברענגט...
ווען מ׳איז געקומען זאָגן : ס׳זענען „אַזעלכע" אויך פֿאַראַנען...
און איך נאָך פֿונעם געטאָ, האָב געוווּ נאָך אויך געדענקט
און אַז מען איז געקומען — האָב איך באַלד פֿאַרשטאַנען...

די ווייסט דאָך פֿון אונזער גרופּע : נקמה פֿאַר אַלע זאַכן !
אויסרייסן ביזן וואָרצל, ווער ס׳האָט צוגעלייגט אַ האַנט...
און נישט אַלעמאָל אַזוי לאָזט עס לייכט זיך מאַכן —
ווען ס׳איז דאָ אַרום עס־עס און ס׳איז איינער אַמאָל באַקאַנט...

פֿון דער גרופּע קענסטו אַלע; ייִד, פֿראַנצויז און רוס...
פֿאַרפֿלאָכטן דאָ אַ פּויסט, וואָס שלאָגט אַמאָל צוריק...

און אַז יידן אייך „אַזוינע" — מוזטו, אַז דו מוזסט —
אין אייגענעם לשון־ברודער זוכן נקמה־גליק — — —

געדענקסטו אונזער טראַנספּאָרט ? ווי מ'האָט זיי אויסגעפינען !
געמאַכט עס שטיל, בשתיקה... באַזייטיקט די חרפּה־וווּנד !
נאָר ס'איז קיינמאָל נישט געקומען מיר אויך אויפן זינען;
ווען מ'וועט באַפעלן — צי כ'וואָלט עס אויך געקאָנט...

...געווען, די ווייסט עס, יאַטן, וואָס האָבן עס געמאַכט
פון פעלקער אַנדערע... באַשוואָרן... מיט נערוון ווי פון שטאָל
אַריינגעשלייכט זיך אין באַראַק, ווען ס'דרעמלט אויך די נאַכט
און מיט יאַגנע ביינער־פינגער דעם משפט זיינם באַצאָלט...

און איך בין נישט דו, וואָס האָסט ספרים איבער נעכט פאַרטריבן;
מיין קרייז איז געווען דער קעלער, זיין וואָרט איז געווען : קאָמף !
מ'האָט יאָרן דערצו געגרייט; פון יוגנט מיך דערצו דערצויגן —
די פינגער נאָך אין וואַרשע האָבן פאָגען נאַכטיק פאַרקראַמפט !

ס'האָט אַ זכר פון טאַטנס באָרד שטיל אין האַרץ געטליעט
און זיין זמר ביי אַ ספר האָט אין זכרון זיך געוויגט
נאָר יעדער שטיקל חזיר האָט אים געפירט ביי מיר צו תליה —
פונקט ווי ס'ערשטע מאָל דאַן, ווען מיר האָבן זיך צוקריגט...

כ'בין האַרט געווען אין געדאַנק, געמאַכט פון קאָפּ אַ פויסט
די יאָרן אינם לאַגער האָבן געמאַכט דערפון אַ לעכץ
און אויב ס'האָט אַ ווייכקייט געדעמערט פון טאַטנס הויז
איז עס אָפּגעשטאָרבן מיט אַ ווינקל־קרעכץ — — —

...האָב איך דאָ זיך אָנגעשלאָסן... אין לאַגער געפירט אַ קרייז
ס'איז גוט געווען אַזוי צו רעדן מיט יענע רייד פון פריער;
אַז דאָ איז ווי אין ביכלעך : בלוט און האָרעוואַניע־שווייס
און קרבנות אַזויפיל... קרבנות אָן אַ שיעור...

איז די גרופּע אויסגעוואַקסן... קעמערלעך געשאַפן...
ס'זענען פּלאַקן צוגעקומען און — פאַרשטייט זיך — רוסן...
מ'האָט שטיל זיך צוגעגרייט... אַ רעוואָלט־אַרמיי פון שקלאַפן
און דערווייל דעם גאַנצן שטורעם, געלאָדן אוים אין שמועסן...

## .3

יאָ, ווען יענעם טראַנספּאָרט יידן האָב איך אָנגעהויבן...
געקומען אַ צוג מיט יידן... אַהערצו זיי פאַרשלעפּט
מענטשן מיט הוילן יאוש... פאַרלוירן דאָס ברעקל גלויבן —
פינף טעג אין וואַגאָן האָבן דירעשט שוין זיי דערשעפּט

נאָר אַז מען האָט זיי אין די באַראַקן אַראָפּגעפירט
און זיי האָבן ווידער זיך אויסגעגלייכט אין שלאָף
האָט דער מענטש אין זיי זיך ווידער אויפגערירט
מיט ברויט־פרייד און מיט ווייטיק — ווי אַ לעבעדיקער גוף...

און אַז ווער פון אונזער חברה איז צו זיי אַריינגעקומען
האָבן זיי דערציילט... ביז אַלעס אויסדערציילט!
מיט אַ פינגער זיי געבעטן: פאַרשרייבט... אָט יענעם נומער —
אין געטאָ... אַ פּאָליציאַנט... יידן צום טויט געקיילט...

און אַ צעטל אַזאַ געמאַכט: פינף יידן־נעמען!
אַ פּאָלאַק האָט עס פאַרצייכנט און אונז עס צוריקגעברענגט
געטרייסט דערביי אַפילו: נישטאָ זיך וואָס צו שעמען —
נישטאָ קיין פּאָלק אויף ערד — ריין פון רוצחים־קרענק — — —

נאָר איך, דער קאָסמאָפּאָליט, דער כופר אין פעלקער־יחוס
האָב דערפילט זיך פּלוצים אויסגעפּאַטשט און־קליין...
ס'האָט ווער אין מיר געריסן דעם געדאַנק מיט כעס־רציחה
און שטיל באַלד רעזיגנירט מיט אַ נישט־באַמערקט געוויין...

און כ'בין אַוועק דאָרט־פרעגן, פאָרשן אויס די זאַך
און ס'זענען געקומען יידן... מיט בלוט אין אויג דערציילט;
מעשיות צו וועלכע ס'וועט נישט זיין שוין קיינמאָל מער די שפּראַך —
ווערטער אָן ליגנט־שפּורן... פון דמיון נישט געפיילט...

בין איך צוריקגעקומען און ס'האָט אַ פּאַפּיר געברענט די האַנט:
נעמען! וואָס אַרט מיך אַזוי אַז — יידישע נעמען! ?
נאָר אַלע האָבן גלייך געשפּירט די גראָבקייט פון דער שאַנד
און ס'איז נישטאָ אַפילו עס אַרויסצווייזן ווען...

**
*

...האָט מען דאָרט באַשטימט: זעליק! דו און דו!
און ס'האַרץ האָט צומערשט קיין ציטער נישט געטון
נאָר דער באַפעל האָט גלייך פאַרשלינגען דיין אייזערנע רו
און ווייסט נישט פאַרוואָס עס קלאַפּט דיר צאָן אַזוי אין צאָן...

כ'ווייס אַז כ'דאַרף פּאַרנאַכט, גיין ווי אַנדערע פריער
אַריינשאַרן זיך אין שלאָף פון אַ איינגעמידטער סטאַדע
כ'מוז היטן זיך מיט אָטעם, מיט יעדן מינדסטן ריר —
ווי איך וואָלט געשפּרייזט אויף אַ לזיער־באַריקאַדע...

ס'האָט געלערנט מיך סטאַזש: דו שאַרסט זיך שטום און שטיל...
קוקסט גוט צי ס'איז דאָס פּנים, צי — דערזעלבער נומער
מוזט גאָרנישט טראַכטן דאָן — נאָר פון יענעם איינעם ווילן —
צו יענעם... נאָר צו אים... בלויז נאָר צוצוקומען — — —

און ווען אַלע ליגן טיף־פאַרגראָבן אין קבר־ברייט פון שווייגן
בויגסטו זיך אַריבער... איבער אים אַזוי אַריבער — — —
מ'דאַרף נאָר וויסן וויאַזוי די פינגער צו פאַרלייגן —
אַז ס'זאָל נישט רעווענדיק אַ כאָרכל טון דער גסיסה־פיבער — — — —

די נאַכט האָט זיך אָנגעטון דעם שוואַרצן מאַנטל פון אַ שומר
און אַרומגעוויקלט זיך מיט אַ שטעכיקן דראָטענעם גאַרטל
נאָר איך גיי... און ס'פירט אַ האַנט מיך דורך אַלע צווימען
און ברענגט אַ ווינטל וואָס זאָל מיין פּנים מיט גלעט באַצאַרטן...

איך קריך זיך אַריין אין דער טויטער חשכות מיט מיין וואַקל־ציטער
און ס'הילכט דורך מיין טריט דער אָפּגעשטעלטער דפק פון דער נאַכט
ס'ענטפערט פון ערגעץ דער אומרואיקער געגעץ פון אַ היטער
מיט דערשטיקטער שרעק פאַר זיין אייגענער היטער־מאַכט — — — —

...טוט די טיר אַ זיפּץ, ווי אַ ווונד וואָלט צעוויינט זיך בראָכיק
און אָטעמס שווערע, רויע, צאַפּלען ביי מיינע טריט
און ס'פיבערן אין שטעכן די אויסגעבייגטע קנאָכן
ווי ס'וואָלט דאָרט ווער מיר שפּילקעס אַריינגעשיט

כ'טראָג אַ קעלט איצט טיפער ווי ס'קען מיין לייב דערגרייכן
און כ'בין אַליין אַ שטיק קוליערדיקע שדים־נאַכט...
כ'שטיי אַ וויַיל און זויף אַריין דאָס פרייַנדיקע קייַכן
וואָס קומט פון מידע קעלן און צעשווימענעם חלום־טראַכט...

כ'וויל אין דער ערשטער מינוט דאָ גאָרנישט מער — — —
כ'באַרפיס אָפּ מיין טריט ער זאָל נישט אַריינשטעכן אין חשכות פון זייער
טרוים

בייסן זיי זיך איין אין מיין קלאַמערדיקן געהער
און ווירבלען אַריין איין מינוט נאָך דער צווייטער אין פאַרזוים...

בלויז דאָס ווינקל מיטן געלעגער וואַרפן זיך אַקייגן
און רייסן מיך אויף מיט שטורציקן, לייביקן ציטער
קנוידער איך זיך איבער די קליינע פאַרברעטערטע שטייגן
און לאָז איבער מיין געדאַנק זייערע אָטעם־ריטער — — —

עמעץ אין מיר רופט מיך צו באַהערשונג, צום באַזינען :
— דו ! דו קומסט יעצט בלויז דערשטיקן, דערשטיקן נאָר אַ שלאַנג !
כ'הער פון האַרץ אַרויס דאָס בלוט אין מח אין שטייגענדיקן רינען
און דעם פולס מיינעם פאַרגאַפן אין זיין מיטן גאַנג

דער באַפעל אין מיר גיט די לעצטע וואָרנונג־סירענע :
און די פינגער קראַמפן שטיקער לופט אין וואַרגיקן גרייט
קני איך ווי צו זיך אין תפלה : כ'זאָל נאָר קענען !
און כ'ווער פאַרפאַלן אין דעם גרויל פון סעקונדע־צייט — — —

באַלד פיל איך דעם אייגענעם שוידער : רוצח ! רוצח !
און די פינגער גייען אויף איבער אַ האַלזיקער וואַרעם
ס'גיסט זיך אין זיי אַ אויפגעטייעטע, רוישיקע ווייך
און פאַרשליידערן אין געדאַנק דעם נישט־דערקומענעם ליאַרעם...

וויל איך שרייען... נאָר די פיס טראָגן מיך ווי אַ מת צו דער שוועל
און וואַרפן מיך אַרויס ווי אַ געפעס, אַ פאַראומריינִיקטס
לויף איך און וויל זיך אַפּרייסן פון אויסגעפירטן באַפעל
וואָס האָט דעם ביזאיצטן זעליק דערשטיקט דאָרט און פאַרשטייניקט...

און ס'האָט אין מיר אויפגעוויינט אַ נייער געוויין מיט שוידער,
כ'בין אַ צווייטער יעצט, געבוירן און פאַרלוירן

כ׳טראָג מיט זיך שוין אַ זאַק מיט שווערע כאָרכל־סודות
וואָס וועלן פון מיר שרייען און טרייבן פון זיך מיט מורא...

4.

...צומערשט האָב איך געוויטיקט; דערקענט זיך און נישט דערקענט
כ׳האָב געשאָלטן זיך און געוואונדערט: איז עס וואָר? וואָר?
און באַטראַכט מיט פּרעמדקייט מיינע, די אייגענע צוויי הענט:
פאַרוואָס זענען זיי ווייטער ווייס? ווידער הויטיק קלאָר?

ס׳האָט פאַרדראָסן מיך וואָס דער שטיק־קאָשמאַר ליגט פאַרבאָרגן ווי אַ פּחד,
ווייזט זיך נישט אַרויס פאַר אַלע אין די אויגן — — —
כ׳נעם די הענט אין ווינקל, ביחידות זיי באַטראַכטן
און זע די זעלבע הענט, מיט אָדערן באַצויגן...

האָב איך עס טאַקע? האָב איך דערדריקט אַ האַלז?
האָב איך פאַרהאַקט אַ אָטעם ביים אַריינפרייען אַ ווייטע וועלט?
פאַרוואָס־זשע שרייען נישט די נעגל מיט שפּיציקן געוואַלט?
פאַרוואָס ברעכן נישט די פינגער אין יאָמערדיקן שעלט!?

ס׳האָט מיך אַזש אין האַרץ געוואַרעמט אויך אַ פרייד:
כ׳האָב געמײַנט אַ מוז — ווייל ס׳האָט געשען אַזוי באַדאַרפט...
כ׳פיל אָבער דאָך דאָס אומגליק פון זיין מיט מיר צעשיידט
און דער רציחה־חותם וויטיקט מיט דער גרוילער שאַרף...

כ׳שרעק נאָך אַליך פאַר מאָרד, ווי ער דאָרט פון אַמאָל
די צייט איז נאָר געקומען און אַ צינז פאַרלאַנגט
דער חוב איז געווען אַ פרעמדער, נאָר איך האָב אים באַצאָלט
עס שרייפט אָבער אין זינען מיט אַ אומעט־באַנג — — —

איז דער חרטה־וויטיק געוואָרן אויך מיין טרייסט;
כ׳בין אויך איצט דערזעלבער און בלייב עס אויך אויף ווייטער
די הענט טוען דאָס וואָס דער שטורעם הייסט —
איך וואָרצל אָבער ווייטער אין מיין פרייער צייט — — —

**
*

...און ווידער בויערט זיך אַריין אין מח אַמאָל אַ שעפּטש:
זעליק... ס׳איז דיין ריי היינט... אַ געסטאַפּאָ־געהילף...

און ס'האַרץ פּאַטשט אין פּנים מיט בלייכע קלעפּ —
וואָס צעגייען זיך אין קאָפּ מיט משונה'דיקן הילך...

איך דאַרף אים פריער זען ביי טאָג, אים קענען גענוי...
און וואַרפן זיך אין אויג אים: ווערט ער שפּירן?
וועט זיין אָטעם-פלאַם נישט הערן אין מיר געדרויש
וואָס וועט אָנקלאַפּן אין זיינע לעבן-וואַכע טירן?

...כ'קוק אים אויג אין אויג... מיין צונג טוט אַפילו נישט קיין וואַקל!
כ'רעד מיט אים; פרעג אים אויס פאַרשידנס, נישט צום אָנען...
דער מענטש איז טאָפּל-בלינד... און כ'זע עס טאַקע...
נישט זיין אויג באַמערקט... נישט זיין האַרץ האָט פאַרשטאַנען...

און איך אַליין! ביינאַכט וועלן מיינע פינגער... אַט אָדעם!...
און דאָ קוק איך אויף דעם האַלז, הער די רייד זיינע מאָדנע קאַלט
און נישט ביי מיר, נישט ביי אים ציטערט פילנדיק נישט קיין ברעם
וואָס זאָלן די סכנה אָנזאָגן... אַריינשווידערן אין בליק אַ געוואַלט...

כ'טראַכט: ס'איז דער מענטש נישט מער ווי אַ פליישענע מאַשין
מעגסט זי ברעכן און פאַרניכטן ווען זי שטייט אין וועג...
אַז פלייש זאָל גאָרנישט קענען דערהערן אין ציטערן זין!...
נישט אויפרודערן נעבן זיין טויט, מיט געוואָרנטן דערוועק! ?...

נאָר מיך אַליין נעמט אַרום אַ מידער נמאס צו מיין ראָל:
כ'ווייס אַז דאָס איז דער אָנהויב פון מיין נשמה-פאַרטעמפּ...
דאָס מאָרדן אַליין איז נאָר אַ לייכטע, אָפּגעצויגענע שאָל
נאָר דאָס שפּיל אַרום... פאַרוועבט דיך אין זומפּיקן קלעם...

די מוזט הרגענען... דאָס קען אָבער זיין אין אַ רגע!
און דאָ זויפסטו זיך אָן מיט שטילן פאַרבאָרגענעם מאָרד!
די מאָרדעסט הנאה'דיק ביי יעדן פראַגע פרעגן
און שכורסט מיט נאַכט-דערמאָן זיין יעדן טויבן וואָרט — — —

...דאָס שטיקן ביינאַכט איז שוין געווען אַ נאָכשפּיל בלויז...
איך האָב הונדערט מאָל פריער מיין טאַט איבערגעקוליעט אין געדאַנק...
ביינאַכט איז ער נאָר דורך די פינגער מיינע אַרויס
און שטעקן געבליבן אין יענעמס איבערראַשטן צאַנק — — —

נאָר ווען כ׳בין אַוועק מיט געלאַסענע, פֿאָרזיכטיקע טריט
נאָך דעם ווי כ׳האָב עס שטיל אַזוי... אָן שווידער און אָן שרעק...
אין מיין גאַנג איז נאָך די גלייכגילטיקייט געלעגן אויפֿגעהיט
און דעם באַדויער אַריינגעשטויסן טיפֿער אין פֿאַרשטעק...

ערשט דאַן האָט עס מיט אַלאַרם וווּנדיק ביי מיר באַגריפֿן :
— הע, ווערט עס שוין מיין טאָג ! ? הע, אַזוי געוויינלעך — — — —
עס קומט ביי מיר אַזוי גלאַט... אין פֿאָרזיכט־רו געשליפֿן
ס׳וואַרפֿט זיך נאָר אַ צאַפּל... דין אַזוי און קליינלעך...

נאָך דאַן האָב איך געוואָלט אַ שריי טון
שרייען פֿאַרוואָס כ׳בין געוואָרן אַזוי רואיק...
כ׳גיי אַוועק... און באַדאַרף... און מוז נישט אַפֿילו אַ שפּיי טון
אַז ס׳זאָל מיין עקל ברענען די ערד אַזוי געוואָיק — — —

נאָר כ׳בין איינער פֿון אַ גרופּע, מיר טראָגן אַ אידעע...
כ׳טאָר נישט אַנדערש קלערן פֿאַר ערנסטן און סטאַכן...
כ׳טראָג אַרויס אַ משפּט און פֿיר אויס אַ באַפֿעל
און־וויל נישט זיך באַפֿלעקן מיט אַ נאָמען פֿון אַ שוואַכן...

5.

...יענעמס בלוט איז שולדיק ! כ׳ווייס עס אויך, אודאי...
כ׳ווייס אַז ס׳איז נאָרמאַל... מיין טאַט איז אַ גערעכטע...
און־דאָך וויל איך זאָגן, ווי אַ מענטש איז זיך מתודה :
מיין האַנט איז נישט באַפֿלעקט און איז דאָך אַ פֿאַרשוועכטע !

כ׳ווייס דאָך קלאָר ביי וועמען — כ׳האָב דאָס לעבן צוגענומען...
ס׳האָט באַדאַרפֿט אַזוי... און כ׳דאַרף עס נישט באַדויערן
אויב מיר האָבן באַשטימט : טויט ! איז עס אים געקומען...
פֿאַרן אומגערעכטן משפּט האָב איך נישט קיין מורא...

וואָס מיך פּייניקט ? כ׳וויל מיר זאָלן עס ביידע הערן !
עס רוישט אין מיר דער דערנאָך ! די טעג דערנאָך !...
דו שפּירסט עס נישט אַליין און ס׳לאָזט זיך נישט דערקלערן
פּונקט ווי דו ביזט נישט קראַנק און ס׳וואָגלט אין דיר אַ שטאָך...

כ'האָב רוצחיש נישט געמאָרדעט און ס'איז געבליבן אין מיר אַ קרענק
איך לעב נאָך אין דערמאָנונג, עס ווימלט אין מיר אַ תענוג — — — —
אין מיינע הענט ליגט אַ חלום, עס גאַרט אין מיר פאַרבענק —
צו יענעם ווייבן וואַרעם אין מינוטן פון וואָרג־פאַרפּייניק — — — —

עס שלומערן אין מיר אַזוי נישט אויסגעקלערטע לעבצן
נאָר כ'ווייס אַז ס'איז נישט צאָרן, ס'איז נישט מער נקמה
די פינגער היטן אויף אַ פרייד פון נישט־דערקוויקטע קרעכצן
און זיי קלערן נישט דערביי פון וואָס זי איז גענומען — — — —

כ'גיי אין טעג אַרום... און די שליחות שרייט פון וואַרטן —
כ'זוך נישט בלויז די דערנער, נאָר אויך די הנאה־גלעטן...
די טעג... די טעג דערנאָך גאַווערן אויס זיך צאַרטן —
וואָס שלייכן אום צופרידן, פאַרבלינעט און פאַרזעט — — — —

כ'לייקן עס פאַר זיך, כ'וויל עס נישט דערהערן
און ס'איז אַ וואָר געוואָרן... ס'איז אַן אמת פאַרט!
די טאַט אַליין איז ריין — ווי קינדערישע טרערן
און ס'בלייבט פון איר אַ עבאַ: דער פאַרגעניגן פון אַ מאָרד — — — —

— — — — — — — — — —

...כ'ווייס נישט אַליין פאַרוואָס איך דאַרף זיך קאָנטראָלירן
פאַרוואָס כ'האָב עס געמוזט פאַר דיר אויך אויסדערציילן
ס'איז אפשר די פאַרשפּאַרטע ווונד וואָס זוכט פון וואָרט די טירן
צו קענען צוריק אַרויס און דורך געזען ווערן זיך פאַרהיילן...

בוכענוואַלד 1944

# מיט זיך אַליין...

(לידער פון נאָך אַלעם)

געשריבן צווישן יוני 1945 און מערץ 1946.

# צו אײנער אזא...

## (פון ציקל: „נישט געשריבענע בריוו")

### צו אײנער...

דו ביזט געװען —
און ביזט פֿאַרשװוּנדן.
זענען אָפּן געבליבן
אַלע װוּנדן — — —

### אָ, זײַ נאָך דאָ בײַ מיר אַ װײַלע...

אָ, זײַ נאָך דאָ בײַ מיר אַ װײַלע
מעגסט מיר גאָרניט מער דערצײלן
זע, די שאָטנס אויף די װענט דאָ —
לאָזן מיר די װוּנד נישט הײלן

װען דו ביזט דאָ — זײ שרעקן זיך
פֿאַרשטעקן זײ זיך אין די זײַטן
בלויז װען דו בליקסט אַװעק
דראָען זײ מיר פֿון דערװײַטנס...

די טעג משוגעים זענען זיי ביי מיר
אַמאָל ווערט אומעטיק און פריילעך
בלויז ביינאַכט, מיט זיך אַליין
שרעקט דאָס קישן און דאָס ליילעך

שאָטנס שפּרינגען פון די ווענט
און שטרעקן הענט אויס — בלויע נעגל
און מיין טיש באַדעקט אַ פלעק
ווי ער וואָלט אַ קשיה פרעגן

כ'רוף צו הילף מיין חרוב בעט
אפשר וועט עס צום ברעג דערפירן
ווייל אַמאָל ווען כ'האָב פאַרמאַכט אַ אויג
האָבן צופראַלט זיך חלום־טירן...

נאָר זיי שטייגן אויף פון בלוט
און צושטערן פון שלאָף די טורמען
און די שטילקייט פארהילט האָט זיך
אין דערשטיקטע, טויבע שטורמען

זייַ זשע דאָ אַקייגן מיר —
מעגסט מיר גאָרניט מער דערציילן
כ'בין אַ קינד געלאָזט אַליין
אין פאַרשטעקטע, טריבע היילן...

# צו דיר...

צו דיר האָב איך נישט יענעם באַגער פון זינד
וואָס צינדט דאָס לייב און ברענט די גלידער
איך קוש דיך בלויז ווי אַ יידנקינד
מיטן אויגנגלאַנץ וואָס כ'האָב באַגעגנט ווידער

דער נר־תמיד אין דיינע אייגן בלויז
בויגט מיין שטאָלץ און קניט מיך אַנידער
און כ'קוש דיך — ווי אַ פאַרבלוטיקט אות
פון אַ צופליקטן מאַמע־סידור...

## און אַז נאָך אַ געפיל
## איז ביי מיר געשטאָרבן...

און אַז נאָך אַ געפיל איז ביי מיר געשטאָרבן
טאָ ווער איז שולדיק, זאָג מיר, ווער ?
און אַז דו ווייסט — ווער קען דאָ טרייסטן ?
געווען אַמאָל און שוין... נישט מער...

צי ווייסטו דען ביי מיר די פרייד
ווען כ'האָב דערשפירט : גאָט ! איך האָב !
און ווען דערזען דיך אַ פאַרווייניטע
האָט ס'בלוט געלאָזט זיך אין קאַראַהאָד

ס'איז מיין האַרץ געווען אַ פוסטער היכל
ביזטו געקומען און ווערסט מיין פינק
ניט געהאַט אין לעבן גאָרנישט —
און יעצט זוך איך דיין אויגנווינק

און ווי אַ ברילאַנט האָב איך אַ געפיל געטראָגן
שטיל געגלעט אים, שטיל געגאַרט
און אַ ליד, בלחש, האָט אין מיר געזונגען :
גאָט ! איך בין נאָך נישט פאַרשטאַרט ! — — —

מיינסט איך ווין נישט אין מיר אַליין ?
ווען כ'האָב דערשפירט : ער איז אַוועק !
ביזט אפשר אַליין אויך נישט שולדיק —
ווען דו האָסט געטויט אים אין מיטן וועג ?

האָסט אפשר אין דיין נאָנט גליק דערשפירט
און די האַנט נישט געקענט אויסשטרעקן...

און געפּעלץ איז מיר דיין בושה־פּלאַם
וואָס דיין פּנים קען נאָך פון שעם די פּלעקן

היינט ווייס איך נישט ווי אַזוי —
דו האָסט אין מיר מיין געפיל פאַרשטויסן
האָסט אפשר אַמאָל פריידיק געלאַכט —
ווען איך בין אַליין געבליבן אין דרויסן ?

כ'וויל ביי מיר קיין חשבון זוכן
און אויך ביי דיר אים נישט געפינען
ווייל צוואָס זיך גראַבלען, טיפן —
ווען ווייסט פון אמת נישט אַנטרינען...

כ'זאָג אַליין : דאָס איז מיין בריוו
וואָס כ'האָב צו דיר אים נישט דערשריבן
בלויז דו אַליין האָסט אים געליינט —
הגם ער איז אין קאָפּ פאַרבליבן...

דו האָסט אין דער לופט אים געזען
ווען כ'האָב שורה־באַלעמס אין איר געביטן
און דו — פון יעדן שטייפן וואָרט —
האָסט דערשפּירט פון מיין דעם ציטער

ווייל וויפל מאָל האָסטו געטאַנצט
צווישן מיינע אומעט־שורות
כאָטש מיין מח האָט נישט געלאָזט —
אַז איך זאָל וויכן אַליין אויף קלאָר עס...

וויפל מאָל ס'האָט מיין פּעדער געגלעט —
דיך, דורך אויסגעטראַכטע העלדן !
און וויפל דו האָסט געזונגען אין מיר —
דורך פרעמדע, אומבאַקאַנטע פּערזון ! — — — —

כ'האָב געשטיקט אין מיר דעם לעצטן גלוסט —
דיך אין מיר נישט צו פאַרשווינכן
און געהיטן זיך צו דענקען קלאָר —
נישט צו פאַרלירן דיך ביים באַרעכן...

איז אפשר פון מיר אַ וואָרט געפאַלן
וואָס כ'האָב אַליין עס נישט געהערט
און פאַרשטאַנען האָסטו ביי זיך דערפון —
ווער די ביזט ביי מיר און ווערט — — —

און האָסט דערהערט, האָסט דערזען —
דאָס וואָס כ'האָב אין צוים געהאַלטן —
האָסט דערשפּירט אַ רויש־געברויז
וואָס לויערט אין מיין טאָן, דעם קאַלטן...

כ'ווייס נישט און כ'וויל נישט וויסן מער
אויב די האָסט אין זיך דעם טריאומף געפייערט
האָסט אפשר דאַן אין דיין שכור־פרייד
זיך אַליין איבערגעטייערט ? — — —

און טאַמער האָסטו שפּיל געוואָלט
זיס געניסן דעם זיג פון שוואַכן
איבערציען דעם שטריק ? האָסט נישט געקלערט
אַז דאָס וואָס קומט קען אויבעט קראַכן...

היינט קום אַהער און זע אַליין :
דאָס האַרץ איז פּוסט און גאָרנישט מער
ווי אַמאָל ווען זוכסט און ווייסט ניט וואָס —
נאָך אַ טויטן פאַלש־באַגער...

וועל איך בלויז דאָ און די דאָרט ווייט
בליען לאָזן אין חלום קבר־קוויטן
געווען אַמאָל און שוין נישט מער —
וועל איך האָבן אַמאָל אַ צווייטן ?

# דיינע אויגן האָבן היינט

# אַ פריוו געשריבן...

די האָסט ביינאַכט היינט שטיל געוויינט
מען געסט יעצט שמייכלען... כ'ווייס... כ'ווייס...
ס'גרינט דיין פּנים און דיין שמייכל מיט —
ווי אַ עפּל אין פריעם רייס...

כ'זע אין דיינע אויגן קלאָר
דאָס וואָס דו ווילסט פאַרבאָרגן
כאָטש דו באַמיסט זיך לאַכן גלאַט —
ווי וואָלסט געשעמט זיך וואָס קענסט זאָרגן...

ווי נאַאיוו דו ביזט, קינד !
מיינט אַ שמייכל קען בלויז לאַכן ?
און איך האָב פיינט דיך ביים געדאַנק —
אַז פאַר אַ טרער האָסט זיך דערשראָקן...

דער אומעט האָט דיקטירט אַ בריוו —
ר'איז פאַרשריבן אויף דיינע ברעמען !
און דו... און דו — ווי נאַריש ביזט !
פאַר מיר דערמיט זיך צו שעמען...

דיינע אויגן האָבן היינט אַ בריוו געשיקט
— כ'האָב געליינט אים אויף אַלע וועגן
און כאָטש דו האָסט אים אין זיך דערשטיקט
איז ער אין ליפּ־גרימאַס ביי דיר געלעגן

פאַרוואָס פאַרשטעלסטו דאָס וואָס ס'איז —
און ווילסט מיר פעלשן שמייכל־צויבער ?
און איך האָב אויף דיין בריוו לאַנג געוואַרט
ווי אויף אַ פערל — אַ שמאַטע־קלויבער...

# צו איינער אַזאַ, וואָס
# כ'ווייס נישט איר נאָמען...

צו איינער אַזאַ וואָס כ'ווייס נישט איר נאָמען
וואָלט איך אין אַ פאַרנאַכט שטיל זיך געקומען —
זי וואָלט מיך שטום באַטראַכט אויף דער שוועל
און מיט שווייגן אין הויז אויפגענומען...

איך וואָלט שטום זי געבעטן מיט אַ פינגער־באַוועג
די רו אינעם הויז נישט צו שטערן

פינסטער זאָל זיין אַרום אונז אַרום —
קיין ברום זאָל מען פון אונז נישט הערן...

איך זאָל זיך זעצן אויף אַ שטול אין דער זייט
און זי זאָל זיך זעצן אַקעגן
אַמאָל זאָל אַ אָוונט פאַרבלויען די שויב
און אַמאָל זאָל זיך כליפּען אַ רעגן

איר פּנים זאָל קיינמאָל ניט ווייזן זיך קלאָר
און זי זאָל מיין נאָמען נישט פרעגן
ס'וועט אפשר דער סוד איןביידעס געמיט
אויפסניי אונז צו עפּעס אויפרעגן

ס'וועט אפשר אונז ביידע צעכוואַליען די בלוטן
ווען מיר'ן צעגיין זיך מיט נייגער
ס'וועט אפשר צוזאַרגנס מיט אומרו זיך קלאַפּן —
ווי ס'האַרץ — מיט טיק־טאַק דער זייגער — — —

# ווען דו קומסט היינט...

וואָלסט באַדאַרפט קומען היינט צו מיר —
און זען ווי רואיק כ'בין אַצינד...
דער וויטיק האָט זיך אויסגעברענט
און דער צער פאַרוויגט זיך ווי אַ קינד

ס'ברענט נישט מער אויף מיר די הויט
און כ'זע די וועלט שוין שוואַרץ און ראָז
כ'הער שוין צוריק דעם ווינטלס שפּראַך
און פ'לאַכט צו מיר מיט גרין דאָס גראָז

היינט האָב איך שוין צייט גענוג
צו טראַכטן שטיל אין חצותע שעהן
כ'קען פאַרשווימען אין זכרון טיף
און דיין דערמאָן קען מער נישט דראָען — — — —

כ'קען פריי זיך לאָזן מיט געדאַנקען־טריט
און טרעפן זיך מיט יעדן, יעדן...
ווען דו אַליין דאָ זיין פאַר מיר —
וועלן ניט צוקן מער די אויגן־לעדן

כ'ווייס אַז בענקשאַפט איז געגאַר
אַז יינג־שגעון זענען ווייען
קען איך טראַכטן רואיק היינט —
אַ באַשיצטער דורך קמיעות

כ'קען היינט שרייבן דיר אַ בריוו
און דיר אַלץ, ביז אַלץ דערזאָגן
מעגסט טריאומפירן היינט מיט שטאָלץ
און מיין בריוו איבעראַל פאַרטראָגן — — —

איז וואָס דען אַז כ'האָב געגאַרט נאָך דיר ?
ווען ס'האָט גערופן דיך מיין בליק
און זאָל עס אַפילו אמת זיין —
אַז כ'האָב אין דיר געזען מיין גליק ?

כ'האָב אַ געשטאַלט בלויז אין געדאַנק געוועבט
און אין דיר עס אָנגעהאנגען
נייך, נישט דו ביזט עס געווען !
— ס'זענען געווען בלויז מיינע זון־פאַרלאַנגען

און ווען אין חלום כ'וואָלט דיך געגלעט
וויל אין חלום ביזטו לויטער —
קענסטו צירן זיך מיט אַ קרוין
וואָס ס'האָט געטראָגן פאַר דיר אַ טויטער ?

נעם און טראַכט אין זיך אַריין :
כ'האָב געזוכט דען דאָס וואָס ביזט ?
נעמסט אַ ניגון פון אַ פרעמדער וועלט
און פאַראַדירסט מיט אים אומזיסט

אַז ס'האָט בלויז אין מיר זיך טיף
אויסגעוואַרעמט אַזוי אַ בילד
און אַז דו ביזט פאַרבייגעקומען
האָב איך דערזען דיך אויף דער שילד

הײנט קומסטו מאָנען אַ חוב
װאָס כ׳קען אים מער שױן נישט באַצאָלן
כ׳בין געװען אױף אומעט־בערג
און דיך דערזען פֿון װײט אין טאָלן

נישט דיר, נישט דיר האָט געהערט
דער גאַאיװער טרױם פֿון ביכל־יאָרן
זע װי רואיק כ׳בין דאָ אַצינד
און כ׳מוז מיט געפֿילן זען צו שפּאָרן...

# און ס׳זאָל אפֿילו אמת זײַן...

און ס׳זאָל אפֿילו אמת זײַן —
דאָס װאָס ס׳װײַזן מיר די צײכנס
אַז מענטשן קלײַבן זיך נישט דאָ
נאָר װערן באַשטימט אין װײַטע הײכן

און ס׳זאָל אַפֿילו אמת זײַן —
אַז כ׳בין פֿאַר דיר שױן לאַנג פֿאַרצײכנט
װעל איך מיטן גורל זיך ראַנגלען לאַנג —
זײַן טעות איבער מיר צו גלײַכן

כ׳װײס ס׳קען אַמאָל געשען —
כ׳װעל פֿאַלן שװער און באַדױערן
באַװײַזן אָבער װעט מײַן פֿאַרמעסט —
די שטילע שעהן פֿון מפּלה־טרױער...

כ׳האָב אָנגעהאַנגען אין דיר מײַן גאַנצן צער
און האָסט דערפֿון דײַן שטאָלץ געגרײַסט
דו האָסט געזוכט בלױז רױזן־שפּיל
און פֿאַרשװעכט פֿאַר מיר די לעצטע טרײסט

איז נישט געבליבן מער פֿאַר מיר
װי אַ טראַכט שױן אַ װאָרט פֿאַר דיר: גײ!

כאַטש דו ווערסט בלויז באַליידיקט זיין
און איך וועל צאַנקען אין שטילן ווי — — — —

און זאָל עס אפילו אמת זיין —
אַז בלויז נאָך דיך האָב איך געקענט געפינען
וויל איך איינמאָל נקמהדיק זיין —
און פאַרלעשן מיטן שימער פון מיין באַגינען — — — —

# יעדער מענטש ווערט אַמאָל אויך מיד...

יעדער מענטש ווערט אַמאָל אויך מיד
און ס'ווינקט זיין בלוט רעזיגנירט
נישטאָ אין זיך קיין האָר געמיט —
לייגט ער זיך ביי אַ פרעמדער טיר...

ער קען אפילו נישט בעטלען הויך
און קען מיט פויסטן גאָרנישט נעמען
מאַכט ער אין לעבן דעם לעצטן טויך
און וואַרט... נישט וויסנדיק אויף וועמען...

די אויגן בלויז שרייען שטום :
ווער ס'וויל דער קען מיך נעמען !
און ווער ס'זאָל זיין און זאָגן : קום !
וועלן נישט צוקן זיינע ברעמען — — —

יעדער מענטש ווערט אַמאָל אויך מיד —
בין איך אַמאָל מיד געוואָרן — — —
כ'האָב נישט געקענט מער מיין פריעם זיד —
אַ באַזיגטער דורך די יאָרן

בין איך געוואָרן מטבע־קליין —
פאַרלוירן אויף די גרויסע וועגן
וואָס פינטלט מיט איר ווערטן־חן
צו די וואָס זוכן נאָך פאַרמעגן...

דער עלנט אין מיר האָט געדופן שטיל :
געצאַפּלט נאָך אַ אויג צום גלעטן
און דו... און דו... אָן ציל —
האָסט בלינדערהייט פאַרבייגעטרעטן...

ניין, האָסט נישט דערהויבן דאַן !
האָסט נישט גערירט דאָס מידע פינטל
האָסט געלאָזט דאַן דיין זומער־שפּאַן
צום פריילעכן פלי פון אַ ווינטל...

יעדער מענטש ווערט אַמאָל אויך מיד —
נאָר כ׳האָב אַליין זיך אויפגעהויבן
ווייל ס׳האָט דיין לעצטער, לייכטער טריט —
צעטרעטן אין מיר, אין הילף דעם גלויבן

היינט קומסטו, און דו וואַרטסט —
ווייזסט ווי דיינע אויגן בעטן —
ווען אין מיר איז נאָך פאַרשטאַרט —
דער לעצטער ווייי, וואָס האָסט פאַרטרעטן — — — —

# וויל אין אַמאָל אין שטילע שעהן...

כ׳וויל אַמאָל אין שטילע שעהן —
דיך רופן אין מיינע פיר איילן
און מיט אַ רואיק־שטילן טאָן
ביז אַ פינטל דיר דערציילן

כ׳וויל דיר זאָגן אַז ס׳איז אַ ליגנט —
דאָס וואָס כ׳האָב דיך אַמאָל געטריבן...
מיינע רייד האָבן מיך אַליין פאַרשריגן —
אמת איז בלויז וואָס כ׳האָב פאַרשריבן...

כ׳האָב זיך אַליין געוואָלט פאַרפּיינען
און דיך דערפאַר שטיל פאַרלאָזן
נאָר ווען ס׳האָט ניט געזען קיינער
האָט עס מיך אויף זיך פאַרדראָסן...

ביזט היינט ווייט, כ'ווייס נישט ווו —
בלויז אַ וואָרט קען דיך טרעפן
ווייס זשע אַז אויך מיין רו —
וועט וואונדיק טון זיך אַ צעעפן

דו האָסט שוין אפשר פאַרגעסן לאַנג —
דאָס וואָס ביי מיר וועט ערשט אויפטייען
ביי דיר בלויז דערשטיקט דער לעצטער קלאַנג —
ווען ביי מיר נעמט עס שרייען

כ'ווייס נישט היינט אַוו דו ביזט —
מיין וואָרט בלויז וועט דיך אַמאָל פאַרהאַלטן
און ברענגען דיך צוריק, צוריק...
דורך בלויע פעדעם פון געשטאַלטן.

כ'וועל אויפעפענען מיין האַרץ דאָן ווי אַ בוך —
און מיינע שורות איך לופט דיר אונטערטראָגן
און אויסשפּרייטן פון זיי אַ כלה־טוך —
פאַר פאַרשעמטע פאַרטאָגן — — —

# אַזעלכע געשיכטעס פּאַסירן אָפט...

אַזעלכע געשיכטעס פּאַסירן אָפט
און נישטאָ וואָס צו אַלאַרמירן
דאָס לעבן איז אַ קליינע שטוב
וואָס האָט אַ ים מיט טירן...

דו גייסט אַריין און גייסט אַרויס
און ס'איז דאָס זעלבע ווייטער
ווילסט בלויז אַמאָל נישט זען די טיר
און שפּרינגסט דורך אַ הויכע לייטער

דו ווילסט זיין אַ אויסנאַם —
מיינסט דער גורל ווייסט עס ?
ס'איז גאָרנישט מיטן לעבן אַנדערש —
היינט שלאָגט עס — מאָרגן טרייסט עס.

זע ווי איך האָב אין מיר געקרענקט
און דאָך די ציין פאַרביסן
און ווען דו קומסט צו מיין פאַרבענק —
האָב׳ך דעם וואָרצל אויסגעריסן.

אַזעלכע געשיכטעס פּאַסירן אָפט —
נאַריש איז דער ווייטיק.
אַ אומעט ברענט און פאַרשלאָפט —
ווען אַ נייער ווערט געצייטיקט...

## וועלן אויף וועגן צוריק אויסוואַקסן גראָזן...

ס׳וועלן אויף וועגן צוריק פאַרוואַקסן גראָזן
און דאָס צעטרעטענע וועט בליען אויפסניי
אין וועלדער וועלן באַווייזן זיך די האָזן
און אויף לאָנקעס וועט שמעקן צוריק דאָס היי

ס׳וועלן צוריק די לעבעדיקע צו דער פרייד
און אויף קברים וועט ציטערן אַ בלום
ברויט וועט ווערן צוריק דורך הענט פאַרזייט
און האָניק וועלן בינען פליסן מיט געזשום

בוימער וועט מען מער נישט צינדן —
גאָר לאָזן זיי צו הימלען זיך רייסן הויך
שטיפעריש וועלן קוליען זיך די ווינטן —
און שפּילן זיך מיט אַ קליינער פּאַטעס רויך

ווער אפשר דאָן אין מיר זיך אויך דערוועקן
דאָס וואָס מיר און דיר פעלט אַזוי
אפשר וועט די פרישׂ נאָך דאָס פּנים דאָן באַדעקן
און אפשר וועלן די האָר שוין — צירן זיך מיט גרוי

אפשר וועלן אויך מיר דאָן דערשפירן :
בלויז מיר האָבן פאַרשניטן זיך אין בלוי
געשלאָסן האָבן מיר פון האַרץ די טירן
און פאַרשוויגן דעם האַרצנס יענן צוי...

מיר וועלן דאַן אַליין באַקלאָגן
דעם פּאַרטרייב פון פויגל־זינג אין בלוט
די בענקשאַפט וועט אירס דאָך דערזאָגן
דורך גרענעצן געשטעלט פון פלאַפּל־וווט

אַלץ וועט בליען דאַן אין פאַרבן
גרעזער וועלן זינגען אויפסניי
די יאָרן בלויז וועלן אין מיד זיך דאַרבן
און אויפן קאָפּ וועט פאַלן אַ זילבער־שניי — — — —

# דאָס, וואָס ס'איז געשען...

וואָס ס'איז געשען — דאָס האָט געמוזט...
כ'האָב אָנגעהויבן אין מוז צו גלייבן...
ווייל כ'האָב געזען ווי גורל־מיז —
האָבן צופרעסן גבורה־לייבן...

אָט ביזטו געווען פון צאַרט דער בלי —
דיין פנים — הוילע ראָז־חלומות
און פונקט ווען איך האָב דיך געזען —
האָסטו געוואָרפן זיך אין תהומות...

און איך אַליין — כ'קלער עס אָפּט —
שטענדיק גרייט צו שענקען —
איז פונקט ביי דיר — דיין הוליע־טראָט —
גענומען זיך געדענקען — — —

און ביידע האָבן מיר גע'צער'ט
איבערן אומזין פון מינוטן
דו האָסט שפּעטער שטיל געוואַרט
און אין מיר האָבן געוויינט די בלוטן

מיר האָבן ביידע געוואָלט און נישט געקענט צוריק —
פאַרהאַקט דאָס קליינע טויערל
טאָ לאָמיר וואַרטן ביי דער בריק —
וואָס פירט צום נייעם גורל — — —

## דאָס פענסטער איז בײַ מיר הײַנט אָפן...

דאָס פענסטער איז בײַ מיר הײַנט אָפן
און אַ װעלט רױשט שנעל פאַרבײַ
אָט איז אַ פּנים שנעל אַנטלאָפן —
אָט שימערט אַ צװײטעס אױפסנײַ...

כ'װיל מיט אַ בליק דעם לויף דערכאַפּן
די װאַנט פאַרשלינגט מיר אַלס אין מיט
זי לאָזט נישט אַ גלאַנץ אין אויג פאַרזאַפּן —
כאָטש לויף דו אויך... מיט די זעלבע טריט...

דאָס פענסטער איז בײַ מיר הײַנט ברייט צעעפנט
דו געדענקסט נאָך װען כ'האָב עס צוגעמאַכט
הײַנט װאַרט איך ס'זאָל עמעץ צו מיר טרעפן
און פאַרפירן דאָ מיט מיר אַ שלאַכט

דו האָסט אין מיר אַ שטיק אַרױסגעשניטן —
װאָס ס'איז געבליבן האָב'ך אַליין דערשטיקט
הײַנט װאַרט איך בײַם פענסטער מיט אַ ציטער :
אפשר װעט אַרײַנפאַלן דאָ אַ בליק — — —

## כ'לײג מײַנע טעג דיר צופוסנס...

װאָס קענען מײַנע טעג דיר ברענגען ?
אַז זיי זענען אַװעק אין גרױ
און אַז איך װעל זיי אַפילו שענקען
װעלן זיי נישט האָבן דעם פּריש פון טוי

קײן קרױנען קענסטו פון זיי נישט מאַכן
װײַל ס'האָט קיין זון זיי נישט באַגילדט
װעסט נישט הערן די יוגנט פון זיי צעלאַכן
און ס'װעט קיין מינוט ניט שמײכלען צו דיר מילד

װעסטו דײַן קאָפּ מיט זײַ באַצירן
װעלן זײַ באַהױערן אים מיט טריב;
ס'האָבן קײנמאָל נישט פֿאַרװעבט זיך דאָרט קאָלירן
פֿון האָבן װעמען ס'איז נאָר ליב...

װילסטו זײַ — װאַרט זשע ביז כ'װעל דערמידן
און נעם זײַ — ביטער אָדער זיס
כ'קלאָג זײַ אױס דורך מײַנע לידער
און לײג זײַ אַ מתנה צו דײַנע פֿיס

נעם זײַ װי גאָלדענע שטראַלן
װאָס פֿאַלן אױף דרערד מיט געבעט
און אַז װעסט בענקן נאָך נצחון־שאַלן
נעם מיט די פֿיס זײַ און צוטרעט — — —

# און אױך אַ סך־הכּל מוז מען מאַכן...

און אױך אַ סך הכּל װעט דאָס לעבן מאַכן.
כ'װײס נישט בלױז בײַ װעלכע יאָרן...
אפֿשר אַ חשבון פֿון די לעצטע טעג
און אפֿשר מיטן שאַרף פֿון זכּרון...

אפֿשר װעט קומען פֿון משוגעת די פֿרײד
און מײַן צאַפּל פֿאַר זיך בוכן
און אפֿשר אַמאָל דער מיד פֿון צײַט
מיט זײַנע שװערע חלוש־שפּרוכן — — —

כ'װײס נאָר אײנס: קומען װעט ער!
כ'פֿיל זײַן טראָט אין יעדן טאָג
כ'הער שױן איצט די יאָרן־בלעטער
קרעכצן פֿאָרכטיק אױף זײַן װאָג

ער ליגט זיך שטיל בײַ מיר אין לױער
זאַמלט שטיל די ברעקלעך צער

און קלאַפּט אַמאָל אין מיין אומעט־טויער
וואָס האָט פאַר אים דעם וועג פאַרשפּאַרט

נאָר קומען וועט ער אין גרויעם שפּיגל
וו ס'האָבן יאָרן אין אַש געבלייכט
און צעפּאָכען זיינע קלאַמער־פליגל
איבער וועגן, נישט פאַרגלייכט...

דו וועסט אפשר דאַן מיטשלייכן
אין די פליגל פון זיין זוים
וועסט שטום מיך רופן מיט אַ צייכן
און וואָגלען מיט מיר צוריק אין טרוים...

# אין דיינע טויערן, פּאַריז

(לידער פון אַ פרעמדן)

## איינס

פּאַריז, איך בין אַ פרעמדער דאָ
און פרעמד זענען די געזאַנגען מיינע
הע, ווי נעם איך און קום עס גאָר
אין די פּאַריזער טויערן דיינע ! ?

כ'האָט די צייט פאַרשליידערט מיך
אין דיינע רווישיק־מילדע אָרעמס
ס'האָט נאָר געקענט שפּאָס פון צייט
אונז, אָ ביידע, צוזאַמענפאָרן...

כ'בין אַ אונטערגעוואָרפן קינד
אויף דיינע גרויסע שוים־בולוואַרן
כ'שפּאַציר בלויז דאָ ווי אַלע גלייך
בכדי זיך אַליין צו גענאַרן...

כ'האָב אָנגעהויבן פוצן זיך
מיינע האָר שיין פאַרקעמען
כאָטש איך אַלייך בין דאָ נישטאָ
און כ'האָב עס אויך דאָ נישט פאַר וועמען...

ביי מיר אין האַרץ אָט דאָרטן טיף
לעבט נאָך רואיק זיך דער זיידע

און מיין טאַטנס באָרד אין מיר
ווײַנט נאָך שטיל בײַ דער עקדה...

ווער ווייסט אַזוי ער זיצט עס דאָרט
און קוקט פון הימלען; דורך די בלויען
ער יאָגט אַרום נאָך מיר דאָס אָרט
און ציטערט מיך דיר אָנגעטרויען

טרעפט אַמאָל אויך בײַ דיר
כ'פאַרקריך אין דײַנס אַ ביר־שענק
זײַן און קלער וואָס כ'קלער
ביז ס'פאַרבענקט זיך און כ'בענק

כ'האָב געזען אַ פרוי פון שבת־ליכט
האָט אַהין עס מיך פאַרצויגן
און נעכט האָב איך קיין רו געהאַט
נאָכן גלאַנץ פון פרומע כלה־אויגן...

וואָס דערציילן מיר דײַנע פלעצער דען ?
וואָס זוך איך דאָ אין דײַנע באַרן ?
דאָס גיי איך בלויז אַמאָל אַהין
כאָטש כ'קען נישט אַליין זיך גענאַרן...

# צוזוי

אין פאַריז זענען ביימער אַ קינסטלעך געוויקס
און בלומען חלשן בײַ די דאַמען אין די הענט
די נאַטור קומט נאָר ווי אונטער אַ ביקס
און ווערט דערשטיקט צווישן מויערן און ווענט

שטענדיק קריצן דאָ באַנען מיט די ציין
און שלענגלען ביז אָוונט זיך אין משוגענע ווייען
נאָר מײַן שכל מאַכט זיך פאַרשטיין...
בײַ אים הייסט עס : מעטראָ־טראַמווייען...

## דריי

אַז אַ לאַנד האָב איך דאָרט ערגעץ ווייט
פון וועלכן כ׳קען קיין לידער זינגען
און ביי דיר גיי איך אין אַ זייט
ווי אַזוי זשע זאָל מיין טריט דאָ קלינגען ! ?

אַז דאָ דערקענט מיך נישט די זון
און בוימער טרויען נישט מיין פריינטשאַפט
די מויערן שווייגן דאָ פאַרשטומט
און פענסטער גלאָצן מיט אַליינשאַפט

די נאַטור קאָכט זיך דאָ מיט רויש
און פאַרקויפט זיך אויף אַלע וועגן
בלומען רייטלען זיך אין קויש
צווישן אויטאָ־כליפּען און פוילן רעגן...

כ׳גיי אַמאָל אין גאַס ביי דיר
און טראָג אַ דרימל פון פאַרצייטנס
בין איך אפשר דער געשוויר
אויף דיין טומל, דעם פאַרשייטן ?

דו לייגסט צופוסנס דיין גאַנצן גלאַנץ
און איך קען זיך מיט אים נישט פרייען
ס׳לאָקן ליכטער מיט שכור־טאַנץ
און איך ענטפער מיט אומעט־ווייען...

ס׳ווייַנט זיך שטיל אין מיר דער טראָט
ווען כ׳דערנענטער זיך צו פריידן
און ס׳העלפט אים מיט אַ מידער — גאָט
ווען ס׳קרעכצט זיין זון אויף דער עקדה...

## פיר

כ׳האָב פאַרלוירן מיין חלום דאָ
ווו אַלץ איז ביליק און פאַרקויפט זיך;

שמייכלען קויפט מען אויף דער שאָל
און ליבע פרעסט זיך און פאַרזויפט זיך

געזאַנג איז דאָ צולאָג צו ווײַן
און פידל איז דאָ בעטלער־ניגון
און איך, דער נאַר האָב געמיינט
צו הערן זינגען ביי אַ חלום־וויגל

די מענטשן דאָ שיטן מיט שמייכלען
ווי קליינע מטבעות, וואָס מ׳דאַרף נישט קאַרגן
און ביי מיר זענען ליפן — היפּלען
צום באַגליקן און צום דערוואַרגן...

ווו זשע זאָל איך די שפּראַך דאָ נעמען ?
ווו געפינט מען דאָ די וועגן ?
אַ פרעמדער בין איך ביז פאַרשעם
ווען ס׳איז דעם וועג צו פרעגן...

# פינף

מיין איינציקער פריינט דאָס איז דער באַנקנאָט
שטיל און באַשיידן באַוואַכט ער מיין גאַנג
אַפילו ווען כ׳האָב אים נישט געקריינט פאַר אַ גאָט
היט ער מיך צו — ווי אַ מענטש וואָס איז קראַנק

ער ברענגט מיר מיין ברויט און שאַפט מיר מיין ווײַן
און עפנט פאַר מיר די טירן פון קראָמען
כאָטש ער ווייסט ווי איך האָב אים פיינט
און זוך פאַר אים אויס אַ געפערלעכן נאָמען...

ער וואַרט אויפן ווינק, כ׳זאָל באַגערן נאָר וואָס
און שוין איז ער גרייט צו שפּרינגען, צו פליען
ער קוקט מיר אין אויג, ווי אַ הונט זיין באַלעבאָס
אַ צי מיטן אויג — און ר׳איז גרייט צום באַמיען

ער האָט מיר איינמאָל אפילו אַ מתנה דערלאַנגט
נאָר וועלכער כ'האָב אַמאָל אין לידער געבענקט
געוואָרט מ'זאָל עס באָרגן פאַר טרויער־געזאַנג —
אומזיסט... ווי ווייט דער זכרון געדענקט...

אין אַ קרעמל אַזוי האָט זיך שענקיק צעגלאַנצט
אַ נישטיקער רעשט פון אַ פּופּציקער פראַנק
און אַ וואָרט אַזאַ האָט אַ שמייכל באַקראַנצט
פון אַ מיידל אַזאַ: מיין בעסטן דאַנק!...

# זעקס

דער אָוונט קומט דאָ מיט דערשראָקענע טריט
ווי פון נעכט שוין אויסגעמאַטערט
ער זעצט זיך אַנידער אויף די דעכער מיד
און צושטעכט זיין לייב אין ליכטן־קראַטער

די זון האָט פאַרנאַכט געשמינקט זיך אויף רויט
און אַוועקגעלאָזט זיך ערגעץ נאַכטעווען שכור
און פאַרטאָג איז זי געקומען מיט פאַרבלויטער הויט
און געברענגט מיט זיך אַ אויטאָ־שלוקערץ

און דער טאָג איז געבליבן הענגען באָרפיס
אַ געקרייצטער אויף די ווענט
ווערן זיינע שעה'ן געלע טאָרבעס
צו שטאָפּן דאָרטן רויש־פאַרמעגן

טוט אָן דער אָוונט אַ שוואַרצן באַנד
אין טרויער־טריט צום טאָגס לויה
נאָר די אויגן צעגליען ביי אים מיט בראַנד
ווי אַ מיליאָנען־קעפּיקע מולד־חיה...

# זיבן

די נאַכט האָט דאָ מאַסקעס אַ סך
און היט איר ציר מיט טויזנט אויגן
אַמאָל לייכט זי אַראָפּ פון דאַך
מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן

זי טאַנצט זיך אויס אין אַ ראָזאַ קלייד
און שמייכלט צו מיט אַלע חנען
און באַלד פאַרשווינדט זי אין אַ זייט
און כאַפּט זיך אויף אַ רגע וויינען

ס'ווערט איר פינסטער פּנים גרוי
ווי אַ וועכטערין ביי אַ אַלטן טויער
און כאַפּט זיך קושן אַ צעקנייטשטע פרוי
וואָס לייגט זיך פאַר אין ווינקל־לויער...

דערנאָך אַנטלויפט זי אין ליכט־ווירוואַר
און לאָזט זיך גאַרן פון געפּוצטע בליקן
ביז עס קומט אַ האָריקער נאַר
און נעמט זי שלאָפן אונטער בריקן...

# אכט

דער טאָג שפּיט נישט אויס, די נאַכט שלינגט נישט איין
ס'איז אַלץ דאָ נישט וואָר, פאַר מיר נישט וואָר...
כ'זע דאָ קיין צאָרן נישט קריצן מיט ציין
כ'זע נישט קיין פרייד דאָ העלן אויף קלאָר

דער הימל הענגט דאָ ווי אַ פויערהאַנג טריב
איבער אַ געלער זונה'ס פענסטער
כ'ווייס נישט ווער ס'האָט דאָ ליב
אין מאַסקן־שמינקעס שפּראַך : מיין שענסטער !...

די זון פֿאַרגנבעט זיך אויף טרעפּ
מיט מידן שוויים פֿון הויכן קלעטער
זי ליגט ביי מיר אין בעטלער־שלעפּ
מיט אַ קרעכץ פֿון גענאַרטע געטער

שמייכלען שמירט מען אויף רויט מיט פֿאַרב
זיי זאָלן גליען מיט שאָכטל־פֿייער
און אויף ברעמענס גרויעס שטאַרב
מאָלט אַ הימל אַ בלויער בלייער

די ליכט אַרום פֿאַרשמינקט איר רויט
און באַווינקט מיט שמיר די גאַסן
פּודער־רעקלאַמע טאַטואירט איר די הויט
און טאַנצט מיט כתב גרין־פֿאַיאַציק...

# נייַן

מ׳זאָגט אַזוי, ביזט שיין, פּאַריז!
עס גלעטן דיך פֿאַנטאַזיע־וווּנדער
עס וואָגלט צויבערדיק דייַן ליד —
ווי די זון גייט אויף און אונטער

כ׳בין אַ פֿרעמדער דאָ ביי דיר —
און האָסט דיין צויבער נישט געוויזן
כ׳בין געקומען דורך הינטערטירן
און געזען דערפֿאַר אַ סך פּאַריזן...

ביי מיר שלאָפֿט באַרבעס אונטער אַ בריק
און בעטלט אין מעטראָ האַר־צעפּלאָשעט
און אויף פּיגאַל דיין מיידל־געשיק
פֿאַרקויפֿט זיך דאָרט אין קאַרגן לשון...

דו ביזט דאָס ליד פֿון ווייסן שוואַן —
וואָס צויבערט איבער וועלט, דער רונדער

נאָר ס'ווייסט נישט דער גרויער מעגילמאָנטאַן :
ווער ביזטו פאַר אַ כשוף־וווּנדער ?

כ'בין אַ פרעמדער ביי דיר, כ'ווייס...
און מיינע אויגן זענען בייזע
ווי קום איך צו דיין גרייס ?
ווער בין איך דו זאָלסט באַווייזן ?

ס'הענגט נאָך קרום פון מיין האַרץ דער שפיגל —
עס גרויט נאָך אַלץ זיין זילבער־גלאַנץ
די נאַכט האָט נישט פאַרשלונגען — דער טאָג נישט אויסגעשפיגן
שרעקט נאָך אַלץ דיין וואַקל־טאַנץ — — —

# װען מ'איז יאָושדיק...

## װען מ'ווערט יאָושדיק...

װען בײַ מיר ווערט יאָושדיק אין האַרץ
יאָושן מיט מיר מיט די צײַטן
די טעג ווערן סטרונע־דין
און יאָמערן ווי קינה־פּלײַטן

דאָס בלוט בײַ מיר ריזלט שטיל
דורך אָדערן וואָס קניִען אין הכנעה
ס'שטומט דער רײַך; ס'טויבט דער וויל
ווי די לעצטע רגע פֿאַר צוואה

ס'גאַפט דער ווינקל; ס'זינקט דער טיש
און ס'שעמט אָנפּנים'דיק דער שפּיגל
און ס'שטיקט זיך דער האָרסטער ליפּנשעפּטש
נישט געשפּירט צו ווערן — ווי אַ ליגן — — —

## די טעג מײַנע זענען...

די טעג מײַנע זענען ווי בלוילעכע רויכן
זײ האָבן קאָליר נאָר שווימען אַוועק
זײער שײַנקײט דערשלאָגט זיך צו אַנדערעס הויכן
און איך בלײַב אין ווינקל מיט צוטומלטער שרעק

פון מיין נשמה די בלומען — זיי ווערן געשאַנק
פאַר די וואָס האָבן אַ הויז צו באַצירן
נאָר אַז איך וועל זיך זוכן אַ האָרעלע דאַנק
וועל איך אים געפינען ביי געשלאָסענע טירן...

ווייל איך אַמאָל די טאָג־זון פאַרדעקן —
אויב פינסטער ביי מיר — זאָל פינסטערן אַרום !
וועט מיך קיינער נישט קומען וועקן —
זאָל מיין גליק זיין דער פאַרשטום !...

# אָ, טרינקט מיין ליד...

אָ, טרינקט מיין ליד, איר זאַטע פון ווייַן —
וועט איר ווידער שכור ווערן !
ס'גיט קיין הנאה נישט די פרייד —
אפשר וועט עס זיין פון טרערן ?

אפשר איז דאָרט פול דער בעכער;
נישט איר קענט שוין, נישט איר ווילט...
פרוווט זשע אפשר, עטוואָס העכער —
טאָמער וועט דאָס אייך מאַכן ווילד ?

וואָס זוכט איר דען אין לעבן, איר ! ?
רויש און וועקסל, עמאָציע־שפּיל...
איז אויב דאָס זאַטקייט פאַרשפּאַרט די טירן —
פּרובירט אַמאָל זשע מיט געפיל ! — — — —

זוכט אַ טרער, אַ געוויין, אַ ניגון
שרייט : נשמה ! זוכט אַ גאָט...
דאָס לעבן קען שוין נישט פאַרוויגן —
טאָ שלאָגט די מוחות מיט אַ סוד !

שרייט הורא פאַר אַ ליד, אַ נייעם
טאַנצט פאַר ביכער, פּאַטשט אין בויך !

אויסגערוישט זיך אַלע יאָרן
רייסט זשע איבער, זוכט אַ תוך...

אפשר וועט איר צוריק דעם הונגער
געפינען ערגעץ אין אַ שוים
טאָמער וועט דער רייץ פון שכרות —
פון פרעמדע ווינקלען צוריק אַרויס?

ס'וועלן אפשר ווערן די גרויע האָר
ביי פרעמדע קוואַלן צוריק באַנייט
טאָמער וועט זיך צום ווייַן פאַרבענקען,
צום קענען לאַכן צוריק פאַרשייט? — — —

# ביי מיר קומט איר יום־טוב זוכן...

ביי מיר קומט איר יום טוב זוכן
ווען איר זענט מיט וואָך שוין איבערפולט
מיר זענט איר שוין פון אַלטאָגן
זוכט איר קוואַלן פון פריש געדולד

מאָרגן וועט איר צוריק צום ברויט
שפּעטער וועט איר צוריק צום פלייץ
אַ מינוט בלויז ווילט איר זען מיך צאַפּלען
צוגענאָגלט צו אַ קרייץ — — —

מיט לידער ווילט איר זיך פאַרכלינען
אַ מינוט דערשפּירן דעם נשמה־פּיק
און שפּעטער ווידער צו קענען טרינקען
און פרייען זיך מיט דעם „צוריק"...

טאָ הערטזשע הערט, איר מינוטן־בענקער!
כ'האָב פאַר אייך געזאַמלט גאַל...
פאַר אייער פרייד בין איך דער הענקער —
וואָס וועט באַשאָטענען אייער שאַל

איר ווילט איך זאָל די טרערן טראָגן —
גרייט פאַר אייך — ווי צום באַשטעל ?
איך זאָל פאַר אייך זיך צאַפּלען, קלאָגן
גרייט צום שטעלן זיך אויף באַפעל...

טאָ ווייסט זשע אַז איך פייל די שפּיזן
אייך צו שטעכן מיט מיין ווײ...
וועל איך טראָגן די אומעט־פאָנען —
וועט איר שפּרייזן מיט מיר אין רײ — — — —

# כ׳ווייס אַז איר האָט ליב געזאַנג...

כ׳ווייס אַז איר האָב ליב געזאַנג
פערזן זוכט איר וואָס זאָלן שפּילן
ווי איר ציטערט פאַר נשמה־פאַנג —
וואָס קען אין טרויער אייך פאַרהילן

און איך — ווי איר — אַמאָל אַזוי —
ווי כ׳האָב געוואָלט אַ לעבן זוכן —
זען אין הימל נאָר דעם בלוי
פוצן זיך און צעגלאַנצט באַשוכן

נאָר ס׳האָט מיר אַ שווידער אַנגעזאָגט :
דורך אַלע שו־בן פון מיין דרימל :
זע, אַ וועלט האָט אָפּגעטאָגט
דורך ווייערויך־ערד און ווייערויך־הימל

וויל איך נישט פאַרשפּילן פאַלש
יענע שעהן מיט זיך אַליין
כ׳וויל נישט דורך מיין אוצר גאַל
מאַכן פערזן, שלייפן שיין

ס׳איז מיר אומעטיק דאָ היינט !
קומט, ווער ס׳וויל, אומעטן צוזאַמען !
אַמאָל האָט אַ ברעקל גליק געחנ׳ט
און היינט לאָקן פון שוואַרץ די ימים — — — —

# כ'בין בײַ מײַנע יאָרן בלויז אַ גאַסט

כ'שפּיר מײַן ייִנגקייט ווי אַ לאַסט
וואָס רײַצט אָן אויף מיר אַלע רײַצן
איך בין בײַ מײַנע יאָרן בלויז אַ גאַסט
ביז די עלטער וועט פאַרפּלייצן

כ'האָב גענוג געטריבן זיי פון מיר,
אין די האָר געזוכט די זילבער־פעדעם
נאָר ס'האָט געזאָגט דער ראָזער ציר:
ער נעמט אָפּצאָל בײַ יעדן־יעדן!

אַ שמייכל האָט מיר אַמאָל געדראָט
ער וועט קומען אין די שקיעה־שעהן
און דרייען פאַר מיר אַ חרטה־ראָד
ביז שגעון, ביז שגעון — — —

זאָג איך צו מײַן יוגנט: נעם!
מאָן דײַן חוב מיט פרייד און טרערן
נאָר אַז כ'וועל שפּירן אין זיך פאַרשעם
לאָז מיך דו פון גאָרנישט קלערן...

# מיר זאָגט מען...

מיר זאָגט מען: ביזט נאָך ייִנג!
און ס'וואַרט די וועלט מיט אָפענע אָרעמס
און בײַ מיר האָט די צײַט אַ בית־עולם פאַרלייגט
און אין מײַן בלוט געגראָבן מאַסנקברים — — —

און ווען מײַן שמייכל קומט אַמאָל
קומט ער אַ קרומער, מיט אַ לאָמעם שטעקן
און כ'היט זיך הויך אַ לאַך צו טון
— כ'זאָל די מתים אין מיר נישט איבערוועקן...

# געוויין איז די ברכה...

געוויין איז די ברכה פון גאָט אַליין
פאַר די וואָס ר'האָט זיי נישט פאַרשטיינערט
אַזעלכע דאַרפן נישט קריצן מיט די ציין
ווען ס'פאַרשטייט זיי אַרום נישט קיינער

ווען אין אַזעלכע טויכט אויף דער טרויער
לעשן זיי זיך אין טרערן־קוואַלן
און ס'האָט נאָך ווער פאַר זיי אַ אויער
ווי פאַרן געוויין פון הינט און שאַקאַלן — — —

# אָט, זע, אַ דור איז פאַרגאַנגען...

אָט זע, אַ דור איז פאַרגאַנגען
און — ווי אויף חוזק — דיך נישט מיטגענומען
דו אַליין זאָלסט ווי זיי נאָך פּאַלן
אַז דו זאָלסט ווייטער זייער נגון ברומען

אַליין נאָך זאָלסטו ס'געוויין פאַרהיטן
און דערביי נישט קענען וויינען
און ציען זאָל דיך צו אַלע גלאַנצן
און אַליין זאָלסטו נישט קענען שיינען

ווייטער זאָל דיר ביז צום טיפסטן
און נישט קענען זאָלסטו דערביי אויסשרייען
עקלען זאָל דיך וואָס די אויגן זעען
און דיינע ליפּן זאָלן נישט קענען שפּייען

פאַרלאַנגען זאָלסטו האָבן וועלטן
און קיין ברעקל זאָלסטו נישט קענען מאָנען
ענג זאָל זיין דיר דיין אייגן ווינקל
און אין האַרץ ביי זיך טראָגן מיליאָנען...

## וויי, וויי, ווער וועט וויינען ?...

וויי און וויי, טאָ ווער וועט וויינען ! ?
ווער וועט ספּאַזמירן אויף די חורבות ?
די ערלעכע זענען געוואָרן שטיינער
און פאַלשע נייען גרויסע טאָרבעס !...

טאָ ווער וועט שרייען, ווער וועט קלאָגן ?
מ'מוז דאָך באַוויינען כאָטש מיליאָנען !
אַז פרומע זענען אין גייסט דערשלאָגן —
און פרעכע קומען בלויז ירושה מאָנען...

טאָ ווער וועט ציילן, ווער וועט שרייבן,
ווער וועט היטן דאָס ליכט פון פריער
אַז די געבליבענע וועלן פאַרטייבן
זייער לעצטן זינען מיט רויש און ציר — — —

וויי און וויי : אויך איך ! אויך איך !
כ'פלאָם אַליין פון זייער ביוש...
ס'ברענט אַרום און דאָ קני איך —
ליג פאַרצווייפלט און זייע יאוש... — — —

# י א ו ש

## (פון אַ צוריקגעקומענעם משוגע'ס רייד)

.1

...און איך וועל קומען צום ווייב אין הויז
באַהאַלטן ביי איר דעם שווערן קאָפּ
ווייל צו וואַרטן האָב איך בלויז
אויפן רויטן אַרבעס־טאָפּ — — —

כ'וועל איר זאָגן אָט אַזוי :
נעם און וואַרף מיך אויפן הויף !
קאָך אָפּ אבלות אין רויטן טאָפּ
און שיט דאָרט אַביסל גאַל אַרויף

פון מיין קלייד, אָ, קריעה רייס
די שיך פון מיר, אָ צי אַראָפּ
און טאָמער פרווו איך ... מיט אַ וואָרט —
נעם די אויערן און — פאַרשטאָפּ !

שטעל דעם טאָפּ מיר אויף אַ שטיין
און דו נעם שטומערהייט און גיי
פאַרלאָז מיך דו ! פאַרלאָז מיך אויך
און לאָז מיך בלייבן מיט זיך אַליין...

זוך בלויז אויס אַ קויל פון אַש
פאַר דער שריפט פון מיין האַנט
עפּעס וויל איך נאָך פאַרשרייבן
אויפן עיפּוש פון אַ וואַנט.

מיין צוואה וויל איך לאָזן :
קושט דעם קויט ! האַלזט דעם שפּאָט !
ווען מיין פאָלק איז פאַרלוירן —
איז מיטגעשטאָרבן אויך זיין גאָט !

זאָלן אויף קברים טאַנצן בייכער
און זאָלן שמאָלקעפּ זויפן פרייד
ווייל נביאים וואָס צאָרנען, שטראָפן
האָט גאָט אַליין זיי אויסגעטייט — — —

.2

...נאָר דו וואַרטסט נאָך אַלץ, אָ ווייב
וואָיעסט פאַר מיר ווי אַ צויג
מיינסט אַז מיך וועט נאָך באַרירן
אַ טרער דאָרט ערגעץ אין אַ אויג

ווילסט מיט טרערן מיך, אָ פאַנגען
פאַרהאַלטן ווילסטו מיט געוויין
מיינסט צו מיין רחמנות זיך דערלאַנגען —
ווען כ'בין געוואָרן שוין אַ שטיין ?

איבעראַל בין איך אַרומגעלאָפן
אַ טראָפן געפיל געזוכט... געבעטלט
געלייגט ביי יעדן זיך צופוסנס...
הכנעהדיק געלאָזט זיך טרעטן

און צו דיר אַליין בין איך געקומען
געלייגט מיין האַרץ ביי דיינע שוועלן
געמיינט אַז דינען, טריישאַפט, בעטן
דאָס וועט דיין שמייכל פאַר מיר באַהעלן

כ'בין געקומען מיט טעג דערשטיקטע
פון שטענדיק שוואַך זיין, שטענדיק קליין
און איינמאָל געוואָלט אַ באַגליקטע רגע
פון נישט שפּירן זיך אַליין...

און דו, שוואַכע ! האָסט געוואָלט זיין שטאַרק
דיין שטאָלץ איבער מיר האָסטו ווי אַ פאָן צעהאַנגען
מיין צער האָט פאַר דיר אַ ניגון געשפּילט
מיטן כשוף פון גוססע פאַרלאַנגען...

ס'האָבן געוואַרעמט דיך די פריידן
פון שליסן אין זיך מיינע באַגערן
וואָס האָסטו געוואָלט, העי וייב דו !
כ'זאָל אונטער דיינע טריט אַ בעטלער ווערן ! ?

און דער ווילן מיינער — ווי אַ שטאַרער לייב
איז אין מיר ווידער אויפגעשטאַנען
האָסט געוואָלט בלויז טרעטן אויף מיין שטאָלץ —
בין איך דאַן אַוועקגעגאַנגען — — —

היינט בין איך שטאַרק געוואָרן !
ווי אַ גבור בין איך יעצט געקומען
מיטן כח פון פריידלאָז־פאַרברענגטע יאָרן
און מיטן געוויינשאַפט פונם צער, דעם שטומען

און דו האָסט פאַר גבורה זיך געבויגן !
שטאַרקייט זוכסטו ? טאַ ווייסזשע וויים !

זעסט דעם יאוש אין מיין אויג ?
ביזט נישט דערוואַקסן צו זיין גרייס !

היינט דאַרף איך שוין גאָרניט מער
ווי אַ קליינער וואָרם אויף הימלס הייכן
— איז דער יאוש מיין געווער
איבער יעדן וואָס וויל צו מיר דערגרייכן — — —

.3

און אַוועקלייגן וועל איך מיין קאָפּ אין גאַס
צווישן מויערן אַזעלכע צווויי
און ווער ס׳וועט פאַרבייגיין נאָנט —
אים אין פּנים טון אַ שפּיי...

און הונגעריק וויל איך שטענדיק זיין
און עלנט וויל איך זיין דערביי
פאַרברענט זאָל ווערן מיין ווינקל־הויז
און חרוב דער טריט אַוווּ איך שטיי

בלויז דער צאָרן קען זיין מיין שפּייז
און בלויז דער אומעט קען זיין מיין בריל
ווייל דערפאַר וואָס ס׳האָבן אַ לאָך די מייז
מוז איינזאַם גרילצן זיך דער גריל

שרייען קענען בלויז די בייזע
מאָנען — בלויז די וואָס קענען לויפן
געבונדענע מיט אַ האָר פון אייגנס
לאָזן פון לעבן זיך איבערקויפן — — —

וואָלט איך אַ גאָט אין האַרץ געהאַט
וואָלט איך געבעטן : לאָז מיך אָרעם !
כ׳וויל נישט ווערן פאַר זיך זאַט —
ס׳זאָל איינלעשן אין מיר דעם בייזן שטורעם...

.4

און איך וועל צוגיין צו אַ גאַסנפּרוי
און איר זאָגן אָט אַזוי:
דו ביזט פאַר עלנטע דאָס איינע גליק
וואָס זיי קענען רופן אין אויגנבליק...

דיין פלייש, ווייס איך, דו פאַרקויפסט
כ׳ווייס: דו שכורסט, כ׳ווייס: דו זויפסט
און ס׳דערציילט דער סקריפּ פון דיין שיך:
אַזאַ בין איך! אַזאַ בין איך!

דיין שמייכל צעהענגסטו איבער די גאַסן —
ווי דאָס פלעמל פון אַ גאַז־לאַמטערן
און — מעגסטו ליבן, מעגסטו האַסן —
פאַר מטבעות קען ער יעדנס ווערן — — —

נישט איך בין שולדיק דעריז, גלייב!
וואָס כ׳אַנטלויף פון דיר פון וויטן בלויז
און ווו דו ביזט — מייד איך דיין הויז
און כ׳שוידער אויף ביים זען דיין לייב — — —

מ׳האָט דערצויגן אַזוי, פאַרפאַלן!
און דאָס איז אַריין אין מיין געפיל...
כ׳ווייס אָבער: ס׳איז אַ נאַריש שפּיל —
אַז נאָר דו איינע ביזט געפאַלן — — —

ווי איך באַוואונדער דיין פרעך געזאַנג!
איז עס חוצפה אָדער מוט?
אויף יעדן הייבסטו דיין לעסטער־רוט
און יעדן לייגסטו פאַר דיין גאַנג — — —

אָט זע ווי איינער איז דאָרט דערשראָקן:
דיין וואָרט בלויז איז פאַר אים אַ פלעק...
— זעסטו נישט טיפער פאַר זיין שרעק —
די זינד וואָס וועט אים אייביק לאָקן?

דו רופסט אַרויס און דו באַשולדיקסט
יעדן איינעם וואָס גייט פאַרביי — — —
וואָס איז פאַר דיר דען זיין עקל־שפּיי ?
דו האָסט געלערנט צו זיין געדולדיק — — —

איך זע אין דיר בלויז אַ שופט
וואָס שמייסט מיט אמת יעדן איינעם
זאָל ער אַפילו פון צניעות וויינען —
און זאָל ער פון אַזאַ ווי דו אַנטלויפן !...

און איינער אַזאַ וואָס מיידט דיך שטענדיק
פילט אין דיר אַ גורל־חבר — — —
דו ביזט מוטיקער בלויז און בראַווער —
כאָטש דיין גוף איז פרעך און שענדיק...

.5

...און אַמאָל ווערט מיין זכרון משוגע און לויפט
איבער דעם וואָס כ׳וואָלט געוואָלט פאַרגעסן
צוליב וואָס דען אַזויפיל די נשמה פרעסן —
ווען אַלץ אַרום דיר שכורט, זויפט ! ?...

און כ׳באַפעל דאַן צו מיינע יונגע בלוטן
אויפצושפּילן אַ פריילעכס אין די איינגעווייידן
אַנו, אויך איך וועל פרווון מיט לעבנספריידן !
דעם קאַשמאַר פאַרטרייבן פון זיך לחלוטין...

אַט וועל איך זיך אין געווירבל וואַרפן
און מיין אומעט באַהאַלטן ווי אַ וואָכיק קלייד
כ׳וועל שמייכלען, נישט הערן מיינע רייד
און ביי גליי־פלייש מיין נשמה שרפה׳ן...

איינמאָל זאָג איך צו מיר אַזוי :
„זעסט דעם שמייכל אַט דאָרט אַקייגן ?
אפשר פאַר דיר ? מעגסט צוגיין פרעגן !
הער אַמאָל דיין אייגן אויג !...

ביזט בייז און ברומיק... נו, אויף ווע‏מען !?
ווייל לעבן וויל זיך ווילגעפעלן ?
ווייל גאַס באַצירט זיך מיט פּנים־קרעלן ?
און דערפאַר וואָס ס׳כשופן אויגנברעמען !...

ווילסט מאַכן פון דער וועלט — אַ אומעט־ניגון,
אַ קאַשמאַר פלעכטן פאַר העלער פרייד ?
איז אויב דו קענסט ניט — שטיי אין זייט !
ביז ס׳וועט ווער קומען און דיך באַזיגן — — — —

ווער איז שולדיק אין דיין אבלות —
וואָס בייזע הענט האָבן אויפגעצווונגען ! ?
מוזטו אַליין עס פאַר זיך פאַרשלינגען,
שטיקן אַליין זיך מיט דיין חלק...

דאָס לעבן שטורעמט, דאָס לעבן רופט —
אַ אייביק געזעץ האָט אַזוי באַפוילן !
צייט איז דאָ בלויז ביז צום פוילן —
וואָסזשע וואַרגסטו די פרייע לופט ? — — — ״

... וויל איך אַזוי ! וויל — און קען נישט...
גיי און מוז זיך באַלד אומקערן;
נישט כ׳קען לאַכן, נישט כ׳קען טרערן
נישט כ׳קען פאַרלעשן; כ׳וויל און ברען נישט !

דאָס האָט ווער קיינער פאַרלייגט
טיף אין מיר — נישט צום ברעכן !
מיטן לעבן קען איך מיין טרויער נישט שוועכן —
און כ׳לייד פון דער אייגענער נשמה־שטייג...

וויל איך איינמאָל אויף אַלאַרם קלינגען :
— העי, איר מענטשן ! קומט, באַפרייט !...
מאַכט מיך בלינד אויף אַ שטיקל צייט —
לאָמיר קענען ווי אַ בעטלער אין הויף כאָטש זינגען...

.6

ווען איך אַמאָל אַרוים אַנטקעגן
אַלע רייצן און רויש־געשרייען

קניען פאַר יעדן לעבנס־ווינטל
מיט די פריידן, מיט די ווייען

כ׳וועל פריילעך שרייען איבער גאַסן
און ווילד זיך וואַרפן פון לעבן טרינקען
אַ שכור וועל איך פאַר גאָט מיר קריינען
און נאָכגיין זינד וואָס וועט אַ ווינק טון

און רעדלעך ווו צעטאָנצטע רוישן
וועל איך דעם קאָפּ אין מיטן שטעקן
און ווו אַ זינד, אין תהומות טיפע
וועט זי מיין באַגער נישט קלעקן

נאָר ווען עמעץ וועט ווייזן פינגער־דראָענד:
דער מענטש פון תענוג שווימט אין שרפה
וועל איך בלויז שפּירן די ווייטיק טיף
אין זינד־פאַרזינק ביז פאַרצווייפלונג...

# ס׳וועט קיינער נישט קומען...

ס׳וועט קיינער נישט קומען אויף מיין האַרץ זיך צעוויינען —
ווי מ׳פלעגט עס קומען אַמאָל אויף קברים
און ביי מיר ליגן נישט דערלעבטע יאָרן —
אַזוי דערשטיקטע אינמיטן חנען

ווער וועט פאַר זיי קרענץ פאַרפלעכטן
ווי אַמאָל אויף קברים פון נאָר־וואָס טויטע
בלומען בלויע, פיאָלעטע, רויטע —
פורפור־טרייסטן פון אַ נעכטן

ס׳זאָל עמעץ ווייזן אויף מיין האַר־צושויבער:
דאָ ליגן שוועסטער, ברידער, מאַמעס — — —
אויפן האַרץ וואָס האָט געשלונגען סמ׳ען
פון אַ גרויסן, פולן קויבער...

ס׳זאָל עמעץ קומען — אַ טראָפּן ווייטיק
אַראָפּציִען פון מיין קלענסטן פינגער
אפשר וועט דאַן־וואָס ווערן גרינגער —
אַ יוגנט וואָס איז געוואָרן איבערצייטיק

קומט און זעט, אָ איר מיין אַקסל
זעט מיין קערפּער ווי דאַר און מאָגער
זאָל ער אַליין דאָס אַלץ אויסטראָגן —
אַ אָפּגעצוימטער אינמיטן וואַקסן ?

אפשר האָט איר אַזעלכן איינעם
וואָס זאָל מיט אַ וואָרט און האַרץ פאַרקריכן
זאָל ער דאָס ווערן דער משיח —
פאַר אַלע פאַרשפּאַרטע דאָרט געוויינען — — —

# וואָלט איך אין האַרץ אַ גאָט געהאַט...

וואָלט איך דורך האַרץ אַ גאָט געהאַט —
וואָלט איך פאַר אים אויף די קני געפאַלן
דאָס האַרץ פאַר אים וואָלט איך צעפּראַלט —
און אויסגעגאָסן אַלע גאַלן...

איך וואָלט פאַר אים נישט געשעמט זיך,
אַנטפּלעקט פאַר אים די שוואַכקייט מיינע
פון דער נשמה אַראָפּגעצויגן ס׳העמד זיך —
זאָל ער דערזען זי מיט אירע פּיינען !

אָ, ווען כ׳ווייס אַז ער איז דאָ
אַז ער זעט מיך, אַז ער הערט
ליבע ביי מיר וואָלט איך געבעטן —
פאַר איינער אַזאַ וואָס איז עס ווערט

צו אַ אומגליקלעכער וואָלט איך צוגעגאַנגען
און זיך געמאַכט פאַר איר געשאַנק:
דו ביזט פאַרטרויערט, דו ביזט פאַריאָמערט —
מאַך פון מיר זשע דיין געזאַנג!

רחמים וואָלט איך ביי אים געבעטן:
גאָט פאַרטויב מיך, מאַך מיך בלינד!
נישט רייצן זאָל מיך פלייש געקנעטנס
נישט לאָקן זאָל מיך בלויז די זינד

אַ בעטלער־הוט וואָלט איך געצויגן
ווען ס׳צערוישט זיך פון גלוסט דאָס שפּיל:
כ׳בין אָרעם, גאָט, אָבער כ׳בין געבויגן
שענק! אַ חסד־טראָפּן פון געפיל...

## צום פראַגעצייכן...

אָ, דו האַרבער פראַגע־צייכן!
פאַרוואָס פאַרשטעלסטו מיר די וועגן
פאַרוואָס צעפּלאָנטערסטו מיין ווילן
און לאָזסט מיך זיכער נישט איין רגע?

וואָס הענגסטו אָן זיך אויף מיין פעדער
פול מיט ספקות, פול פאַרצווייפל
ניט דו לאָזט מיך מיר פאַרשטומען —
נישט דו לאָזסט מיך קלאָר באַגרייפן

פאַרוואָס באַשטעלסטו אַלע וועגן —
די טיפע נאַכט און דעם בלוי־באַגינען
פאַרוואָס צושטערסטו יעדן ווילן מיר?
לאָז אַ חלום כאָטש מיך שפּינען!...

## זע, דו האָסט אַ לעבן לאַנג

זע דו האָסט אַ לעבן לאַנג
מיט דיר אַליין זיך געראַנגלט
אַמאָל האָסטו דיין ווילן באַזיגט
און אַמאָל געלאָזט זיך פאַנגען

נאָר ווען דיין ווילן האָט געזיגט
האָט עס טיף אין דיר געשניטן
און אַז ס'האָט דיין פלאַם דיך צעוויגט —
ווי דעם טויט דו וואָלסט געמיטן...

ביזט נאָך היינט ווייטער אַנטוישט
פון יעטווידן לעבנס־צייכן —
איז עס דען אַ אָפּשיין בלויז,
אַ טראָפּן פון יענע הייכן ? — — — —

## כ'וועל דערציילן אין אַלע טויערן...

כ'וועל דערציילן אין אַלע טויערן :
ס'לעבן האָט זיך אַמאָל צעבריקערט
בין איך אַרויסגעשפּרינגען פונם טרויער
און אַ נאַכט אַ גאַנצע אַמאָל פאַרשכורט...

כ'האָב געזוכט פון פרייד דעם גיפט
און ער האָט געשריגן צו מיר פון טרינקען
האָב איך יאָ־יאָ געשטיפט
און דורך זיך אַריינגעזינקען — — —

כ'האָב ברייט צעצאָלט זיך מיט די רגע'ס :
אַ שעה פאַר ווין ! אַ שעה פאַר רויש !
כ'וואָלט געלאָפן דאַן אין די גאַסן פרעגן :
— קומט, ווער ס'וויל און מאַכט אַ טויש ! — — —

בלויז ווען דער יינגער, בייזער פּרי
האָט פאַרצערט ס׳לעצטע ברעקל נאַכט
האָב׳ך, כ׳ווייס נישט ווען און ווייס נישט ווי —
פון זיך אַליין ווי אויפגעוואַכט

אַ חוזק בלויז אין מיין גאַנג
האָט מיין וועג צוריק סך־הכלט
און ווי פון נקמה אַ צאַפּל־שלאַנג —
האָט מיין יעדן טריט זיך געוואַקלט...

# אומזיסט...

אומזיסט געצירט זיך, אומזיסט געפּודערט
אומזיסט געהאַשן ריין די שוועלן
געצויגן אויף זיך אַ שאָטנשמייכל
פאַר וועמען ס׳איז דאָרט צו ווילגעפעלן

קיינער זעט סייווי זיין צירונג
קיינער בליקט נישט דיין האָר־געפלאַקער
קיינעם ציט נישט דיין באַמיונג
און קיינער וויל נישט דיין האַרץ־צעאַקער

און וועסטו אפילו די לעצטע רוישן
אויפסניי פון האַרץ זיי לאָזן זידן
וועט דער שאַרפער אָרום דורך אומעט —
זיי פאַרוויגן, זיי איינמידן

אומזיסט דיין צאַפּלען, אָן זין דיין בענקען
קיינער וויל דיך נישט געפינען
קיינער דורשט נישט נאָך קיין טרויער —
פאַר וועמען זשע ווילסטו זיין דער ברונעם ?

וואַרט נישט בעסער, אין זוך פון פריער
ווייל דו אַליין ביזט שוין לאַנג פאַרשניטן —
טאָ גראָב אין האַרץ פאַר זיך אַ קבר —
און זאָג אַ קדיש ביים פאַרשיטן — — — —

# היינט בין איך שוין רואיק

היינט בין איך שוין רואיק, קוים
נישטאָ שוין מער פון ווי די רוט
דער געשפּענסט בעטלט אוים אַמאָל אַ טרוים
און באַהאַלט בייטאָג זיך אינם בלוט

די שרעק פאַרזינקט אין די ווענט
און האָט מורא הויך אויסצושרייען
און דעם געמיטס פאַרטיף שלינגט איין די הענט
געשטרעקטע מאַכטלאָז פון מיליאָנען־רייען

היינט עס איך מער און טרינק צו זעט
און שפּרייז אויף ריינע פלאַסטער־שטיינער
דער זכרון פאַרוואָגלט אין הינער־פלעט
און היט זיך, ס׳זאָל אים נישט שפּירן קיינער

נאָר אַמאָל מיט זיך אין שאָטן
בייזערט זיך אין חלשות דער פאַרגעס
און ס׳צעגרוילן אויף ס׳ניי זיך די איום־דראָטן
און ראַנגלען אויפסניי זיך מיטן נס...

# און כ׳וויס, ס׳וועט קומען...

און כ׳וויים ס׳וועט קומען אויך אַמאָל —
דאָס לעבן און זיך ביי מיר אָנקלעפּן
אַ וויג טון וועט זיך ביי מיר די שאָל —
און איך וועל זיך לאָזן שלעפּן...

ס'וועלן קומען זעקסאונצוואַנציק יאָר
און ביי די פיס זיך לייגן מיט יללה :
העי, דו האָסט אַ גאַנצן דור —
פון יוגנט געמאַכט אַ לאַנגע קללה

אַזויפיל זומערן האָסטו געהאַט
אַזויפיל נעכט מיט בלויע שטערן
וואָסזשע האָט עס דיר געשאַט
מיר זאָלן אַ שפיל אַמאָל אויך הערן ! ?

מיין זיבצנטער יאָר, דאַר און צאָרניק
וועט קומען מיט אַ בלויעם צייכן :
האָסט געפירט אַ וועג, שטיין און דאָרניק,
דורכן לעבן געהייסן בלויז מיך שלייכן

געדענקסט אַמאָל — אַ אויגנגלאַנץ
וואָס האָט גערופן מיך, געבעטן...
האָסטו גענומען מיין פריידנשאַנס
און ביים ערשטן בלי מיר אים צעטרעטן...

און אַכצן וועט אין ווינקל שטיין
און ווי אַ מערדער מיך דערבליקן :
— געוואָלט אַמאָל זיך צירן שיין —
האָסטו באַפוילן זיך צו שטיקן — — —

און ביי ניינצן וועט אַ פינקל טון
אַ צאָן־פאַרקריץ, אַ אויגנשליידער :
האָסט געהאַט די לעצטע זון —
און פאַרדעקט זי מיט שימל־קליידער...

האָסט געזען וויאַזוי ס'שפּריזט פאַרלעש,
ווי צאָרן רוקט פון אַלע זייטן
און כ'האָב געבעטן זיך אין העש :
באַפריי אַ מינוט כאָטש פון די קייטן !

און דו... און דו — אַ שטאָל —
האָסט פאַרצויגן אַלע צוימען
אַ לעבן ווילסטו : יאָמערטאָל
אָן גענוסן... אָן טרוימען...

האָסט געוואַרט, געוואַרט...
נישט געוווסט : ביז ווען, אויף וועמען ?
ביזט געוועזן ווי אייזן — האַרט...
געשפּייזט זיך בלויז מיט ביכער, נעמען...

עס זענען געקומען יינגע טעג
מיט גאָלדענע קרוינען, אין הכנעה געבויגן
האָט דער בענק בלויז געטון אַ פרעג —
האָסטו כמורנע פאַרמאַכט די אויגן

און אין לעצטע לעבנס־ברעגן
צווישן אומגליק און פאַרפוילן
האָט אַ לעבנס־מינוט זיך געזעגנט
צווישן שעהן אַזעלכע, גרוילן

און אויך אין יענע לעבנסצעלטן
האָסטו ציינער שטרענג פאַרביסן
מיטגעבראַכט זיך נשמה־קעלטן
אַ אייביק ראַנגלען מיט געווויסן — — —

היינט קומען זעקס און צוואַנציק יאָר
לייגן פאַרחלשט זיך ביי דיין טריט
ס׳וויקלען מיך זיך אויפן קאָפּ די האָר
און ס׳לאַכט אַראָפּ אַ קייזערשניט — — —

און כ׳וויים, כ׳וויים אַליין :
דער זומער וויל זיך ביים לעצט צעקושן
אַ יוגנט נישט — וויל ייִנגער רייף
דעם לעצטן פייכט זיך נישט פאַרטושן

און ס׳וואַרטן יאָרן ביים טויער
ווילן ס׳האַרץ מיינס דעמאָלירן
כ׳האָב אָנגעהאנגען אויף זיי אַ טרויער
מוזן זיי זיך ברעכן טירן — — —

כ׳וויים אַליין : כ׳בין שוין שוואַך
צו קענען פירן דעם קאַמף מיט רייצן

ס'איז שוין גאָרנישט אין מיר וואַך
און כ'פאַרמאָג נישט מער קיין לייצן — — — —

נאָר כ'קען נישט קומען, אויפשטיין שטאַרק
און צום לעבן זיך צוברומען
אָט גוססט נאָך דער לעצטער וואָרג —
וואָס כ'האָב אין וועג זיך מיטגענומען — — — —

נאָר כ'ווייס ס'וועט קומען אויך אַמאָל
דאָס לעבן — און וועט מיין אומעט קעפּן —
ס'וועט אַ וויג טון זיך די שאָל
און איך וועל זיך לאָזן שלעפּן, שלעפּן — — — —

# און כ'ווייס נאָך אויך...

היינט ווייס איך: כ'בין אַ מערדער געווען —
ווען כ'האָב פרייד־געפילן אין מיר געשטיקט
און ווען אויגן האָבן מיך גערופן —
האָב איך בכיוון אַוועקגעבליקט...

כ'ווייס אַז ס'וועט שוין מער נישט זיין
יענע מינוט צום ווידערגלייכן
אַ צייט האָט זיך פאַרלייגט אין מיט
און אַוועקגעשטראָמט מיט בלויע טייכן

און כ'קלער אַמאָל: טאָמער דאָך —
האָט אַ טרער צוליב מיר אַדורכגעקוואַלט?
טאָמער האָט אַ געפיל געוויינט —
דערפאַר וואָס כ'בין געבליבן קאַלט

און כ'שעם זיך דאַן פאַר זיך אַליין
און כ'וויל אַליין זיך אין פנים שפייען:
ווי קען איך שטראָפן, מאָראַליזירן —
אַז כ'טראָג אַ צייכן פון אַ קין?

אפשר האָט אַ האַרץ געוויינט
אַמאָל אַזוי פון דער גאַנצער טיף ?
אפשר איז יענערס האַנט־באַוועג —
צו מיר געוועזן מיט דורשט אַ בריוו ?

ווער ווייסט וויפל כ׳האָב פיין פאַרזיייט
ווען כ׳האָב פאַרשטאָפּט פון געפיל די קוואַלן
כ׳האָב געקלעטערט לייטער־הויך
און דערביי טיף־געפאַלן — — —

# און אַז קיינער וועט מער נישט...

און אַז קיינער וועט דיך שוין מער נישט פאַרשטיין
נישט הערן דיין וואָרט, נישט פילן דיין וויי
און דו אַליין, מיד וועסטו זיין
נישט קענען מיט זיך מער צעשמועסן פריי

וועסטו זוכן אַרוים איינעם צו דיר
וואָס זאָל דיין שטומע שפּראַך דערקענען
די הענט ווילסטו טון אַ צעפיר
און אים, אין האַרץ ביי זיך אויפנעמען

וועסטו זען — ווי ווייט דו ביזט
אַליין... דו ביזט אַ אַליינער
זוך און זוך... און זוך אומזיסט —
דיין ברודער איז דער טרייער קיינער

טאָ נעם אַ טאָרבע און הענג זיך אָן
און גיי איבער די שוועלן בעטן
וועט עמעץ אפשר אַ ריר זיך טון
און די שוועל פון האַרץ באַטרעטן

גיי און זינג, גיי און קלאָג
באַמי זיך, דו, אויף אַלע שפּראַכן

ווּעסט אפשר אָנטרעפן אַמאָל אַ טאָג
ווען עמעץ וועט מיט דיר אויפוואַכן..

## פאַר וועמען ?...

פאַר וועמען איז דען פאַראַן צו זינגען ?
וועמען זאָל איך שענקען האַרץ ?
אַלץ אַרום איז פאַרגליווערט;
כ'טו אַ בליק בלויז און ווער פאַרשטאַרט

כ'קום פון דורות מיט זינגער־מוחות
וואָס האָבן פלאַמען אין בלוט פאַרפלאַנצט
און איך אַליין בין מיטגעצונדן —
אַ קליינטשיק בלעטל פון גרויסן קראַנץ

איז וועל איך זינגען, וועל איך קלאָגן —
ווער וועט וועלן מיך פאַרשטיין ?
אַז אַמאָל אין מינוטן שוואַכע
ווער איך פרעמד פאַר זיך אַליין

לייג איך אַמאָל אַוועק די פעדער
און שריי אין זיך אַריין : פאַרגעס !
און ווען איך שרייב אויפסניי דאָ ווידער
שטייגט פון קבר אויף אַ מת — — — —

## ס'קלאַפּט ניט קיינער אין דער טיר...

ס'קלאַפּט נישט קיינער אין מיין טיר
איז אפשר גוט וואָס כ'בין מיט זיך
נאָר ס'האָט ס'האַרץ דעם צאַפּל ליב
ווען אין קאָרידאָר רוישט אַ שיך

כ׳שלים אַליין די טיר צו
און כ׳וואַרט אַליין דערנאָך : מ׳גייט !
כ׳וויל אַליין פֿאַרזיכיך רו
און כ׳האָרך צי ס׳טראָגט נישט ווער מיר פרייד

אָט ווען עמעץ קומט דורך שליסל־לאָך
און בלייבט זיך שטיין : אָט בין איך דאָ !
וואָלט איך אפשר אויפגעקאָכט —
און געשאָלטן די פֿאַרשטערטע שעה...

נאָר שפּעטער ווען יענער זאָל אַוועק
וואָלט ביי דער טיר געהאנגען מיין געהער
און יעדער גערויש וואָלט מיך גערעגט :
קומט נישט ווער ? קומט נישט ווער ?

# פֿאַרן אָפֿענעם פֿענסטער...

פֿאַרן אָפֿענעם פֿענסטער זע איך די וועלט
און פֿאַרגעס זיך אַליין צו דערבליקן
אָט האָט אַ שויב זיך דאָרט צוהעלט —
און באַהאַלט פֿאַר זיך דאָרט פֿרעמדע גליקן

אָט שטייט אין זייט אַ מיידל און וואַרט —
צו וועמען קוקט זי דאָרטן אויבן ?
ס׳האָט אפשר ווער זי אָפּגענאַרט —
און ס׳איז איר געבליבן בלויז דער גלויבן...

און דאָ אַ פּאָרל פֿריידט פֿאַרביי
געזאַנג אין טריט, הענט אויף אַקסל...
אַ שאָד וואָס גאָט באַשאַפֿט נישט אויפֿסניי —
אַז מענטש אין מענטש זאָל פֿאַרוואַקסן — — —

און צוויי וועלטן טרעפֿט עס דאָרט
ביים פֿענסטער אָט דעם העלן

איינע זוכט אַ שטילן אָרט
די צווייטע טרייבט עס פון די שוועלן...

ס'איז פון אייביק אָן שוין אַזוי
און כ'וויל קיין נייעס דאָ נישט דערציילן
כ'האָב ניט מיט זיך קיין פרישן טוי
אַלטע צערן אויפצוהיילן

כ'זאָג עס בלויז אַזוי פאַר זיך:
פאַרן אָפענעם פענסטער איז גוט צו שטיין...
זעסט אַ וועלט אין פאַרגליך —
און זעסט דערביי נישט זיך אַליין...

# איך האָב מיין גאָט פאַרלוירן...

איך האָב מיין גאָט אַמאָל פאַרלוירן
און קען אים מער שוין נישט געפינען
קומען טעג ווי גרויע מויערן —
ווען מ'קען אַראָפּ פון זינען...

זוך איך אים אין זונענשיין
און אין מיין שטילן חלום־שפינען
באַטש איך ווייס ביי זיך אַליין
איך וועל אים דאָרט שוין נישט געפינען...

און ווען אין נעכט קומט די שרעק
און נעמט אַרום מיט שטאַרע גלידער
וואַרט איך בלויז אויף דעם דערוועק
ווען איך זאָל אים האָבן ווידער...

איך האָב פאַרלוירן אַמאָל מיין גאָט
און קען אים מער שוין נישט געפינען...
גאָט! גיב מיר אַ גאָט —
ווי אַמאָל אין מיין באַגינען...

# שרייבט דאָ אַ מענטש...

ס׳שרייבט אַ מענטש דאָ ווערטער שטילע
ווער ס׳וויל — דער הערט אַ ליד
נאָר קיינער ווייסט נישט אַז — ווי צו נעילה
איז יעדער וואָרט אַ שטיק געמיט

כ׳ווייס נישט ווער ס׳רופט מיין קלאַנג
אפשר איז עס — איך אַליין ?
כ׳שענק נישט קיינעם מיין געזאַנג
און כ׳היט אין זיך מיין געוויין

נאָר אַמאָל אין מינוטן שוואַכע
ווען דער צער קאָכט זיך שטום
קומען ווערטער האַלבע, פלאַכע
אַ געשטאָרבן בלעטל פון אַ בלום...

ס׳שרייבט אַ מענטש דאָ ווערטער שטילע
מענטשן זאָגן : ס׳איז אַ ליד !
נאָר ווער ס׳וויל דער הערט אַ תפלה :
ווער נישט מיד ! ווער נישט מיד !

פאַריז, יוני 45 — מערץ 1946

# באמערקונגן און דערקלערונגען:

## צו „אַ דור איז פאַרגאַנגען...״

די קאַפּיטלען „אַ לעבן אַזוינס״ און „פון מיין שטעטל״, זענען בלויז קליינע שטריכן צו דעם וואָס דער מחבר וויל אין אַ פאָלקסטימלעכן סטיל אָנשרייבן אויפן פּאָן פון זיינע אויטאָביאָגראַפישע איבערלעבענישן. איין געשילדערטער טיפּ, דער מוסרניק ר׳ מ ע נ ד ל , ווערט ברייט אַרויסגעפירט אַלס הויפּט־העלד אין דער גרעסערער דערציילונג „מחיי הנובורדקאים״, וועלכע ווערט צוגעגרייט צום דרוק אין בוך־פאָרם.

ר׳ אפרימקע — איז אַ רעאַלע פיגור, געשילדערט געטריי לויט דער ווירק־לעכקייט זיינער... די אַריינגעוועבטע לעגענדעס זענען אָדער פון אים געהערטע אָדער אויפגעכאַפּטע פון פאָלקס־מויל, אין די קינדער־יאָרן, אין די לאַנגע ווינטער־נעכט פון בית־המדרש. צוליב דער אוממעגלעכקייט צו באַקומען די נויטיקע דערצו ספרים, וואָס האָבן אינספּירירט ר׳ אפרימען, צו זוכן די שעבערשינער מערה, איז דאָ בלויז אָנגעמערקט געוואָרן דער ציטאַט פון „חסד לאברהם״, וועלכן דער מחבר גיט אפשר אָן עטוואָס־אומפּינקטלעך, שטיצנדיק זיך אויפן זכרון, זייט יענע טעג ווען ער האָט אים געזען ביי ר׳ אפרימען אין האַנט...

## צו „פון אונזערע טעג...״

„אַ שעה מיט דער אייגענער וויזיע״ — איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָנהויב אויגוסט 1945. ס׳האָט דער מחבר געהאַלטן פאַר זיין חוב מיט עפּעס־וואָס אויסצו־דריקן זיין שולדיקייט פאַר די נשמות, וואָס האָבן מיט זייער אומקום געלאָזט נאָך זיך אַ קדושה־ניצוץ פון אייביק־יידישן קידוש־השם. ער גלויבט אַז ביזן היינטיקן טאָג האָט נאָך דער יידישער איבערבלייב נישט געטון אַ טייל פון דעם חוב פאַרן זכרון פון אַזאַ ג ר ו י ס ן ט ו י ט ווי אַרטור זיגלבוימס און פון אַלע אַנדערע. נישט קענענדיק נאָך אַריינברענגען אין דאָזיקן בוך די פּאָעמע „זיגלבוים״ און קאַפּיטלעך פון פאַרלוירנגעגאַנגענעם בוך „נביאיש״, וואָס שווערן אויפן געמיט און וואַרטן אויף זייער איבערדערמאַנונג, אויספילונג און צוגרייטונג צום דרוק — איז עס אַריינגענומען אין בוך ווי אַ דערמאָנונג אין דעם וואָס דאַרף ערשט געזאָגט ווערן.

די קאַפּיטלען „דערנאָך״, „און אַזוי איז עס צוגעגאַנגען״, „און אַזוי איז אַ שבתדיקע עדה...״, „אין טאָג פון אומגערעכטן משפּט...״, שילדערן דעם שבתדיקן טאָג פון כ״ד ניסן תש״ב, די דאַטע פון דער ערשטער „אַקציע״ אין זאַמאָשטש...

„דער לעצטער ייד פון געטאָ" איז די כראָניק פון אַ אויטענטישער געשעעניש, וואָס האָט דעם אָנהויב בערך ראש־השנה תש"ג און ענדיקט זיך אַרום חשוון־צייט פון תש"ג, ווען דער בעקער משה ראַפּאָפּאָרט מיט צביה'ן זענען דערשאָסן געוואָרן...

„שלמה דער סטאָלער דערציילט" און „צו אייך הונגעריקע" זענען ס'ערשטע מאָל אויפגעצייכנט געוואָרן אין לאַגער פון סקאַרזשיסקאַ־קאַמיעננאַ — ווערכן דער מחבר האָט געווידמעט זיין טריאָלאָגיע „אויסגעברענטע ליכט", וווּ עס קומט אויך אַריין דער גאַנצער טעקסט און אונטערגרונד פון דער פּאָעמע; אין דאָזיקן בוך איז בלויז געגעבן אַ פראַגמענט דערפון.

„אַ מענטש איז זיך מתודה" איז אָנגעשריבן געוואָרן אין בוכנוואַלד און שילדערט די אומגעוויינלעכע ווידוי פון אַ מיטגליד אין דער יידישער ווידערשטאַנד־גרופּע פון בוכנוואַלד.

# אפּטײַטשונגען פון ווערטער אין בוך, וואָס נויטיקן זיך אין אויפקלערונג

| זייט | שורה | |
|---|---|---|
| 17 | 2 | „דאָרף־פּאַכטער" — אַ מענטש וואָס דינגט אָפּ עפּעס אין אַרענדע ביים פּריץ פון דאָרף. אין דעם פאַל — אַ מילך־הענדלער, פון פויליש: „פּאַכציאַזש". |
| 17 | 22 | „שקאָלעס" — אַ פּאָלאָניזם וואָס באַדייט אין יידישן אַ קריסטלעכע שול. |
| 20 | 24 | „לאַטעק" — אַ באַצייכענונג פון ביטול פאַר אַ אָרימאַן וואָס גייט געוויינלעך פאַרלאַטעטע מלבושים. |
| 23 | 12 | „שאַלאָפּים" — אַ קאָנספּיראַטיווע באַצייכענונג פאַר יונגע גאַסן־חברה אָנשטאָט שקצים, וואָס איז שוין באַקאַנט געווען די פּאַלאַקן. |
| 24 | 4 | „פּיאָלון־ביטער" — אַ באַצייכענונג אויף דער העכסטער מדרגה ביטערקייט, פון אַ ביטערן געוויקס. |
| 41 | 35 | „סטאָלער" — מעבל־אַרבעטער, פון פויליש: „סטאָלאַרזש". |
| 47 | 8 | זשאַקעטל — לייכטער כאַלאַט; ספּעציפיש־חסידישער לאַנגער מלבוש. |
| 47 | 16 | זלאָטעס — פּוילישע וואַלוטע. |
| 52 | 28 | פאַרטשאַטעט — באַהאַלטן, כּדי עפּעס אויסצושפּירן. |
| 54 | 27 | כיור — אַ ספּעציפישער האַנט־פאַס אין די פּוילישע יידישע דאַוון־שטיבלעך, צו וואַשן זיך. |
| 55 | 11 | דאַרף זיין: נאָר „עמך"... |

| | | |
|---|---|---|
| 58 | 16 | כאַמעט — לעדער־געשפּאַן אויפן פערדישן האַלדז. |
| 58 | 32 | „בורקע" — דיקער קוטשער־מאַנטל. |
| 58 | 34 | סקורקע — פעל. |
| 59 | 3 | שקראַבע־שיך — שיך וואָס שלעפּן זיך שוין נאָך, צעריסן, פון פוס. |
| 59 | 4 | טשאַפּעט — גייט שלעפּנדיק די פיס פון מידיקייט. |
| 88 | 17 | גאַליש־טינט — פעך־שוואַרצע טינט, באַנוצט פון סופרים צו שרייבן ספר־תורה׳ס. |
| 118 | 6 | קופערט — האַלב־קיילעכדיקער קאַסטן צו האַלטן חפצים. |
| 119 | 8 | דיאַבל — פוילישע באַצייכענונג פאַרן טייוול. |
| 124 | 2 | פלען — קריגס־געפאַנגענשאַפט. |
| 150 | 22 | קיילערשע — פרוי פון אַ חזיר־הענדלער. |
| 166 | 6 | שפּייער — אַ רעוואָלווער. |
| 167 | 24 | גוראַלעס — פוילישע 500־באַנקנאָטן. |

# עס דערשיינען אין קורצן פון זעלבן מחבר:

פון ציקל „אויסגעברענטע ליכט״:

מיידאַנעק.

אין די פאַבריקן פון טויט.

עס ווערן צוגעגרייט צום דרוק:

ווערק צע.

גורלות (בילדער פון „אויסגעברענטע ליכט״).

מחיי הנובורדקאים („מספורי זקן מנעוריו״).

(פון לעבן פון די „מוסרניקעס״; ווערט אויך איבערגעזעצט פון מחבר אויף יידיש).

די ערשטע ליבע פון קאַפּל מאַטש (ראָמאַן פון אַ אונטערגעגאַנגענעם דור).

נאָכדעם וואָס ס׳איז געשען... (עסייען, אָפּהאַנדלונגען און באַמערקונגען נאָך דער חורבן־תקופה).

אין אַ פרעמדן דור (צווייטער באַנד לידער און פּאָעמען).

אַ וועלט גייט אונטער (פּאָעמען).